UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 115 - Spring 1990 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0s30g5z3

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 115(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1990

Copyright Information
Copyright 1990 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

הדסה קלעסטין

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

**115**

פרילינג
תש"ן

SPRING
1990


ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט


שואל גוטמאַן: האָבן מיר אַן אַמעריקאַנער יידישע קולטור? ___ 3
מאיר חרץ: "מיר" (ליד) ___ 9
משה שקליאַר: לידער ___ 9
משה עטינגער: לידער ___ 10
חנן קיעל: איציק מאַנגער דער ראָמאַנטיקער ___ 11
חיים שוואַרץ: אַ טרער אויפן קבר פון מיין טאַטן (פּאָעמע) ___ 19
לילי בערגער: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די
עמאַנציפּאַציע פון די פראַנצויזישע יידן ___ 23
הינדע זאַרעצקי: לידער ___ 31
חיים קעניגער: לידער ___ 32
ביילע שעכטער גאָטעסמאַן: לידער ___ 32
שמואל איזבאַן: די פיר און צוואַנציק שעה פון אויגוסט גייגער (דערציילונג) 33
ישראל גובקין: קאָוועל, וואָלין (פּאָעמע) ___ 45
מאיר חרץ: לידער ___ 47
עקיבא פישבין: די צען טעפּיכער פון מרדכי אַרדאָן ___ 51
חנן קיעל: לידער ___ 59
לאָטי פ. מלאך: מיניאַטורן ___ 60
רבקה קאָפּע: לידער ___ 66
יעקב שייפּער: אַ טעות אין נאָמען האָט מיך גערעטעוועט ___ 67
גרוניא קאהאן: לידער ___ 69
יוסף האָרן: עכטע דיכטער די בעסטע עדות פון דער צייט ___ 70
משה שקליאַר: חנן קיעלס "אין ווינט פון זכרון" ___ 73
יצחק קאהאן: שלם עליכם זיין לעבן אין בילד ___ 77
שיע טענענבוים: דאָס שטילע ליד וועגן אונדזער טראַגישער היסטאָריע ___ 86
כראָניק פון ל.אַ יידישן קולטור־קלוב ___ 89
נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע ___ 90


די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
ד״ר מאַרטין טאַפּט, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

***PERIODIC LITERARY REVIEW***

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A. CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, Financial Sec'y and Administrator
337½ N. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif. 90048-Tel. 655-1292
Members: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ & J. SHAFER



Subscription price: $ 8.00 per year

**חשבון**
**נומ. 115**
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאר: רעדאַקטאָר
ישראל גובקין: מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג: מיטגלידער:
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
און אַדמיניסטראַטאָר
נתן גראַוויטש, משה כהן
און
יעקב שייפער

45 סטער יאָרגאַנג, נומער 115 · פרילינג 1990 · לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

## ה'תש"ן 5750

**שואל גוטמאַן** / ניו־יאָרק

# האָבן מיר אַן אַמעריקאַנער ייִדישע קולטור?

ס'ווערט איצט אָנגענומען פון רוב אַמעריקאַנער ייִדישע סאָציאָלאָגן און היסטאָריקער אַז אַמעריקאַנער ייִדן, ענלעך צו די קאַנאַדער פּראָנצויזן, געהערן צו די מינאָריטעטן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס ווען אָנהאַלטן זייער אַנדערשקייט וויזאַווי מאַיאָריטעט קולטור. ייִדן — אַ דאַנק זייער געשיכטע וואָס האָט זיי געלערנט ווי צו לעבן אַלס אַ מיעוט, און ווײַל זיי באַנוצן אייגנאַרטיקע אינסטיטוציעס און סימבאָלן פון אַ באַזונדערער עקזיסטענץ. דער ייִדישער היסטאָרישער באַוווּסטזײַן, דער אָפּזאָץ פון אַ פיר־טויזנט־יעריקער געשיכטע קען ווערן פאַרגליכן מיט דער טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע פון די קאַנאַדער פּראַנצויזן. פונדעסטוועגן הערן אַמעריקאַנער ייִדישע געלערנטע ניט אויף צו וועגן און מעסטן די ייִדישע קולטור — פּאָזיציע אין אַמעריקע, און ווען ס'קומט אונטער אַ קײַלעכדיקע דאַטע ווערט מען חשבון־הנפשדיק. און מע ספעקולירט בקול רם: צי איז מעגלעך אַן אַמעריקאַנער ייִדישע קולטור? צי זעט מען שוין סימנים פון אַן אויפקומענדיקער ייִדישער קולטור אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט?

די פערטליאָריקע שריפט "דזשודאַאיזם", אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָמינענטן געלערנטן ד"ר ראָבערט גאָרדיס, האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע: "די מעגלעכקײַט פון אַ ייִדישער קולטור אין אַמעריקע", מיט דער באַטייליקונג פון צוויי אָנגעזעענע אַמעריקאַנער ייִדישע שריפטשטעלער און קריטיקערס: העראָלד בלום, פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין יעיל־אוניווערסיטעט, און ראָבערט אַלטער, פּראָפעסאָר פון העברעיִשער און קאָמפּאַראַטיווער ליטעראַטור, אין אוניווערסיטעט פון קאַליפאָרניע. ביידע געלערנטע זענען די מחברים פון אַ ריי אָנגענומענע ווערק אין אַקאַדעמישע קרײַזן, און ביידע שטייען איצט אויפן הויכפּונקט פון זייערע ליטעראַרישע קאַריערעס. ס'איז דעריבער כּדאַי זיך צו באַקענען מיט זייערע מיינונגען, ספּעקולאַציעס און פּראָגנאָזן.

דער ערשטער רעפערענט, פּראָפ בלום, האָט באַלד אין אָנהייב געשטעלט אַ פּעסימיסטישן טאָן, און געפּסקנט אַז די איצטיקע אַמעריקאַנער ייִדישע קולטור איז ניט אַמעריקאַניש, ניט ייִדיש, ניט קיין קולטור, ווײַל קולטור איז נאָך ניט אײַנגעפעסטיקט אין אַמעריקע, און זי קען ניט זײַן ייִדיש, ווײַל ייִדיש (דער אַדיעקטיוו) מיינט, לויט אים, עפּעס וואָס איז רעליגיעז, בעת קולטור איז אַ סעקולערע קאָנצעפּציע. ער ציטירט לייאָנעל טרילינג'ס דעפיניציע פון קולטור: "קולטור מיינט צו שאַפן אַ פאַרשטאַנדיק

לעבן, צו קאָנפראָנטירן די פּחדים פון דער אויסערלעכער און אינערלעכער וועלט, צו עטאַבלירן דעם ריטואַל און די קונסט, די פּיעטעט און התחייבותן וואָס מאַכן מעגלעך דאָס לעבן פון כלל און יחיד — אָט דאָס איז קולטור". ער זעט בלויז צוויי ייִדישע קאַנדידאַטן אויף גרויסקייט אין דער מאָדערנער קולטור — פרויד און קאַפקאַ, אָבער אַזוי ווי זיי זענען ניט געווען קיין רעליגיעזע ייִדן זענען זיי ניט קיין רעפּרעזענטאַטן פון ייִדישער קולטור. ער גייט נאָך ווײַטער: ער צווייפלט צי אַפילו מדינת ישראל, אין אירע וועסטערניזירטע, קולטורעלע, און ניט נאָרמאַטיווע ייִדישע אַספּעקטן האָט מער שייכות מיט די דיאַספּאָראַ־טראַדיציעס ווי מיר אין אַמעריקע. דעריבער פירט ער אויס אַז מיר האָבן נאָך ניט קיין אַמעריקאַנער ייִדישע קולטור. ס'איז צו פרי. פרויד און קאַפקאַ זענען אויפגעקומען שפּעט אין דער ייִדישער קולטור אויף דײַטש. מיר האָבן נאָך אַפילו ניט פּראָדוצירט קיין היינע. אמת, אַרגומענטירט ער, מיר האָבן עטלעכע גוטע נאָוועליסטן, אָבער קיינער פון זיי איז ניט קיין מעלוויל, אָדער הענרי דזשיימס. מיר האָבן עטלעכע גוטע פּאָעטן, אָבער קיינער פון זיי איז ניט קיין וואָלט וויטמאַן, אָדער עמילי דיקינסאָן. מיר האָבן געלערנטע און קריטיקערס, אָבער קיינער פון זיי איז ניט קיין עמערסאָן.

אַחוץ דעם, באַצייכענען פרויד און קאַפקאַ די לעצטע ייִדישע אויפטוואונגען אין גלות, אָבער אַמעריקאַנער ייִדן זענען ניט אין גלות, און ווײַל אונדזערע היגע קולטורעלע אויפטוונגען וועלן ניט טראָגן אויף זיך דעם פלעק פון גלותדיקייט, דערפאַר וועט זײַן שווער צו דערקענען אַז ס'איז ייִדיש. צום סוף פון זײַנע באַטראַכטונגען ווערט בלום אַ ביסל האָפנונגספּולער און פרעגט: וואָס איז די אידענטיטעט פון סעקולערן אַמעריקאַנער ייִד? די ייִדישע אמונה איז טאַקע ניט טויט אין אַמעריקע, אָבער זי דאָמינירט ניט דאָס לעבן פון רוב אַמעריקאַנער ייִדן, און אַזוי ווי מיר זענען מער ניט קיין "טעקסט — באַזעסן" פאָלק, ס'הייסט, מיר האָבן מער ניט די אָבסעסיע פון טעקסט־צענטרישקייט, אָדער פון לערנען, אַזוי מיינט ער, זענען מיר דעריבער אין געפאַר צו פאַרשווינדן.

פאַראַן נאָך אַ ריי אַרײַנבליקן אין פּראָפ. בלומס רעפעראַט, אָבער די גרונט־טעזע בלײַבט אַז די צוקונפט פאַר אַן אַמעריקאַנער ייִדישער קולטור איז טונקל.

דער דאָזיקער פּראָגנאָז איז, לויט מײַן מיינונג, געבויט אויף אַ גאָר שוואַכן יסוד. מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט דער פּראָפעסאָר זיך באַטייליקט אין אַ סימפּאָזיום אין ירושלים, ווו ער האָט אויסגעדריקט דעם זעלביקן רעיון אַז מיר ייִדן האָבן אויפגעהערט צו זײַן אַ טעקסט־צענטריש פאָלק, אַן עם הספר. איך האָב שפּעטער קאָמענטירט אַז דאָס שטימט ניט מיט די פאַקטן, ווײַל די אַלע דיסערטאַציעס און ביכער וואָס ווערן לעצטנס געשריבן פון אַמעריקאַנער ייִדישע געלערנטע, עסייִסטן, נאָוועליסטן זענען ניט קיין באַווײַז פון פאַרלאָרענעם אינטערעס אין טעקסטקייט, ווי ער רופט עס. צווייטנס, האָבן מיר אויף דעם דערמאָנטן ירושלימער סימפּאָזיום פון אים געהערט, אַז דאָס אַלעק־סאַנדרישע ייִדנטום, אין אַלטערטום, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שעפערישן ייִדישן קיבוץ וואָס איז אונטערגעגאַנגען ניט מחמת אינטעלעקטועלער סטעריליטעט, און העלעניסטישער אַסימילאַציע, נאָר צוליב אויסערלעכע סיבות: מלחמות, אינוואַזיעס, פּאָגראָמען. פון דער אַלעקסאַנדריער דערפאַרונג האָט ער אָפּגעלערנט, און דאָס איז אפשר אַ ריכטיקער מוסר־השכל — אַז אין אונדזער צײַט, אין אַמעריקע, ווען דער רוב ייִדן לעבט ניט על פּי הלכה, קענען יאָרן מיר אויך האָפן אויף אַ שעפערישן ייִדישן קיום. וואָס איז געשען במשך די לעצטע יאָרן, וואָס זאָל דעם קריטיקער אָנפילן מיט אַזעלכע טונקעלע מחשבות בנוגע דער צוקונפט?

דריטנס, זענען דען אַזעלכע שעפערישע ייִדן ווי גרעץ, וואָס האָט געשריבן אויף דייטש, דובנאָוו וואָס האָט געשריבן די וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק אויף רוסיש, סאַלאָ באַראָן וואָס האָט פאַרפאַסט זײַן סאָציאַלע און רעליגיעזע געשיכטע פון ייִדן אויף ענגליש — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע מאָדערנע גרויסע ייִדן — ניט קיין אויטענטישע מוסטערן פון עכטן ייִדישן גײַסט?

אַחוץ די אַלע קשיות אויף בלומס טעזיסן, איז עס ממש דערשטוינענדיק זײַן איגנאָרירן די הערלעכע ייִדיש־עפּאָפּיי וואָס פיר דורות ייִדן האָבן אַרײַנגעשריבן אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער געשיכטע, פון מאָריס ראָזענפעלד ביז יעקב גלאַטשטיין, און ווײַטער. ייִדן וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט קיין באָדן אונטער די פיס, האָבן שוין געקלעטערט אויף לייטערס צום הימל! אָט די דאָזיקע ייִדיש־שעפערישקײַט ווערט אַפילו ניט דערמאָנט און אַפילו ניט באַקלאָגט, ניט באַדויערט! אין בלומס טראַכטענישן איז אין גאַנצן ניט בנמצא די אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, עסייִסטיק, און פובליציסטיק, ווי אַזוינס וואָלט קיינמאָל ניט עקזיסטירט!

דער פּראָפעסאָר וואָס האָט אַנטדעקט אונדזער נסתר (די קבלה) וואָלט דוכט זיך לײַכט געקענט אַנטדעקן דעם נגלה — די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור. אפשר, ווען די איצטיקע אינטעלעקטועלע מאָדע פון אַנטיראַציאָנאַליזם און עסאָטעריקאָ וועט זיך בײַטן, וועט דער קריטיקער אויך אַרײַננעמען עטלעכע ייִדיש—קינסטלער אין זײַן פּאַנטעאָן. יאָ, ער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק באַוויזן אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע פון דער "ניו—יאָרק טיימז" אַז ער לייענט אין אָריגינאַל די אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעזיע און באַטראַכט זי ווי אַ שעפעריש קאַפּיטל. (עס זעט אויס, אַז מיר האָבן אויך סעקולערע בעלי—תשובה...)

אין דעם רעפעראַט פון צווייטן סימפּאָזיאַנט, פּראָפּ ראָבערט אַלטער, הערן מיר שוין מונטערע טענער, אַז אַלץ איז נאָך ניט פאַרלוירן. ער לאָזט אונדז וויסן אַז מיטן אויסדרוק קולטור מיינט ער הויכע קולטור ניט די קאָלעקטיווע אויפפירונג וואָס עטנאָגראַפן פאָרשן, נאָר די קולטור וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורכן רמב"ם, און ווילנער גאון; ניט בייגל און לאַקס. ער איז מסביר אַז ווען מע זאָגט בײַ ייִדן ייִדיש (דעם אַדיעקטיוו) מיינט מען אַ שייכותדיקע, אויטענטישע קאָנטינואיטעט מיטן ייִדישן עבר, און ווען מע זאָגט אַמעריקאַניש מיינט מען עכט אַמעריקאַניש, עפּעס וואָס איז אויפגעקומען אויפן אַמעריקאַנער באָדן. ער טענהט, אַז דער פאַקט וואָס עס איז אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע ניט געווען קיין אַנדער תּפוצה וווּ ייִדן זענען געווען אַזוי אינטעגרירט אין לעבן פון לאַנד, און ווו זיי האָבן זיך געפילט אַזוי היימיש ווי אין אַמעריקע; אָט דער פאַקט אַז זיי האָבן דערגרייכט אַזאַ ספּעציפיש אַמעריקאַנער אידענטיטעט, שטעלט אין ספק צי זיי האָבן רעאַליזירט דעם ייִדישן קאָמפּאָנענט אין זייער אידענטיטעט. ער באַטאָנט אַז די מעגלעכקײַט פון אַ ייִדישער קולטור אין אַמעריקע פילט מען אַמשטאַרקסטן בײַם לינגוויסטישן פּראָבלעם, ד"ה אין שייכות צום ענין ייִדיש־העברעיש כּנגד ענגליש. דאָ, מיין איך, האָט ער אָנגערירט דעם תּוך פון פּראָבלעם אָבער, ליידער, בלויז פאַר בייגייענדיק.

פּראָפּ אַלטער קאָנצענטרירט זיך דער עיקר אין זײַן רעפעראַט אויף דער אַמעריקאַנער ייִדישער בעלעטריסטיק וואָס ווערט געשריבן אויף ענגליש. ער שטרײַכט אונטער אַז אַמעריקע קען מען ניט פאַרגלײַכן צו דער דײַטש־רעדנדיקער וועלט פון קאַפקאַ, ווו די טויערן צו אַסימילאַציע זענען ניט געשטאַנען אַזוי אָפן ווי דאָ. לויט זיין מיינונג האָט דער ייִדיש־ליטעראַרישער רענעסאַנס אויף ענגליש אין אָמעריקע גדויערט אַרום צוועלף

יאָר פֿין 1953 ווען ס׳איז דערשינען סאול בעלאָו׳ס: ״די אַוואַנטורעס פון אָוגי מאַרטש״, ביז 1964, ווען ס׳איז דערשינען ״הערצאָג״.

אַלטער ציטירט פון קאַפקאַס אַ בריוו צו מאַקס בראָד, ווו ער שרײַבט אים אַז מערסטע יונגע ייִדן וואָס האָבן אָנגעהויבן שרײַבן דײַטש האָבן געוואָלט איבערלאָזן זייער ייִדישקײַט הינטער זיך, אָבער מיט זייערע הינטערשטע פיס — קאַפקאַס אויסדרוק — זענען זיי נאָך געווען צוגעבונדן צו זייערע טאַטעס ייִדישקייט, און מיט זייערע וואַרפנדיקע פאָדערשטע פיס האָבן זיי ניט געפונען קיין נײַעם באָדן. דער ייִאוש וואָס האָט געשטאַמט פון דער דערפאַרונג איז געוואָרן זייער אינספּיראַציע. אָט דאָס בילד פון דײַטשלאַנד פּרובירט אַלטער אָנווענדן אויף דער אַמעריקאַנער סיטואַציע. דערצו, אַרגומענטירט ווײַטער דער קריטיקער, איז די אַמעריקאַנער ייִדיש—ענגלישע בעלעטריסטיק אַ שפּיגל פון ייִדן אין איבערגאַנג. דערפֿאַר קען עס ניט אויסהאַלטן די פּראָבע פון אויטענטישער ייִדישקײַט, הגם געוויסע בעלטריסטישע ווערק פון אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבערס האָבן אַרטיקולירט די אַמביוואַלענץ פון אַ פאַרפלאָנטערטער קולטורעלער אידענטיטעט, און דאָס איז אַ וויכטיקע פונקציע פון קינסטלערישער ליטעראַטור, דורך דעם ווערט אויסגעדריקט דער אימאַזש פון זייערע אינערלעכע קאָנפליקטן.

איינע פון די בעסטע דערציילונגען וואָס אילוסטרירן די דאָזיקע קאָנפליקטן פון אידענטיטעט, איז, לויט אים, סינטיאַ אָזיק׳ס נאָוועלע: ״קנאה, אָדער ייִדיש אין אַמעריקע״. דאָ ווערט אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ ייִדישער קולטור אין אַמעריקע, און די צוויי הויפּט־העלדן פון דער דערציילונג — אָסטראָווער און עדלשטיין — זענען סימבאָליש פאַרן גורל פון דער עכטער ייִדישער קולטור, וואָס איז אפשר סובטיל, און טיף אין דער ייִדישער שפּראַך, אָבער אין שייכות צום הויפּט־שטראָם פון דער וועלט־קולטור איז זי פאַרמשפּט צו זײַן אַ קליין ריטשקעלע.

דאָ איז אימפּעראַטיוו צו דערמאָנען אַלטערן, פּאַראַפראַזירנדיק יעקב גלאַטשטיינס קרעדאָ, אַז די גרויסע וועלט האָט פונדעסטוועגן געפונען דאָס ״קליינע ריטשקעלע״ הגם ס׳האָט איר גענומען הונדערטער יאָרן ביז זי איז געקומען צו אונדז פאָדערן אונדזערע נביאים פאַר זייערע ספּעטואַגינטאַס, ווולגאַטאַס, און קינג דזשיימסעס. מיר הײַנטיקע ייִדן מעגן אויך האָבן צײַט צו וואַרטן ביז זיי וועלן קומען צו אונדז אויסזוכן אונדזערע נחמן בראַצלאַווערס, ביאַליקס, שלום—עליכמס, פּרצס — אויב נאָר אין ״ריטשקעלע״ וועלן זיך געפינען פּערל, וועט מען זיי אויסזוכן...

צײַטנווײַז, ספּעציעל אין לעצטן טייל פון זײַן רעפעראַט, הערן מיר מונטערע טענער. ער זעט אַ ביסל טרייסט אין דעם וואָס די אַמעריקאַנער תפוצה איז אַנדערש פון דײַטשלאַנד: ס׳איז אַ לאַנד פון מינאָריטעט־קולטורן, דאָ פילט ניט דער ייִד קיין ייִאוש, נאָר אַ פאַנטאַסטישע שפּרודלדיקײַט אין זײַן לעבן צווישן צוויי קולטורן. אָבער באַלד רײַסן זיך אַרײַן אין זײַנע ספּעקולאַציעס סקעפּטישע טענער, און ער פּסקנט אָפּ, אַז כאָטש ייִדן האָבן געלעבט אין אַ סך פאַרשידענע קולטורן, און זענען געוואָרן פון זיי באַאײַנפלוסט, האָבן זיי קיינמאָל ניט געשאַפן קיין אייגנאַרטיקע אימאַזשינאַטיווע ליטעראַטור, אַחוץ אין עכט ייִדישע שפּראַכן, ס׳הייסט אין העברעיִש. ער גיט ווי אַ בײַשפּיל ר׳ יהודה הלוי וועלכער האָט געשריבן דעם כּוזרי אין אַראַביש, אָבער די לידער זענען אויף העברעיִש.

דער דאָזיקער אַרביטראַרער אורטייל פּאַרזעט אַ רייַ צענטראַלע ליטעראַרישע דערשיינונגען אין דער ייִדישער געשיכטע וואָס נעגירן אים. ראשית, האָבן ייִדן אין אַלטערטום געשאַפן אין בבל די גמרא, אין וועלכער די אגדות — בעלעטריסטיק פאַרנעמט אַ וויכטיקע פּאָזיציע, אויף אַראַמייִש. און אויך דער זוהר וואָס איז, לויט גרשום שלום, גיכער אַ מיסטישע נאָוועלע ווי אַ סיסטעמאַטישע אָפּהאַנדלונג; אויך אַקדמות, און דער זמר ״יה רבון״ זענען פאַרפאַסט געוואָרן אויף אַראַמייִש. און וואָס איז מכּוח היינע׳ס לידער אויף ייִדישע מאָטיוון, און זייַן ״רבי פון באַכראַך״ און די בעלעטריסטיק און פּאָעזיע פון אַ זאַנגוויל, אײַזיק ראָזענבערג, איסאַק באַבעל, אַברהם קליין, ריכאַרד בער־האָפמאַן, נעלי זאַקס, און אַ סך אַנדערע וואָס האָבן געשריבן אין פאַרשידענע לשונות?! אָבער צו דער ראָלע פון שפּראַך אין דער ייִדישער קולטור וועלן מיר זיך נאָך אומקערן. צווייטנס, האָט דאָך דער קריטיקער פאַרגעסן, אַז אַמעריקע איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע תּפוצות ווײַל אין ערגעץ האָבן מיר זיך ניט געפילט אַזוי פרייַ, און אין דער היים ווי דאָ. טאָ ווי קען מען ברענגען ראיות פון שפּאַניע, ווען דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ איז אַ נײַער פענאָמען אין דער ייִדישער געשיכטע, צו וועלכן ס׳איז ניטאָ קיין אַנאַלאָגיע? ווען עס האַנדלט זיך וועגן שפּראַך־פּראָבלעם ווערט פלוצלונג דער סאָפיסטיצירטער קריטיקער אַ דאָגמאַטיקער...

בײַם סוף פון זײַן אָפּהאַנדלונג געפינט פּראָפ. אַלטער אַ ביסל ליכט אין די אַמעריקאַנער אַקאַדעמיעס. דאָ, אין די אוניווערסיטעטן זעט ער סימנים וואָס זאָגן אָן אַן אויפקום פון אַן אַמעריקאַנער ייִדישער קולטור. ער דערציילט אונדז אַז אָנהייבנדיק פון די זעכציקער יאָרן האָט זיך באַוויזן אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, אַן אַמעריקאַנער — טרענירטער דור פון ייִדישע געלערנטע. עס דערשיינען אָריגינעלע וויסנשאַפטלעכע ווערק, שטודיעס איבער ביבלישער ליטעראַטור, תּלמוד, פילאָסאָפיע, חסידיזם אאַז״וו; און מערסטע פון די דאָזיקע געלערנטע רעפּרעזענטירן אַ נײַעם סאָרט אַמעריקאַנער ייִד — אַ ייִד וואָס איז אויפגעקומען אין אַמעריקע, און וואָס שטאַמט פון היימען מיט קנאַפּער ייִדישקײַט. ער דערמאָנט מיט ליבע עטלעכע געלערנטע וועמענס ווערק עס זענען לעצטנס דערשינען: אַ בוך וועגן ר׳ נחמן בראַצלאַווער, אַן אַרײַנפיר צו דער משנה־תּורה פון רמב״ם, און אַ בוך: ראיות פון דער משנה. די אַלע ווערק טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אַמעריקע אין פּרט פון די פאָרשונג־מעטאָדן, לויט די ניואַנסן פון זייערע פאָרמולירונגען, און זיי העלפן אונדז בעסער פאַרשטיין דעם ייִדישן עבר.

נאָך מער: דער קריטיקער וואַרפט אָפּ די פאַלשע נביאות פון יענע וואָס זאָגן אונדז אָן אַז דער אַמעריקאַנער ייִד האַלט בײַ פאַרשווינדן. פאַרקערט: ער איז באַאײַנדרוקט פון דער עקשנותדיקער אײַנגעשפּאַרטקײַט מצד אַ היפּשער צאָל אַמעריקאַנער ייִדן וואָס זוכן וועגן אויסצודריקן זייער ייִד־זײַן. אַזעלכע ייִדישקײַט־אויפבליצן, גלויבט ער, וועלן זיך פאַרמערן אין דער צוקונפט, און מע קען דעריבער האָפן אויף אַן אָנהייב פון אַן אַמעריקאַנער ייִדישער קולטור.

ס׳איז כּדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אַ צענטראַלן מאָמענט אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער קולטור: צי קען עכטע ייִדישע ליטעראַטור — פּאָעזיע און בעלעטריסטיק — געשאַפן ווערן פון ייִדן אין פרעמדע שפּראַכן. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט די אַלע ייִדישע קינסטלער וואָס האָבן געשאַפן אימאַזשינאַטיווע ווערק, ניט נאָר לומדישע און היסטאָרישע, אין אַראַמייִש, אין דײַטש, אין רוסיש, אין ענגליש, און אַנדערע שפּראַכן. דערבײַ זענען מיר באַוווּסטזיניק, אַז שפּראַך איז מער ווי אַ מיטל פון קאָמוניקאַציע, ספּעציעל בײַ אַ מינאָריטעט־פאָלק ווי אונדזערס, אין די צעשפּרייטקײַטן. דאָס איז דער

מעדיום וואָס שפּיגלט אָפּ די נשמה פון פאָלק, די ספּעציפישקייט פון זיין ציוויליזאַציע, און איז אויך אַ רעזערוואָר פון זיינע ווערטן, פון זיין אייגנאַרטיקייט, טרויער, און פרייד און געלעכטער. ס׳איז אויך אָנערקענט אַז יידיש איז אַן אויסדרוק פון יידישער אַנדערשקייט, און איז דער טויער צו דער טויזנט־יעריקער יידישער ציוויליזאַציע וואָס יידן האָבן געשאַפן אין מזרח־און צענטראַל־אייראָפּע. די יוגנט אונדזערע וואָס וועט לערנען דאָס לשון וועט דורך דעם ווערן פאַרקניפּט אויפן אינטימסטן אופן מיטן לעבן, מיט די חלומות און בענקשאַפטן פון די פריערדיקע דורות.

אָבער דאָס איז ניט סותר דעם פאַקט אַז מיר האָבן עכטע, טיף־יידישע ווערק געשריבן פון יידן אין אַלערליי לשונות, און די דאָזיקע שאַפונגען זענען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער קולטור, און אָט דעם צוגאַנג דאַרפן מיר אַקצעפּטירן בנוגע אַמעריקאַנער יידן וואָס שאַפן אויף ענגליש, אויב די דאָזיקע קינסטלער האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו אונדזער לעבן, און זייער וויזיע איז דורכגעלויכטן פון הומאַניסטישע אידייען. די ווערק פון סאול בעלאָו, בערנאַרד מאַלאַמוד, אברהם קליין זענען פאַר מיר יידישע ווערק. "הערצאָג" און "סאַמלערס פּלאַנעט" זענען יידישע ליטעראַטור פאַר יעדן לייענער וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אונדזער עטאָס, און מיט דער דערהויבנקייט פון אונדזער געשיכטע. די צענטראַלע כאַראַקטערן אין ביידע ווערק זענען אייביקע יידן וואָס זוכן אַ זין פאַר זייער עקזיסטענץ דורך תיקון — העולם.

און נאָך מער איז דאָס אמת בנוגע דעם נייעם דור אַמעריקאַנער יידישע שרייבערס, אַזעלכע ווי סינטיא אָזיק, אַרטור קאָהען, חיים פּאָטאָק, און דער יינגערער מאַרק העלפּרין (געבאָרן אין 1947) וועמענס אינטערעסן און איינשטעלונגען פאַרקערפּערן אַ באַוווסטזיניקן יידישן דרך, און וועלכע ווילן באַטראַכט ווערן ווי יידישע שרייבערס. די דאָזיקע שרייבערס פאַראורטיילן אַסימילאַציע, און גלויבן אַז ס׳וועט קומען אַן אויפבלי פון אַ יידישער ליטעראַטור אויף ענגליש. זיי מאַכן אויך אַן אָנשטרענגונג צו געפינען זייער ליטעראַרישע יניקה ניט אין אַליענאַציע, אָפּפרעמדונג, קעגן־קולטור, נאָר אין דער יידישער טראַדיציע און געשיכטע.

דער אינהאַלט פון דער אַמעריקאַנער יידישער קולטור אויף ענגליש וועט מסתמא זיין, אין געוויסע אַספּעקטן, אַנדערש פון דער ישראל — יידישקייט, און פון אונדזער יידיש־יידישקייט, אָבער אויב זי וועט וואָרצלען אין תנ״ך, אין תלמוד, אין דער יידישער מחשבה, און אין דער מאָדערנער יידישער און העברעישער ליטעראַטור וועט זי זיין אי דורותדיק, אי מאָדערן, און יידישלעך.


מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

**G. FRYDMAN**

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*

337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

פאַרוואַלטונג „חשבון" Phone: 655-1292

**מאיר חרץ** / ירושלים

## מ י ר

מיר, די אָפּגעשטאַנענע, די יידישע פּאָעטן,
מיר, די נישט פּאַראַנענע אין לאַנגן שרייבער־צעטל,
מיר, די נישט פאַרשטאַנענע פון מאָרגנדיקע פאָרשער,
פאָרשער ירושלמער, מאָסקווער צי ניו־יאָרקער.

מיר, די אויסגעוואַקסענע ביזן העכסטן שטאַפּל,
מיר, די נישט גערעטעוועטע בעתן גרויסן מבול,
מיר, די אויסגעשלאָסענע פון שפּיל נאָך פאַרן פּיניש,
מיר, די אויסגעשאָסענע ביים ליקווידירן יידיש.

מיר, די באַלד־פאַרגעסענע געדענקען זיך אַליין נישט,
יעדערער פון אונדזערע זאָגט אַליין זיך: וויין נישט
און צעוויינט זיך אויף אַ קול פאַר בושה און פאַר ווייטיק ־
ווען פעלן מיר נאָך אויס? ווען זע׳מיר נייטיק?

ירושלים, 19־טער יולי 1989.

**משה שקליאר**

געלייענט מאיר חרצ׳ס ליד "מיר" און עס האָט אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. געהער איך דאָך אויך צו די "מיר" און דער ווייטיק, וועלכן מאיר חרץ דריקט אויס אויף אַזאַ רירנדיקן אופן, איז אויך מיינער. און דאָך... און דאָך לעבן "מיר", לעבן מיר און שאַפן. אַן עדות דאָס ליד פון מאיר חרץ און צענדליקער און הונדערטער ווערק פון יידישע שרייבער. און אויף צו טרייסטן — וועמען? — אפשר זיך אַליין, איז אויפגעקומען מיין ליד

## דאָס וואָרט פון אין דער וואָכן

"ווען פעלן מיר נאָך אויס, ווען זע׳מיר נייטיק" —
איז זי, אָט די פאַלין־שאלה, ווידער צייטיק?
און אויב זי איז, צי דאַרפן מיר אַליין זיך שטעכן
און די אין בלוט פון האַרץ געטונקטע פעדער ברעכן?

אָ, ניין, מיר יידיש־קנעכט, מיר יידישע פּאָעטן,
וואָס האָבן זיך צו פרעמדע טישן נישט געבעטן
און אונטער פרעמדע טישן נישט געקראָכן ־
אונדז הייליק איז נאָך אַלץ דאָס וואָרט פון אין דער וואָכן.

און ווי לאַנג ס׳וועט נייטיק זיין נאָך בלויז פאַר איינעם,
וואָס וועט וועלן הערן אונדז און נישט באַוויינען,

טאָרן מיר די יידיש־פעדער נישט צעברעכן –
אַנדערש וועלן מיר די הייליקייט אַליין פארשוועכן...

## נישט געוווסט האָסט

כ׳האָב גערעדט צו דיר אויף יידיש
און דו האָסט כלומרשט נישט פאַרשטאַנען...
האָסט געקוקט אויף מיר פאַרחידושט
גלייך געווען כ׳וואָלט נישט פון דאַנען,

פון אַן אנדער וועלט, פון נעכטן,
וואָס אַוועק ז׳אין רויך און פלאַמען.
נישט געוווסט האָסט – כ׳בין דער וועכטער
פונעם לשון פון מיין מאַמען,

נישט געוווסט האָסט – אָן דעם לשון
כ׳בין אַ טייך וואָס הערט אויף פליסן,
כ׳בין דאָס ליכט וואָס ווערט פאַרלאָשן.
נישט געוווסט האָסט,
אָדער – זיך געמאַכט נישט וויסן...

**משה עטינגער** / ניו־יאָרק

## פאַנטאַזיע פון אַ וואָר

געווידמעט פריידלען

מיין באָבע מרגלית אין דער סאַמעטינער פאָלערינע
צעשפרייט ווי פליגל פון אַ פויגל
פליט
איבער גאַסן שיפּוע, ליקלעך קרומע
און זוכט איר יידישן נעכטן.
אונטער איר ציט אַ סטאַדע דאַרע שאָף.
דער אַלטער באַראַן מוקעט ווי אַ קו
-ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ!
אין מיטמאַרק קראַקעט אַ שוואַרצע קראָ
עס איז חושך, גרויל, טויטשטיל.

יאַן, דער שבת־גוי
שלוקעט ווין פון אַ קידוש־סלוי
און שלאָגט זיך על חטא,
”—ווער וועט פרייטיק אַ פּענעץ חלה דערלאַנגען?״—
עס צישען אַלע בייזע שלאַנגען.

די באָבע פליט זוכט, און פאַרעוועט מיך
צו דעם בית־הקברות—

חנן קיעל / ניו־יאָרק

## איציק מאַנגער, דער ראָמאַנטיקער אין דער יידישער פּאָעזיע

אין פרילינג פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע איז דער פּרדס פון אונדזער פאָלקס לשון געווען שוין אין פולער צייטיקייט. דער וווּנדערלעכער פונאַנדערבלי פון יידיש געררייד, מיט זיינע רעגיאָנאַלע דיאַלעקטן און פאָלקלאָר, האָט ממש געבענקט נאָך קינסטלעריש־פּאָעטישן תיקון. באַנאַנד מיט אַלערליי ליטעראַרישע רעוואָלוציעס און מאָדערניסטישע עקספּלאָזיעס האָט די יידישע פּאָעזיע צווישןביידע וועלט־מלחמות אויפגעבליט אין אַ באַנייטן פאַרנעם וואָס האָט נישט קיין גלײַכן צו זיך אין דער ליטעראַטור־געשיכטע; ווי זי וואָלט זיך געאיילט אָנצויאָגן, זיך אויסגלייכן מיט דער

---

שטיי איך איינגעטאָלפּנט ווי לוטס ווייב
און האָרך דאָס קלאָגן
פון די צעקרישלטע מצות:
וואָליע פון דער חברה־קדישה
שווייגט —
ער האָט ניט וואָס צו זאָגן;
שוין פון לאַנג פאַרגעסן די "אמאלע",

די באָבע איז געפלויגן געזוכט און ניט געפונען:
נעמט זי מיך צו איר מזומן —
זי נידערט אַראָפּ און טוט מיר אָן
איר אבלדיק קלייד.
רייס איך קריעה!

### געדענקעניש

ווען די לעצטע זונשטראַלן נייגן צו שקיעה
און די נאכט מלכותדיק עפנט איר היכל
שפּאַנט אַ זקן אַנטקעגן דער שקיעה
און טראָגט אין פּנים אַ טאַנצענדיקן שמייכל.

ער דרינגט אַריין אין דעם גוף פון דער נאַכט —
בינדט אויף אירע טונקלע פאַלדן

און זוכט דעם כּוח וואָס לעשט דעם טאָג,
וואָס ליגט מיט סוד דאָרט באַהאַלטן

ווען די זון באַזעצט דעם נאַכטשטול
נאָכן פירן אַטאָג אַ מידן צו זיין ענד
געדענקט ניט דער טאָג דעם דעמער
נאָר דעם אויפשיין וואָס ר'האָט אין קאַיאָר געקענט.

וועלט, מיט דער צייט; באַווייזן אויסטרינקען דעם כוס פון יונגשאַפט, אויסלעבן איר נישט־פאַרענדיקטע תקופה ביזן טראַגישן האַרבסט פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

אין אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע פון דער נייער יידישער דיכטונג, יאָס־1947, האָט איציק מאַנגער געשריבן: "די יידישע פּאָעזיע איז דער שענסטער צווײַג אין דער יידישער ליטעראַטור, זי איז איר העכסטע און געלייטערטסטע דערגרייכונג און ווי אַזאַ קען זי זיך פאַרמעסטן מיט דער מאָדערנער פּאָעזיע פון אַנדערע פעלקער... אַ שפע פון טענער און פאַרבן. אַלע לאַנדשאַפטן פון דער וועלט טרעפן זיך אין אַ ראַנדעוווּ מיט איר... די קלאַסיש יידישע אָרנאַמענטיק געפּאָרט מיט דער ניי־יידישער פאָלקלאָריסטיק — די גאָלדענע פּאַווע און דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע"...

1

די מאַנגער־לידער האָבן אַ זעלטן־יוגנטלעכן רייץ וואָס דערהויבט און דערפרישט אונדזער געמיט מיט זיין נוסח, קלוגן שמייכל, טרויער און זמירותדיקן פאָלקלאָר וואָס פאַרחידושט און באַצויבערט דעם ליב האָבער פון פּאָעזיע. מאַנגערס ליד איז פשוט, כּמעט פאָלקיש און דאָך קינסטלעריש סאָפיסטיצירט.

פאַראַן אַ מיינונג, אַז די מאָדערנע ראַפינירטע קינסטלער זיינען באַאיינפלוסט פון דער אַפריקאַנער אָדער אינדיאַנער פרימיטיווער קונסט. איציק מאַנגער האָט אַנטפּלעקט די שיינקייט פון יידישן פאָלקסליד און פאָלקס חכמה און זי פאַרוואַנדלט אין דערהויבענער קונסט.

ליטעראַטור־פאָרשער פאַרבירן געפינען פאַראַלעלן צווישן מאַנגערן און שלום עליכם. ביידע האָבן געשעפּט פון די אַלט־פרישע קוואַלן פון פאָלקס־לעבן און קלוגשאַפט, וואָס האָט אינספּירירט זייערע ווערק. שלום עליכם איז דער קרומער שפּיגל און גראָטעסק פון לעבן אין שטעטל, מאַנגער איז דאָס געזאַנג פון דער פאָלקס־נשמה, גראָטעסק פון יידיש לעבן דיסטילירט, ווי דאָס האָט דעפינירט געוונדאָלין ברוקס, אַ שוואַרצע פּאָעטעסע: Poetry is life distiled מיט זיינע צעשפּילטע קאָנטראַסטן פון פאָלקישן הומאָר און בענקשאַפט איז מאַנגער אַ פענאָמען אין דער יידישער פּאָעזיע. אין אַ צייט פון דיכטער־וויזיאָנערן איז ער דער זינגער פון איינזאַמקייט און שיינקייט, דער צוזאַמענשפּיל פון טרערן און שטערן.

מאַנגער איז דער גרעסטער ראָמאַנטיקער אין דער יידישער דיכטונג. דער קענצייכן פון ראָמאַנטיזים איז דער דראַנג צו אַנטלויפן פון דער וועלט, פון רשעות, אין ברירהדיקייט און גרויער מאָנאָטאָנישקייט, צום אויסגעבענקטן חלום, פון גרוי צו בלוי. די ראָמאַנטיקער אין די פריע יאָרן פון 19 — טן יאָרהונדערט, אַנטוישטע פון אַלע דער וואַרטונגען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן אויסגעגראָבן העלדן פון מיטל־אַלטערלעכע סאַגאָס: לילאַ ווענעדאַ סלאָוואַצקיס, קאָנראַד וואַלענראָד, גראַזשינאַ פון מיצקעוויטש א.א. און אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן די פּוילישע ניי־ראָמאַנטיקער געפונען אינספּיראַציע אין פאָלקלאָר און דעמאָלט האָט אויך פרץ געפונען דאָס גאָלד פון יידישער פאָלקישקייט וואָס האָט אינספּירירט זיין חסידיש, פאָלקסטימלעכע געשיכטן און די סימבאָלישע דראַמעס. מאַנגער האָט געוואָלט ציען דעם המשך פון פּריצישן פאָלקס — עפּאָס.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז מאַנגער ניט געוואָרן מיטגעריסן מיטן אינזיכיזם אָדער "כאַליאַסטרע", ער איז געזאַנגען זיין אייגענעם וועג.

ווי די ערשטע ראָמאַנטיקער האָט ער געשעפּט פון יידישן פאַרצייטן, פון תנ"ך, חומש און מגילה־מעשות וואָס ער האָט פאַרוועבט אינעם היינט אויף אַ חנעוודיקן גראָטעסקן

שטייגער. און מיט פולע בעכער האָט ער אויך געטרונקען פון פאָלקישן ווײַן. מיט שלום עליכמס געלעכטער דורך טרערן, האָט ער אין עמכדיקן לשון אויסגעשפּילט זײַנע צאַרטע געלייטערטע לידער.

דיכטונג איז פאַר מאַנגערן אַ באַשערקייט פון וואָס מען קען זיך נישט באַהאַלטן, ווי דער נביא וואָס ווערט פאַרפאָלגט פון געטלעכע וויזיעס. יונה הנביא קען זיך פאַר גאָטס שליחות נישט באַהאַלטן אפילו אין אַ פיש—בונקער. אַזוי קען דער דיכטער נישט אַנטרינען פון אייגענעם גורל. "איך האָב דאָך געטאָן דײַן שליחות/געטראָגן דײַן געטלעך ליד/צי בין איך דען שולדיק וואָס גראַמט זיך/על פי טעות ייִד מיט ליד?

מאַנגער קען נישט אַנטלויפן פון זײַן פּאָעטישער שליחות. ער זעט ממש די גאולה פון מענטש דורך ליבע, שיינקייט און ליד. אין מאַנגערס ליד דערקענט מען זײַן פּערזענלעכקייט, זײַן געמיט, זײַן טיפן טרויער און אײַנזאַמקייט. ער ווערט אינספּירירט פון אַלץ וואָס איז מענטשלעך. אַלץ וואָס לעבט אַרום אים איז שיין אין דער פּשוטקייט און וויל געפינען אַ תיקון אין ליד.

"איך עפן אויף דאָס פענצטער און זע אַ פויגל פליט,
איך ווייס דער פויגל וויל ווערן היינט אַ ליד.
איך הייב די אויגן אויף און זע אַ וואָלקן ציט,
איך ווייס דער וואָלקן ביי דער זון וויל ווערן היינט אַ ליד.
אַלץ וואָס אָטעמט לאַכט און בליט, דער פויגל און דער ווינט,
דער בלינדער בעטלער אויפן ראָג, די מאַמע און דאָס קינד,
דער קוימנקערער אויפן דאַך, דער אַלטער מידער ייִד,
דאָס בלומענמיידל אויפן גאַס, זיי אַלע ווילן ווערן ליד".

מאַנגער איז אויסגעוואַקסן אין אַ סביבה פון "שער און אייזן" וואָס האָט אָנגעפילט די שטוב מיט טעאַטער־און פאָלקסלידער. אין יאַס האָבן געפלעגט שפּילן די בראָדער־זינגער, וועלוול זבאַרזשער ערנרייך און גאָלדפאַדן. ער איז אויך געווען פאַרליבט אין די ציגיינערשע ראַפּסאָדיעס און רומענישע דוינעס, ער זינגט פון זײַן משפחה, פון זײַן ברודער נאָטע דער שניידער־פּרינץ, וואָס איז אַליין געווען אַ פּאָעט, כאָטש ער האָט זיך נישט אַרויסגערוקט. ביידע ברידער זײַנען געווען שטיפערס, פאַרליבטע אין מוזיק און אין פּראָסטן פאָלקסמענטש.

סוצקעווער זאָגט וועגן מאַנגערן: "דער מלאך פון חנקייט און שיינקייט האָט אים אַ קוש געטאָן ביי זײַן געבוירן ווערן".

מיר וועלן זיך באַקענען מיט איציק מאַנגערס לעבן, מיטפליען מיט דער גאָלדענער פּאַווע, זוכן זײַנע נעכטיקע טעג און דאָס ווייסע ציגעלע וואָס צוזאַמען מיט נטען האָט ער עס באַפרייט פון דער חד—גידא. דאָס ציגעלע וואַנדלט ערגעץ אַרום און זוכט יאַנקעלעס ליידיק וויגעלע. מיר זײַנען אַליין פאַרשפּאַרט אין אַ חד—גדיא—וועלט פון יאוש און אומרו, און דער טרויער וואָגלט אומעטום אַליין. איציק מאַנגער, ווי מיר אַלע, איז געווען ביזן חורבן ראָמאַנטיש פאַרליבט און פאַרגלויביקט אין בלויען חלום פון שיינקייט און שטערן.

2

מאַנגער איז געבוירן געוואָרן דעם 28־טן מאַי, 1901 אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. דער טאַטע הלל, אַ שניידער און אַ מייסטער פון גראַמען, האָט אַמוזירט דעם עולם אויף שמחות. די מאַמע חוה האָט דערציילט מעשות און געזונגען פאָלקסלידער, וואָס האָבן

באַווירקט די קינדער.ביידע עלטערן זיינען געקומען פון קאַלאַמיי. דער זיידע פון טאַטנס צד איז געווען אַ בעל עגלה, און פון דער מאַמעס צד — אַ טאַפּעצירער. איציק האָט געהאַט אַן אָרעמע קינדהייט אָבער אַ וואַרעמע פריילעכע זינגענדיקע היים. ער איז אין שול אויך געווען אַ שטיפער און אַרויסגעפאַלן פון צווייטן קלאַס גימנאַזיע.

ער פראָבירט זיך לערנען שניידעריי, שערעריי; אין יאָס אַרבעט ער אַלס פריקאַשטשיק אָבער ער האָט צו די אַלע מלאכות נישט קיין געדולד. צו 13 יאָר שרייבט ער לידער אין דייטש. ווי אַן אויטאָדידאַקט דערגרייכט ער אַ סך וויסן אין וועלט־ליטעראַטור, און שפּראַכן.

ער דעביוטירט אין ״קולטור״ אונטער דער רעדאַקציע פון אליעזר שטיינבאַרג מיט אַ באַלאַדע ״מיידל־פּאַרטרעט״ און פאַרעפנטלעכט באַלאַדן אין בוקאַרעשטער ״אונדזער וואָרט״, ״אונדזער וועג״ און אין די ״ליטעראַרישע בלעטער״ אין וואַרשע. אין 1928 האַלט ער רעפעראַטן אין פּוילן וועגן יידישער און וועלט ליטעראַטור און וועגן פאָלקס־הומאָר. אַ יאָר שפּעטער דערשיינט אין בוקאַרעשט זיין ערשט בוך לידער און באַלאַדן — ״שטערן אויפן דאַך״. אין 1933 דערשיינען זיינע צוויי ביכער: ״פעלקער זינגען״ — איבערדיכטונגען, און ״לאַמטערן אויפן ווינט״ — ליד און באַלאַדע. אין אַ שמועס מיט שלמה ביקל פאַרטרויט ער זיך, אַז ער וויל שאַפן אַ מין המשך פון פּרצעס פאָלקסטימלעכע געשיכטן. אין 1935 — 1936 ווערן באַקאַנט זיינע חומש און מגילה־לידער, וואָס זיינען שפּעטער אַרויס אין מדרש איציק. מאַנגער האָט זיך שוין דעמאָלט אַנטפּלעקט ווי אַ יורש פון גאָלדפאַדן, די בראָדער זינגער און וועלוול זבאַזשער. ער שרייבט דעם ליריש־גראָטעסקן בריוו פון וועלוול זבאַזשער צו מלכהלע דער שיינער אין האַלב דייטשמערישן סטיל וואָס שפּיגלט אָפּ זיין אייגן לעבן פון וואָגל, טרינקען און יוצא דופן.

אין די 10 יאָר — פּוילן, פון 1928 ביז 1939, גייען אַרויס זיינע מערסטע ווערק פּאָעזיע, ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען, ״נאָענטע געשטאַלטן״, אויך דאָס בוך פון גן עדן־שמואל אבא אבערווא, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער פאָלקסצייטונג אין וואַרשע. ער האָט איבערגעאַרבעט און פאַרמאַנגעריזשט גאָלדפאַדנס די כשופמאַכערן און געשריבן לידער צום פילם. יידל מיטן פידל, וואָס זיינען פּאָפּולער געוואָרן אין דער יידישער וועלט. אין סוף 1939 לויפט ער קיין פּאַריז און באַלד מוז ער ווייטער ציען; ער לעבט דורך די בהלה און היימלאָזיקייט; וועגן יענער עפּאָכע שרייבט מאַנגער אַ באַלאַדע. ער וווינט אין לאָנדאָן ביזן סוף פון דער מלחמה און ווערט באַקאַנט מיט ענגלישע דיכטער; אין 1942 דערשיינען זיינע לידער ״וואָלקנס איבערן דאַך״ און אין 1948 — דאָס פּרעכטיקע בוך — ״דער שניידער געזעלן נטע מאַנגער זינגט״. נטע איז געשטאָרבן פון הונגער אין אוזבעקיסטאַן. זיין באַליבטן ברודער דערמאָנט ער אויך אין לידער, סאָנעטן און אין מדרש איציק. נטע איז אַ חלום, אַ לעגענדאַרער פּרינץ ביי דער ניי — מאַשין.

פון 1951 וווינט מאַנגער אין ניו — יאָרק. ער שרייבט אין ״וועקער״ און אין ״וואָגשול״ רעדאַגירט פון טאַבאַטשניק: ער אַרבעט אַ קורצע צייט אין מאָרגן־זשורנאַל: ס׳גייט אַרויס זיין בוך ״ליד און באַלאַדע״ צו זיין 50 — סטן געבוירנטאָג, און ווערט פרעמירט מיט דער לואיס־למד פּרעמיע. אין 1958 איז ער אַ גאַסט אין ישראל פון וועד העשור און ווערט אויפגענומען פון פּרעזידענט יצחק בן צבי. ער שרייבט: ״כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד, היינט פּאַר איך זיך וואַלגערן אין דער היים״. אין 1962 פאָרט ער צום צווייטן מאָל זיך באַזעצן אין ישראל. ער ווערט באַערט פון די יידישע און העברעישע שרייבער. אין העברעיש גייט אַרויס: שיר, בלדה, סיפור. אויך אין

ישראל פילט זיך מאַנגער ווי דער אַלטער וואָגל־ייד וואָס קומט צו זיך אַהיים, צו דער מאַמעס פשוטע פרומע אבות פון דער צאנה וראנה און צו זיינע פאָעטן פון צפת ער פלאַנצט אַ בוים אין יער הקדושים און זאָגט צו די באַגלייטער: ״חברים — אויב איר וועט זען אַ פויגל אויף מיין בוים זייט וויסן דאָס בין איך, דער פויגל איז מיין גילגול.

3

איך ווייס נישט צי ס׳האָט עמיץ נאָך איבערגעלאָזן אַזאַ ווונדערלעכע ראָמאַנטישע ירושה אין דער יידישער פאָעזיע ווי איציק מאַנגער, וואָס האָט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען דעם אוצר פון פאָלקס־שאַפונג אין מאָדערנע אָריגינעלע פאָעטישע פערל. ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן דירעקטן יורש פון גאָלדפאַדן, וואָס האָט זיינע לידער איינגעזאַפּט אין וואַרשטאַט פון טאַטן, דעם ״פירטרעפלעכן שנײַדער־מײַסטער הלל מאַנגער. ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן פון די בראָדער — זינגער און אָפּגעפאָרן אַ מהלך אויף זיינע אייגענע שטראָזן פון ערב חורבן.

״דורך שטעט און שטעטלעך
און זינגענדיקע יאָרן
דורך וואָגל, הפקר און הונגער.״

אויף אַלע נע — ונדן האָבן אים באַגלייט טרויער און איינזאַמקייט, ווי אַ געזאַלבטער פאָעט פון גאָט געהילט מיט ליד אין פרייד און אַ הפקר — קלייד, מיט אַ בעטלער־זאַק און אויסגעקרומטע שיך:

״כדי כ׳זאָל קומען אין אָט דעם טראַכט
און פאַרוואַנדלען דיין חלום אין געוויין
כ׳זאָל זאָגן צו אַלע ווינטן נאַכט
און נישט האָבן קיין היים ווו אַהיים צו גיין.״

מיט אַ טרויעריקן שמייכל נעמט ער אויף אונדזער גרויליקע צייט, ער געפינט אַלע שיינקייטן צעשפּרייט אין דער וועלט און פאַרוואַנדלט זיי אין לויטערע לידער. ער האָט טיף אַריינגעדרונגען אין אונדזערע עלטערנס פאָלקס נשמה און בולט געזען אַז זיי לעבן מיטן יידישן עבר, אַז זיי זיינען היימיש מיט די אָבות און אמהות פון חדר, חומש — טייטש און צאנה־ראנה. מאַנגער האָט מיט קלוגן הומאָר און חן פאַרהיימישט דעם פאַרצייטן: די חומש און מגילה־מעשות שפּילן זיך אָפּ אין היימישן שטעטל אונטער די פויליש־גאַליצישע הימלען און סלאַווישער לאַנדשאַפט. די אַמאָליקע העלדן פון תנ״ך זיינען היינטיקע יידן און איציק מאַנגער, נטע און זיין גאַנצע משפחה לעבן מיט אין שפּיל פון מדרש איציק. פאַסטריגאַת איז פאַרליבט אין אסתרן, מרדכי הצדיק, דער שתדלן מיט אַ האָרב זיצט אין מלכס טויער, דער מייסטער פאַנפוסו האַלט אַ הספד אויף פאַסטריגוסו דעם שניידער־געזעלן, וואָס האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויפן קעניג אחשורוש, און איז געגאַנגען צו דער תליה. ״דעם אָרעמען שניידער־יינגל איז נישט געוועזן באַשערט.
״טאַ לאָמיר אים ווינטשן, מיינסטערס, אַז ס׳זאָל אים כאַטש גרינג זיין די ערד״.
דער מדרש איציק וואָס נעמט אַריין די חומש און מגילה לידער, וואָס זיינען אַרויס אין וואַרשע און פּאַריז און דערנאָך אין אַן אויסגעברייטערטער אויפלאַגע אין ירושלים־1969, איז אַ מתנה זיין טאַטן, הלל מאַנגער. דער טאַטע האָט אַליין פאַרפאַסט פורים־שפּילן און ווי מאַנגער גיט איבער האָט אים געשוועבט פאַר די אויגן דאָס שעלמישע

פורים־מיצל און די ליריש־פרומע פאַנטאַמימע פון דער פרומער מאַמען איבערן טייטש־חומש. פאַרנדיק אַלס קינד מיטן זיידן אברהם דעם בעל־עגלה האָט ער געהאַט אַ גרויליק געפיל, אַז דער זיידע פירט אים צו דער עקדה:

„זאָגט דער זיידע איציק געדענקסט
צוריק מיט אַזויפיל יאָרן
ווען ס׳האָט זיך דער מלאך צו אונדז אַנטפּלעקט
און דו ביסט ניצול געוואָרן:
איצט האָט ער חרטה דער אַלטער גאָט
און ער מאָנט ביי מיר דעם קרבן,
כאָטש כ׳האָב שוין אַזוי פיל מאָל געלעבט
און בין שוין אַזוי פיל מאָל געשטאָרבן.
אַ סוף אַן עק, איך דאַרף נישט זיין גנאָד
און זאָל ער אין הימל נישט מיינען:
איציק ס׳איז גוט וואָס די מאַמע איז טויט
און זי וועט פאַרשפּאָרן וויינען.״
(עקדת איציק)

די חומש־לידער זיינען אַ שטיפעריי מיט די גרייַז־גראָע בערד פון די אָבות וואָס מאַנגער זעט זיי מיט די אויגן פון אַ חדר־יינגל און מיט דער מענטאַליטעט פון די פרומע זיידעס און באָבעס פון שטעטל: אברהם מוסרט לוטן, דעם שיכּור: ״לוט״ איך מוז דיר זאָגן, סאיז—פע !/דו שיכּורסט אַ יעדע נאכט/ערשט נעכטן האָסטו אין ״גאָלדענעם הערש״ אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט/ דאָס פאַסט פאַר מאַנגער דעם שניידערוק/ אָבער אסור נישט פאַר דיר/ האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זיין, און ביסט קיינעהאָרע אַ ייד אַ גביר.״

די שפחה ־ הגר, אַ דינסטמיידל וואָס דער ־ באַלעבאָס אברהם האָט פאַרפירט און מוז די אַרויסטרייבן מחמת שרהס אייפערזוכט, זי וויינט אין קיך: ווי וועל איך מיך איצט אהינטאָן/מיטן פיצל קינד אויף די הענט ״סיידן נעמען זיין בענקאַרט/ און גיין דינען מיט אים אין דער פרעמד״. אברהם וויל אַ שידוך פאַר יצחקן, אַ מיידל אַ שאָנהייט מיט אַ קניפּל געלט. יעקב רעדט צו עשון גוייש: יוסף הצדיק שפּאַצירט אויפן בולוואַר.

אין אַריינפיר צום ספר־שמואל שרייבט מאַנגער וועגן זיין יינגערן ברודער נטע, וואָס איז געווען אַן אינספּירינדיקע פערזענלעכקייט, אַ קענער פון ליטעראַטור, מיט אַ קריטישן צוגאַנג, וואָס האָט געבליצט מיט געדאַנקען אין פאָרמולירונגען, הגם ער האָט נישט געשריבן. ווי אַ חלום ביי דער ניי־מאַשין ווערט ער אָפּט דערמאָנט אין מדרש איציק. ״אוי אַלטער ליפּעבוים, דו ווייסט, פאַרשטייסט/ס׳איז נישט דאָס מילנער־יינגל פון דער מיל,/נאָר נאָטע בן הלל, דער שלאַנקער שניידערוק,/ וואָס ווייסט נישט מסתּמא וואָס איך פיל״. (אבישגס טרויער)

אויך די מגילה־לידער זיינען געווידמעט נטע מאַנגערן און האָבן אַריינגענומען אין פּורים־שפּיל דעם שניידער־געזעלן פאַסטריגתּ און דעם מיינסטער פאַנפוסו. ״דאָס ביכליין איז פאַרפאַסט פונעם וואַגאַנט איציק מאַנגער געגאַנט אַז ער מאַג האַבן וואָס צו זויפן״. די ״מגילה לידער״ זיינען געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפּאָלג אין ישראל־און ווערן געזונגען באַנאַנד מיט זיינע פּאָעטישע פּאָלקס־לידער, באַהויכט מיט מאַנגערישער איינזאַמקייט, געאָרעמט מיט נאַכט און געגאַרטלט מיט ווינט און מיט זיין פראַנטיש

קאַפּעלישל שפּעט ביי נאַכט. ס׳איז קוים צו דער קענען דעם דין־שטראַליקן ראַנד צווישן טרויער און הומאר, צווישן טיפן סימבאָלישן ערנסט און שפּאַס. אין דער היימלאָזיקייט און עלנט פאַלט ער אַריין מיט זיין גוט יום־טוב, מיט זײַן פאַרליבטקייט אין אַלץ וואָס איז שיין אין מידן לעבן. פאַראַן אַ באַלאַדע פון בעל־שם וואָס ווישט אַוועק אַ טונקעלן וואָלקן פון אַ שטערנדל. דער ״סענקט בש׳ט״ איז פול מיט רחמנות צום געטלעכן באַשאַף. ״דאָס געוויין פון אַ ווערעמעל און פון אַ גראָז/ פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז/ קען טרייסלען צעטרייסלען אַ וועלט מיט רו/ באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו״.

מיטן חורבן איז פאַראַשט געוואָרן די שיינע מאַנגערישע וועלט. אומזיסט זוכט זיין גאָלדענע פּאַווע די נעכטיקע טעג אונדזערע. ״די גאָלדענע פּאַווע און דאָס קלאָר ווייסע ציגעלע וויגן איצט די לײדיקע וויגן, ניטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע טאָ וויגט מען אָן אַ ניגון״.

אין זיין נאָך מלחמהדיקן יאוש קען ער זיך אַלץ נישט באַפרייען פון דער ליבשאַפט וואָס ער האָט געירשנט אין זיין קינדהייט

״מיין מאַמע איז שוין זינט יאָרן טויט
נאָר איר ליבשאַפט גייט אַרום אין רוים״

זיינע חורבן־לידער ווייטיקן אויס אונדזער אָנגעגליטן צער. ער לעבט אויף דעם אוהב ישראל פון בערדיטשעוו רב לווי יצחק וואָס איז ברוגז מיט גאָט; ער זעט די בילדער פון געטאָ, די גסיסה, צער און שפּאָט און שוויַיגט פאַרעקשנט, דער אַלטער איז ברוגז מיט זיין אַלטן גאָט. און ״רי מאירל פּרעמישליאַנער זאָגט אויף אַ קול: דו ביסט מאַכטיק מוראדיק און גרויס, נאָר מיר די גאַליציאַנער מעקן דיך אויס פון דער עדה אמתע אוהבי ישראל״.

רירנדיק איז זיין ווידוי־ליד און איבערבעטן זיך מיט גאָט:

״כ׳וועל אויסטאָן די שיך און דעם טרויער
און קומען צו דיר צוריק
אָט אַזוי ווי איך בין אַ פאַרשפּילטער
און שטעלן זיך פאַר דײַן בליק.

מיין גאָט, מיין האַר מיין באַשעפער,
לייטער מיך אויס אין דיין שיין:
אָט ליג איך פאַר דיר אַ פאַרשפּילטער,
פאַרוויג מיך און שלעפער מיך איין.

און רעד צו מיר גוטע רייד
און זאָג מיר אַז כבין דיין קינד
און קוש מיר אַראָפּ פונעם שטערן
די צייכנס פון מיינע זינד״...

די מאָטיוון פון זיינע פּראָזע־ווערק זיינען באַזירט אויפן מעשה־ביכל סורעאַליסטיש אויספּאַנטאַזירט פון פּאָעט מיט אַלע מאַנגערישע חנען. אין דער מעשה מיטן פריצס וואָנסעס ווערט אַן אָרעמער שערער מאָטל - פּרנס פאַרשמיסן צום טויט ווייל ער האָט אָפּגעשוירן אַ שטיקל וואָנסע ביים פריץ. ס׳איז אָבער געקומען אויפן רשע אַ וויסטע מפּלה. מאָטלס ווייב פייגעלע די רויטע האָט דעם פריץ פאַרשאָלטן אַז די וואָנסעס זאָלן אים וואַקסן און וואַקסן. די קללה איז מקוים געוואָרן, דעם פריצס וואָנסעס האָבן נישט אויפגעהערט וואַקסן ביז דער רשע האָט זיך אויף זיי אויפגעהאָנגען.

שמואל אבא אבערווא, די מעשה מיטן קינד, וועמען דער מלאך האָט פֿאַרגעסן צו געבן אַ שנעל אין נאָז און האָט געדענקט צו דערציילן די געשעעענישן פֿון די צוויי גן־עדנס, דעם יידישן און קריסטלעכן. נישט נאָר ווערן זיי געשילדערט מיטן באַנעם פֿון אונדזערע זיידעס פֿון שטעטל, נאָר געזען און דערציילט פֿון אַ קינד. אין דער אמתן זיינען די גן עדנס די אָפּשפּיגלונג פֿון אונדזער ערדישן לעבן מיט אַלע קאָמיש־טראַגישע סיטואַציעס. דער שור־הבור ווערט אַרויסגעגנבעט דורך די גוישע צדיקים. די מלאכטעס קריגן זיך, פֿאַרגינען זיך נישט איינס ס׳צווייטע: פֿאַראַן אָרעמע געסלעך, אַנטיסעמיטיזם ווייעט פֿון גוישן גן עדן און קיין יושר איז נישטאָ. דאָס בוך פֿון גן עדן איז אַ סאַטירע וואָס אָטעמט מיט חכמה און קריטיק איבערן אַנטוישטן גלויבן אין אונדזער אויסגעחלומטן גן עדן.

מיר געדענקען מאַנגערן אין ניו־יאָרק, זיינע לעקציעס אין בויבעריק, די מעשה וועגן כעלעמער יושר, וועגן פּאָעזיע, שאַגאַל און איך געדענק זיין ליבשאַפֿט צו די קינדער ווען ער איז געווען אַ גאַסט ביי אַ גראַדואירונג אין מיין שלום־עליכם שול אין סי־גייט ־ ברוקלין. אין לעצטן פּעריאָד פֿון זיין איינזאַם־פֿאַרמאַטערט לעבן האָט ער פֿאַרבראַכט אין ישראל, ווו ער איז געקומען זיך וואַלגערן אין דער היים נאָכן אָפּוואַלגערן זיך אַ לעבן־לאַנג אין דער פֿרעמד. ער האָט נישט, ווי יהודה הלוי, געקושט די ישראל ערד: ״ווייל ווי קען איך קושן דיין זאַמד, איך בין דאָך אַליין דיין זאַמד.

מיט גרויס ליבשאַפֿט האָט אים ישראל אויפֿגענומען. ווי אַ פֿאַריתומט קינד האָט ער געפֿונען אַ טרייסט אין זיין נייער היסטאָרישער היים, וואָס די בערג און שטעט זיינען אים נאָענט געווען פֿון חדר און פֿון דער יידישער בענקשאַפֿט. ער איז דאָרט דער עלטסטער ייִד:

״איך בין דער עלטסטער ייד אין צפת,<br>איך גיי מיט שטילע פֿרומע טריט,<br>מיט מיין לאַמטערן צינד איך אָן<br>אין יעדער שויב אַ גאָלדן ליד.״

לאַנג איז מאַנגערן נישט געווען באַשערט דער אָפּרו און וואַרעמקייט פֿון אַן אייגענער היים. ער איז קראַנק געוואָרן און פֿון זיין פֿאַטאַלער קראַנקייט נישט מער אַרויס. דעם 20=סטן פֿעברואַר 1969 איז דער דיכטער אַוועק פֿון דער וועלט. אין זיין ״ליד און באַלאַדע״ געפֿינט זיך אַן עפּיטאַף, ווי אַ צוואה־סאָנעט אויף איציק מאַנגערס קבר:

״דאָ ליגט די טרויעריקע מידע נאַכטיגאַל<br>צום ערשטן מאָל אין אַן אייגן בעט,<br>דער שניידער־געזעלן, בראָדיאַגע און פּאָעט,<br>דער אויף תמיד פֿאַרשטומטער לידערקוואַל.

רייסט נישט די קראָפּעווע פֿון דעם קבר אויס<br>און שאַרט נישט ווינטערצייט אַוועק דעם שניי:<br>דעם שלאָפֿער אונטן טוט מער גאָרנישט וויי,<br>ער לעבט בשלום מיטן וואָרעם און הויז.

וואַרפֿט נישט קיין בלומען אויף דעם בערגל ערד,<br>פֿאַרריכט נישט וואָס דער שטורעמווינט צעשטערט,<br>פֿאַרטרייבט נישט די סאָווע פֿון מצבה־שטיין;

לאָזט זשומען אַרום דאָס פֿלאַטערל, די בין, די פֿליג,<br>לאָזט פֿאַשען נישט געשטערט דעם קברנס ציג,<br>און אים אַליין לאָזט אים זיין אַליין.

**חיים שוואַרץ**

# אַ טרער אויפן קבר פון מיין טאַטן

זעקס מיט אַ האַלבן צענדליק יאָר שוין,
אַז מוטער־ערד האָט מידן גוף דיינעם,
טאַטע מיינער,
אין אירע פרישע,
אַלץ־פאַרגעבנדיקע אָרעמס איינגעהילט.
מיר דאַכט, אין טיפער שווייגעניש פאַרהילט,
דו הערסט אָנווערטערדיקן קול
פון מיין געמיט,
וואָס זוכט אַ תיקון אין מיין ליד...

דיין רו צעשטערן וויל איך ניט, —
האָסט כשר זי פאַרדינט נאָך יאָרן מי
אין גלי
פון שוויצנדיקער בגדים־פרעסעריי,
וואָס איר געדינט האָסטו געטריי.
נאָר טראַכטנדיק פון דיר
אין לאַנגע אומרואיקע נעכט,
אַ קורצן חשבון פלעכט איך און איך פלעכט,
דורכזיכטיק און קלאָר,
פון מיינע פינף און אַכציק
דורכגעשפּאַנטע יאָר...

אַ גלויביקער אין גאָטס געבאָטן,־
האָסטו זיין נאָמען תפילותדיק געלויבט.
און גוט געווען איז דיר דערפון:
כאָטש סילעבן האָט פון דיר דאָס גליק
אַוועקגערויבט
און פון מעת־לעתן דיינע אויסגעקנאָטן
אַ שטומע ליד
אויף טרויעריקע נאָטן...

ווי אַ פאַרזינדיקטן, פאַרמשפּטן,
האָט דיך די נויט גענומען פאַר דער האַנט
און דיך אַוועקגעכוואַליעט בייז
פון קניענדיקער כאַטקעלע,
פון שטעטלס געסלעך בלאָטיקע,

אַריבער יַמישע מדבריות פאַרוואָרפן
צו ווייטע, פרעמדע,

הָרי־חושכדיקע ברעגן,
מיט פונקען טליענדיק מיט האָפן.
געלאָזט האָסט הינטער זיך
אַ ווייב אַ יונגס מיט קינדער זעקס
אויף אייגענעם באַראָט,
אויף נויט און שרעק,
אויף בענקעניש און... גאָטס גענאָד...

געטוליעט האָבן מיר זיך צו דיר שטעטעלע
בערעזין,
ווען ס'האָבן ווינטן קאַלטע, הייסע,
אומרואיקע, זיך צעבעזימט...

און ווען דער גורל האָט צו דיר געבראַכט מיך,
— נאָך צוויי שלימזלדיקע טוצן יאָר —
אַ פרעמדער טאַטע האָט אין מיינע אויגן
זיך געשפיגלט.
פאַרזיגלט האָט זיך ערגעץ אין די פאַלדן
פון דער צייט:
דאָס צאַרטע פאָטערלעכע וואָרט,
דער גלעטנדיקער בליק.
פאַרבליבן איז מיט דיר
פון שטעטעלעס אַמאָל
דאָס געטלעכע, פאַרהייליקטע פון שבתדיקער רו
און פון יום־כיפּורדיקן תענית.
דו האָסט דעם אויבערשטן דערלאַנגט
מיט ליבשאַפט דיינע גייסטיקע מתנות.
אַוודאי איז דיר גוט געווען
אין דיין פארגלויבטקייט
און האָסט גאָטס פירונגען ניט אָפּגעפרעגט.

נאָר מיר, דיין זון, האָט שוין צו דער בר־מצווה
אין דיין פאַרלאָזטן שטעטל,
אַ שאַרפער פרעג־צייכן
אַ בליץ געגעבן אין די אויגן:
אַוועקגעפלויגן, אויסגערונען און פאַרשוווּנדן
— פון הארץ און פון די הימלען —
דער געטלעכער כסא־הכבוד
מיט אַלע זיינע שטראָפנדיקע,
ניט־ערדישע געהילפן און באַדינער...

ס'האָט לאַנד, דאָס בייז־שלימזלדיקס,
פון צאַרן און סיבירער שנייען,
דיבעם זיך געשטעלט, אַ וואַקל זיך געגעבן,

און קרוינען האָבן זיך צעשפּליטערט
אונטער צאָרנדיקע פויסטן
פון הונגער אָנגעשוואָלענע,
מיט בלוטן אָפּגעגאַנגענע...

אָט דעמאָלט האָט דער גרונט אַרויסגעגליטשט זיך
פון אונטער מיינע יוגנטלעכע טריט;
ס'האָט האַרץ געזוכט
אין ווייכערדיקן לאַנד־געראַנגל
אַ פעסטן אָנשפּאַר און אַ לאַנדונג.
געפאַנגען האָט מיין האַרץ
אַ ליכט אַ בלענדנדיקס
פון אַ קאַיאָר אַ גאָלדענעם
און האָט מיין טראָט דעם וואַקלדיקן
אויף נייעם וועג,
נאָך קיינמאָל־ניט־באַטראָטענעם,
אַרויפגעפירט.

(ניט איינמאָל האָט דעם זוניקן קאַיאָר
אַ כמאַרע־שוואַרץ
מיט בלוט־פלעקן באַגאָסן,
נאָר ס'יונגע האַרץ האָט ניט באַנומען
דעם באַשייד.
דער פירנדיקער "זייל" געפירט האָט
און פאַרפירט מיט "פּאָטערלעכע רייד",—
און אין פאַרהוילעניש האָט מעסער־שאַרף
געשניטן און געשניטן...)

(דער בייזער "פּאָטער פון די פעלקער"
איז שוין לאַנג אנטקרוינט
פון זיין אַלמעכטיקייט,
אַלוויסן, אַל... אַל... אַל...)

די צייט, וואָס האָט גענומען ביי דער האַנט מיך,—
זי פירט נאָך אַלץ מיך אויף די כוואַליעס אירע
צו דעם באַזוניקטן יבשה־ברעג,
צום שטראַלנדיקן באַרג־שפּיץ,
וואָס איז נאָך אַזוי ווייט,
ווייט, ווייט...
איך טראָג אין האַרץ מיינעם אַ גאָלדענעם באַגאַזש,
אַ ניט פאַרגייענדיקע שטאַם־ירושה:
ישעיה'ס וויזיע: "ס'וועט זיין
אין סוף פון טעג":
י.ל. פּרץ'ס "אויב ניט נאָך העכער"

און שלום עליכמ׳ס ליכטיקן געלעכטער, —
אַ לויטערער באַגאַזש
אין דעם מחיהדיקן, האָניק־פליסנדיקן
מאַמע־לשון, י י ד י ש,
וואָס פלאַמט אַרויס מיט נייער קראַפט
פון טליענדיקן אש...

אָ, פרומער טאַטע מיינער,
געלאָזט האָסטו מיר בירושה:
דעם הימל־בלוי פון דיינע אויגן,
דעם גלייכן באַרג־אַראָפּ פון נאָז
און די גראַניטענע פאַרעקשנטקייט פון גלויבן, —
נאָר ניט אין יענער געטלעכער,
פאַרהוילענער מיסטעריע.
אַן אַנדער תורה מיט געבאָטן
מיין האַרץ געפאַנגען האָט:
אַ דאָיִקע, אַן ערדישע,
אַלמענטשלעך־יידישע,
כי־טוביקע.

זיי מוחל, טאַטע, מיר,
וואָס כ׳האָב דיין וועג ניט אויסגעקליבן;
די צווישן־צייט פון אונדזער ז י י ן
איז לאַנג געווען אַזוי,
און האָט אויף נייע נאָטן זיך צעשפּילט.
שוין אַנדערש האָבן שטערן זיך צעוווּנקען
אין די ווייטע הימלען
מיט צוזאָג פון אַ שטראַלנדיקן ת י ק ו ן...
שוין יאָרן טויזנטער אַז דיין וועג
ציט זיך, ציט זיך,
און האָסט קיין תיקון ניט דערלעבט...
און מיינער איז נאָך ניי אזוי,
פון וויגעלע אַרויס ערשט,
אין צער און צאָרן אַ צערוישטער,
אונטער האָגלען אַ צעוואַלגערטער,
פון בליצן אַ צעשמיסענער...

* * *

פאַרגיב מיר, טאַטע מיינער,
פאַר שטערן דיר דיין רו;
דו האָסט זי כשר דאָך פאַרדינט;
נאָר טראַכטנדיק פון דיר,
קוק איך אַריין אין מיינע דורכגעשפּאַנטע
פינף און אַכציק

לילי בערגער / פּאַריז

# די פראַנצויזישע רעוואָלוציע
# און די עמאַנציפּאַציע פון די פראַנצויזישע יידן

דאָס צווייהונדערטסטע יובל — יאָר (1789 — 1989) פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געפייערט געוואָרן אין גאַנץ פראַנקרייך אויף אַ גראַנדיעזן פאַרנעם. אַלע געביטן פון קולטור — געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן גאָר אַקטיוו זיך בעטייליקט אין די פייערונגען. פּאַריז האָט נאָך אַזאַ יום — טובדיקן פעריאָד נישט איבערגעלעבט. הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן פון אַלע עקן וועלט האָבן זיך אין פּאַריז באַטייליקט אין דעם 14טן יולי יום — טוב, דעם טאָג פון שטורעמען די באַסטיליע.

צוויי — דריי יאָר פאַרן יובל — יאָר זענען געמאַכט געוואָרן די צוגרייטונגען. געגרייט האָבן זיך קודם — כל פאַרשידנאַרטיקע פען — מענטשן — היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן, זשורנאַליסטן; ס׳זענען ביז היינטיקן טאָג דערשינען אַן ערך 500 ביכער וועגן דער פראַנצויזישער גרויסער רעוואָלוציע, אויך קינדער — ליטעראַטור. אין די פאַרשידנאַרטיקע ביכער האָט מען די רעוואָלוציע צעלייגט אויף אַלע ביינדעלעך, דורכגעפּירט נייע אַנאַליזן און נישט ווייניק רעווידירט פריערדיקע איינשטעלונגען. ס׳איז אַפילו אויף ס׳ניי געבוירן געוואָרן דאָס בוך פון באַרימטן יידן — פּאַרטיידיקער, גלח גרעגואַר, וואָס איז געהאַט דערשינען מיט העכער צוויי הונדערט יאָר צוריק און איז דעמאָלט געווען אַ מיטל צו פאַרטיידיקן יידן, אָבער היינט וואָלט אַזאַ ניי — דערשינענע אויסגאַבע געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי אַן אַנטיסעמיטיש בוך. שוין דער טיטל אליין (עסיי וועגן דער פיזישער, מאָראַלישער און פּאָליטישער רעגענעראַציע פון יידן) שאָקירט אונדז שטאַרק הגם דער יונגער גלח ווייזט אָן, אַז אַלע פעלערן פון די יידן זענען דורכויס אַ פּראָדוקט פון פאַרפאָלגונגען, פון זייער רעכטלאָזיקייט.

ס׳זענען אויך דערשינען וואָגיקע ביכער וועגן דער עמאַנציפּאַציע, וואָס די רעוואָלוציע האָט געגעבן די פראַנצויזישע יידן, און מערערע אָפּהאַנדלונגען אויף דער טעמע אין דער פּרעסע, דער עיקר אין דער פעריאָדישער.

יידישע פען — מענטשן זענען נישט אָפּגעשטאַנען. חוץ רעפעראַטן אין די יידישע אָרגאַניזאַציעס זענען דערשינען גרעסערע אָפּהאַנדלונגען אין צייטונגען. ס׳איז נאַטירלעך, אַז די אָפּהאַנדלונגען זענען דער עיקר געווידמעט געווען דער עמאַנציפּאַציע, וואָס די פראַצויזישע יידן האָבן באַקומען פון דער רעוואָלוציע. און דאָ לאָזט זיך

---

אומרואיגע יאָר.
זאָל, אָט, דאָס ליד מיינס זיין
דער ניט־געזאָגטער קדיש,
און שטיין זאָל עס, ווי אַ מצבה,
דיר צוקאָפּנס
אויף דיין קבר...

אָקטאָבער, 1989

דערמאָנען דאָס יידישע פאָלקס — ווערטל: אַזוי ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך - מען רעווידירט, נאָך אַ סך שטאַרקער ווי די פראַצויזן...

יאָ, מיר האָבן צו דער „עפּאָכע — מאַכנדיקער רעוואָלוציע”, ווי עס באַצייכנט זי שמעון דובנאָוו, גאָר אַ סך טענות און אויך צו דער עמאַנציפּאַציע, אָבער ווען עס באַקומט זיך, אַז די עמאַנציפּאַציע האָט די פראַנצויזישע יידן געבראַכט מער שלעכטס ווי גוטס, נאָך מער: זי האָט בכלל קיין שום גוטס נישט געבראַכט, לוינט זיך צו כאַפּן אַ שמועס דערוועגן, בפרט, ווען די רעווידירער זענען גאָר חשובע און באַקאַנטע פּען — מענטשן.

אָט האָט געווידמעט אַ סך אָרט דער עמאַנציפּאַציע אַזאַ חשובער און באַגאַבטער פּען — מענטש ווי ס'איז ד"ר העשיל קלעפּפיש וועמענס אינטערעסאַנטע און פּאַרטיפּטע אַרטיקלען איך לייען שטענדיק מיט הנאה. איז לייענען מיר איצט וועגן דער עמאַנצופּאַציע צווישן פיל אַנדערע אַזעלכע שורות: „עס האָבן באַדאַרפט פאַרבייגיין צוויי הונדערט יאָר כדי אויך צווישן יידן זאָל מען זיך אויסניכטערן פון דעם טשאַד, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער גאַס”. (פאַרוואָס אויך צווישן יידן זאָל מען זיך אויסניכטערן...? די גויים האָבן זיך דען אַ סך אינטערעסירט מיט דעם וואָס די רעוואָלוציע האָט אַריינגעבראכט אין דער יידישער גאַס ?).

און ווייטער: „יידן אין מזרח — אייראָפּע האָבן בשום אופן נישט מסכים געווען מיטגעצויגן צו ווערן מיט דער כוואַליע פון ענטוזיאַזם וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן אין די מערב — אייראָפּעיִשע יידישע ישובים צוליב דער דעראָבערטער עמאַנציפּאַציע... די געטאָ — יידן האָבן נישט פאַרקויפט זייער נשמה. זיי זוכן נישט קיין פוילע תירוצים ווי אַזוי צו פאַרענטפערן זייער יידישקייט...” און ווייטער אין דעם זעלבן נוסח.

און אָט זענען בלויז געציילטע שורות פון אַ לאַנגער אָפּשאַצונג פונעם באַקאַנטן זשורנאַליסט ל. לענעמאַן: „...די רעליגיעז — געשטימטע יידן נעמען בכלל אויף די גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַ סך גלייכגילטיקייט, ווייל דאָס אָפּהיטן די יידישע רעליגיע איז פאַר זיי דער עיקר אין לעבן. די רעוואָלוציע טרעט גלייך אַריין אין אַ קאַמף קעגן רעליגיע און די גרעסטע טייל שולן און סינאַגאָגעס ווערט געשלאָסן אָדער פאַרוואַנדלט אין „טעמפּלען פון שכל”. יידן קומען זיך צונויף אין געהיימע מנינים, שיקן נישט זייערע קינדער אין פראַנצויזישע שולן... און צו באַקומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט ווייזן זיי נישט אַרויס קיין שום אינטערעס”.

ווילט זיך באַלד פון אָנהייב גלייכשטעלן: די רעוואָלוציע האָט אויף זיך גענוג שווארצע פלעקן, דעליקאַט געזאָגט, מ'דאַרף אויף איר נישט אַרויפלייגן קיין נייע. די נייע קאָנסטיטוציע האָט איינגעשטעלט רעליגיעזע פרייהייט. (דאָס באַשטעטיקן אַלע היסטאָריקער). אין דער צייט פון קאָנווענט, צווישן 1793 — 1794, בעת די רעוואָלוציע האָט פאַרשטאַרקט איר דעספּאָטיזם און דעם טעראָר, האָט זי אויך אָנגעהויבן אַ רעליגיעזן קאַמף; מ'האָט פארמאַכט קלויסטערס, קירכעס און דאָס פאַרמאַכן געוויסע סינאַגאָגעס אָדער קאָנפיסקירן רעליגיעזע אָביעקטן איז נישט געווענדט געווען בלויז קעגן יידן, און ווי עס אינפאָרמירט דובנאָוו און אנדערע היסטאָריקערס איז אין פריען זומער 1794 דער „קולט פון שכל” פאַרטראָטן געוואָרן דורך ראָבעספּיערס (ער איז געווען אַ גלויביקער) דעיִסטישן „העכסטן וועזן”. ווי טראַגיש — קאָמיש די שפּיל זאָל נישט זיין האָבן דאָך אַלע רעליגיעזע רדיפות אויפגעהערט, הגם דער פּאָליטישער טעראָר האָט ווייטער געבושעוועט. יידן זענען טיילמאָל זיך צונויפגעקומען אין געהיימע מנינים

אויך אויס מורא אפשר דער עיקר פֿאַר פֿאָגראָמען, וואָס וועט נאָך דערמאָנט ווערן. וואָס שייך דער דערמאָנטער גלייכגילטיקייט צו גלייכבאַרעכטיקונג מצד רעליגיעז — געשטימטע יידן. דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אַלע דעמאָלטיקע יידן זענען געווען רעליגיעז — געשטימטע און זייערע פֿאָרשטייער, זייערע וואָרט — זאָגערס האָבן יאָרן — לאַנג געפֿירט אַ הארטנעקיבן קאַמף פֿאַר גלייכבאַרעכטיקונג. אויך דערפֿאַר האָבן יידן אין פּאַריז, הגם זייער צאָל איז געווען אַ קליינע, אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע און שפּעטער, ווען די רעוואָלוציע האָט געפֿרעסן אירע קינדער, איז נישט איין קאָפּ, ווי ס׳באַריכטעט ל. לענעמאַן, אַראָפּגעהאַקט געוואָרן, נאָר עטלעכע יידישע קעפּ, ווי דאָס גיט אָן דובנאָוו.

* * *

אויב וויל מען באַנעמען דעם דראַנג פֿון די דעמאָלטיקע פֿראַנצויזישע יידן צו גלייכבאַרעכטיקונג (און דעם באטייט פֿון דער עמאַנציפּאַציע ־ מיט אַלע אירע שוואַרצע פֿלעקן) איז אפשר נייטיק צו כאַפּן כאָטש אַ גאַנץ קורצן בליק אויף דער געשיכטע פֿון יידן אין פֿראַנקרייך בכלל. פֿראַנקרייך איז אַ סברה דאָס צווייטע לאַנד אין אייראָפּע, ווו ס׳האָבן זיך אין דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט געפֿונען יידן. (דאָס ערשטע אָרט אין אייראָפּע, ווי עס גיט אָן דובנאָוו, איז געווען רוים, ווו דער רוימישער הערשער פּאָמפּעאוס האָט אין 63סטן יאָר פֿאַר דער נייער צייטרעכנונג געבראַכט די ערשטע שקלאַפֿן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿון יידן אין אייראָפּע. אין רוים זענען די ערשטע יידישע שקלאַפֿן גיך געוואָרן פֿרייע מענטשן מחמת מ׳האָט זיך געניייטיקט אין זייער וויסן און טאַלאַנט).

ווען פֿראַנקרייך האָט נאָך געהייסן גאַליאַ, ווי די רוימער האָבן אין ווייטן אַלטערטום אַ נאָמען געגעבן אַ גרויסן טייל פֿון דער פֿראַנצויזישער טעריטאָריע, זענען שוין דאָ געווען יידן. די רוימער האָבן אַהער געבראַכט יידישע שקלאַפֿן נאָכן צעשטערן דעם בית — המקדש און נאָכן פֿאַרוויסטן יהודה. אין פּאַריז זענען געווען יידן איידער נאָך די פֿראַנצויזישע הויפּטשטאָט האָט געהייסן פּאַריז.

און די געשיכטע פֿון ידן אין פֿראַנקרייך אין די שפּעטערדיקע לאַנגע יאָרהונדערטער איז דורכגעווייקט מיט בלוט און פּיין. זינט די פֿראַנצויזישע מאָנאַרכיע איז געזעסן אין זאָטל האָבן פֿראַנצויזישע קעניגן מערערע מאָל פֿאַרטריבן די יידן פֿון לאַנד אָדער פֿון אַן אָרטשאַפֿט. יעדעס מאָל ווען אַ הערשער האָט זיך גענויטיקט אין געלט האָט ער פֿאַרטריבן די יידן און זיי באַרויבט. ס׳פֿלעגט טרעפֿן, אַז מ׳האָט די אַרויסגעטריבענע צוריק אַריינגעלאָזט פֿאַר אַן אָפּצאָל, אַזוי, אַז מ׳האָט זיי טאָפּלט באַרויבט. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז פֿראַנקרייך איז געווען דאָס ערשטע לאַנד ווו מ׳האָט אין פּאַריז, אויף אַן עפֿנטלעכן פּלאַץ, ווו ס׳געפֿינט זיך היינט דער האָטעל דע וויל, פֿאַרברענט אין 1242 דעם תלמוד. מ׳האָט אויפֿן פּלאַץ געבראַכט 24 וועגענער ספֿרים (היות ס׳איז נאָך קיין דרוק נישט געווען איז דאָס געווען מאַסיוו) און אויף אַ ספּעקטאַקולאַרן אופֿן פֿאַרברענט אויף אַן אויטאָדאַפֿע דעם גאַנצן תלמוד.

דורך יאָרהונדערטער האָט יידן דאָ באַגלייט די באַשולדיקונג אַלס מערדער פֿון קריסטלעכן גאָט. זאָל בלויז דערמאָנט ווערן, אַז צווישן די יאָרן 1380 — 1394 זענען פֿאָרגעקומען אין פּאַריז און אַנדערע ערטער סעריעס איבערפֿאַלן און פּאָגראָמען. צוליב אַ חשד, אַז יידן האָבן אויסבאַהאַלטן אַ משומד, וואָס איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט מען פֿאַרמשפּט 6 יידן, די חשובסטע פֿון שטאָט, אומצוקומען אין פֿייער. דאָס הייליקע

געריכט האָט זיי אָבער באַגנעדיקט פון פייער און פאַרביטן מיט אַ שטראַף אויף עפנטלעכן שמייסן (אין יאָר 1394). דאָס שמייסן איז געווען אַזוי גרויזאַם, אַז ווען די קרבנות האָבן געהאַלטן ביים אויסהויכן די נשמות האָט מען פאַרטראָטן דאָס נישט דערשמיסענע מיט אַ געלט — שטראַף. מיטן וווקס פון דער שנאה האָט זיך די צאָל יידן אַלע מאָל פאַרקלענערט, לסוף האָט מען זיי ארויסגעטריבן. אָנהייב 15 — טן יאָרהונדערט איז פראַנרייך געווען כמעט יידנריין. דאָ און דארט האט זיך געקאָנט פאַרוואַלגערן אַ יידישע משפּחה.

* * *

ווי האָט די לאַגע אויסגעזען אינעם ערב רעוואָלוציע — פּעריאָד?

ס׳איז נישט באקאַנט די גענויע צאָל יידן אין פראַנקרייך פון יענער צייט. דער יידיש — פראַנצויזישער מחבר פון בוך "די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די יידן" פּאַטריק זשעראַר גיט אָן די צאָל פון 35 ביז פערציק טויזנט. מיט העגער צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט דער גלח גרעגואַר אין זיין דערמאָנטן בוך אָנגעגעבן די צאָל פופציק טויזנט. דער באַרימטער יידישער אַדוואָקאַט און מלוכה — מאַן ראָבער באַדענטער אין זיין אויספירלעכן בוך "פרייע און גלייכבאַרעכטיקטע" גיט אָן די ציפער פון 40 ביז 50 טויזנט. אַנדערע מחברים האַלטן זיך אין די ראַמען ביי אַ 40 טויזנט. איז זאָל מען אָננעמען, אַז בסך הכל איז דעמאָלט געווען ביי אַ 40 טויזנט יידן אין גאַנץ פראַנקרייך.

אָט די נישט גרויסע צאָל יידן זענען געווען פון פאַרשידענע אָפּשטאַמען, קאָנצענטרירט אין פאַרשידענע מקומות און געלעבט אין פאַרשידענע באַדינגונגען. אַ 4000 ספרדישע יידן, אָפּשטאַמיקע פון פּאָרטוגאַלישע און שפּאַנישע מאַראַנען, וועלכע זענען געקומען קיין פראַנקרייך סוף 15טן יאָרהונדערט האָבן זיך קאָנצענטריט אין באָרדאָ, באַיאַן. שפּעטער אויך אין טולוז. זייערע אבות זענען געקומען ווי קריסטן, יידישקייט אָפּגעהיט אין געהיים און שטופנווייז אַראָפּגעוואָרפן די קאַטויליִשע מאַסקע. דאָס זענען געווען רייכע יידן, אויפטוערס אין דער ווירטשאַפט. זיי האָבן געהאַט באַקומען שוץ — בריוו, פאַרשידענע פּריווילעגיעס פאַר זייערע פאַרדינסטן און לסוף רעכט צו שטימען. זייער אַסימילאַציע איז געגאַנגען כסדר פאָרויס; צווישן יידן זיך באַטראַכט פאַרן אויבערשטן פון שטויסל; מיט די אשכנזער נישט געוואָלט האָבן קיין מגע — ומשא, צומאָל באַגרינדעט, אַז זיי שטאַמען פון שבט יהודה. בעתן אויסאַרבעטן מיט זיי צוזאַמען אַ פּעטיציע האָבן די אשכנזים געהאַט צרות.

אין אוויניאָן און אומגעגנט איז געווען אַ קליינע צאָל יידן אָפּשטאַמיקע פון איטאַליע. איידער אַוויניאָן איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צו פראַנקרייך זענען די יידן געווען איטאַליענישע בירגער. אין פראַנקרייך זענען, זיי געווען אונטער דער "השגחה" פון די פויפּסטן וועלכע האָבן ביז 1790 געלעבט און געהערשט אין אַוויניאָן. די השגחה איז נישט געווען קיין מילדע. יידן האָבן דאָרט געלעבט אין געטאָס, פון צייט צו צייט פלעגן פרומע קאַטאָליקן פאַרכאַפּן עטלעכע יידישע קינדער, אויסבאַהאַלטן זיי און אָפּשמדן. די טראַגעדיעס פון די עלטערן און די קינדער זענען געווען אין — לשער.

אין פּאַריז האָט די צאָל יידן געציילט קוים 800. דאָס זענען וואַרשיינלעך געווען פאַרבלאָנקעטע אין דער הויפּטשטאָט, געלעבט פון היינט אויף מאָרגן אין רעכטלאָזיקייט און געוואַרט אויף בעסערע צייטן. נישט קיין צופאַל וואָס די פּאַריזער יידן האָבן אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציע און וואָס הונדערט פּאַריזער יידן האָבן זיך פרייוויליק אַנגאַזשירט אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע.

דער גרעסטער יידישער קיבוץ האט זיך געפונען אין אַלזאַס — לאָטאַרינגיע. דאָס זענען געווען אשכנזישע יידן, אָפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד, זייער שפּראַך איז געווען דער דעמלדיקער יידיש, געלעבט זינט צוויי הונדערט יאָר אין די זעלבע באַדינגונגען און מיטן זעלבן לעבנס — סטיל. און אויף זיי האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנצער גזר — דין פון אוממענטשלעכער דערנידערונג און אונטערדריקונג. אין זייער רעכטלאָזיקייט זענען זיי ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַריאַס. זיי האָבן צום גרעסטן טייל נישט געטאָרט וווינען אין שטעט, נאָר אין אָפּגעצוימטע גרענעצן הינטערן שטאָט אָדער דאָרפישע געגנטן, אין געטאָס. געווען זענען זיי אונטערטאַנער פון קעניג, אָבער קיין שום שוץ האָבן זיי פון אים נישט געהאַט. דאַקעגן זענען זיי געצוווּנגען געווען צו צאָלן אַ שוץ — שטייער, אַ טאָלעראַנץ — שטייער און וווין — שטייער. מיט איין וואָרט, באַצאָלן אַ שווערן פּרייז פאַרן טאָלערירן זיי צו פייניקן זיך אויף דער פראַנצויזישער ערד. ווי ווייט די דערנידערונג לגבי זיי איז דערגאַנגען קאָן מען אילוסטרירן מיט דער שטאָט שטראַסבורג, ווו קיין יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען. אויב אַ יידן איז אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך דער שטאָט און אויב ס'האָט זיך נאָך געמאַכט, אַז ער האָט געמוזט איבערנעכטיקן, האָט ער געמוזט באַצאָלן אַ שטייער, די זעלבע טאַקסע ווי מ'צאָלט אָפּ פאַר אַ בהמה, וואָס מען פירט דורך דורך דער שטאָט און וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פּעאַזש קאָרפּאָרעל — פאַר דער בהמה און פאַרן יידן די זעלבע טאַקסע און די זעלבע באַצייכענונג. מיט איין וואָרט דער ייד איז געגליכן צו אַ בהמה. און אויב אַ פּרוי איז אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך דער שטאָט און דער שטאָט — היטער האָט באַמערקט אַז די יידישע פּרוי איז אַ שוואַנגערדיקע, האָט זי געמוזט באַצאָלן צוויי מאָל טאַקסע. געווען פּרוּוון פון קריסטלעכע איינוווינער צוליב פרנסה דערלויבן איבערצונעכטיקן אַ יידן — האָבן זיי באַקומען אַ שווער פּעקל דערפאַר. ס'איז געווען אַ שטרענגער פאַרבאָט, אַז אַ ייד זאָל נעכטיקן אונטער אַ קריסטלעכן דאַך. אַ ייד האָט איבערגענעבטיקט אין אַ ספּעציעל אָרט.

די פאַרבאָטן זענען געווען אָן אַ צאָל: יידן איז פאַרבאָטן געווען זיך צו פאַרנעמען מיט דער ווייט גרעסטער צאָל באַשעפטיקונגען; זיי האָבן נישט געטאָרט זיך פאַרנעמען מיט ערד — אַרבעט, צו האָבן אַ נחלה אָדער אַן אנדזעוודיק שטאָטיש הויז. זיי איז פאַרבליבן צוויי פרנסות: נישטיקער קליין — האַנדל און וווכער, וואָס האָט געצויגן אויף זיי די שנאה פון דער באַפעלקערונג, פון די פאַראָרעמטע פּויערים וואָס האבן געמוזט לייען געלנט.

אַ ייד האָט נישט געטאָרט חתונה מאַכן זיינס אַ קינד אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש.און דערלויבט האָט מען קודם דעם עלטסטן זון בלויז חתונה צו מאַכן — באַגרענעצונגען, כדי די יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך נישט פאַרמערן. און דאָס זענען נאָך נישט אַלע פאַרבאָטן. לאָמיר נאָך דערמאָנען איינעם. בויען אַ שיל האָט מען געדאַרפט אַזוי, אַז זי זאָל נישט דערמאָנען קיין הייליקע געביידע, זי דאַרף זיין געבויט ווי אַ געוויינלעך הויז זי זאָל אויסערלעך נישט שאָקירן דאָס קריסטלעכע אויג. הכלל, דער ייד אין זיין רעכטלאָזיקייט איז געווען אַן אמתער שקלאַף, אַ פּאַריאַ.

יידישע געזעלשאַפטלעכע סטער, באַרימטע עסקנים האָבן אָנגעהויבן זוכן מיטלען און וועגן וואָס זאָלן פירן צו באַפרייען זיך פון דער שקלאַפישער רעכטלאָזיקייט. יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע זענען אָוועק פּעטיציעס, ווענדונגען צום קעניג לואי דעם זעכצנטן. דער קעניג האָט לאַנג באַטראַכט אַלע ווענדונגען, זיך נישט געאיילט און באַשטימט זיינעם אַן אַדיוטאַנט, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן ענין. ס'איז צומאָל געשאַפן געוואָרן עפּעס אַ

מין קאָמיסיע. אָבער אויך אַ קעניגלעכע קאָמיסיע האָט נישט ליב זיך צו איילן ווען עס גייט וועגן יידן. וואָלט זיך געהאַנדלט אַרויפצולייגן שטייערן, וואָלט מען זיך צוגעאיילט. דערווייל איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. די קאָמיסיע האָט אוודאי דעמאָלט געהאַט וויכטיקערע דאגות.

נאָכן שטורעמען די באַסטיליע און נאָך דער דעקלאַראַציע פון רעכט פאַרן בירגער און מענטש האָט אויך די רעוואלוציע פאַרגעסן, אַז יידן זענען מענטשן. יידישע פאַרשטייער, עסקנים, איבערגעגעבענע מיט לייב און לעבן האָבן נישט גערוט טאָג און נאַכט. לאָמיר כאָטש אייניקע, די וויכטיסטע דערמאָנען: בער יצחק בער, טערף בער, אַנגעזעענע מענטשן אויך ביי די מאַכטהאָבער. געווען אויך אַ ייד מיטן נאָמען זאַלקין הורוויץ, אַן אָפּשטאַמיקער פון פוילן, אַ פען — מענטש. צוויי יאָר פאַר דער רעוואָלוציע האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די פראַנצויזישע יידן, וואָס האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער מעצער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע (אין דער זעלבער צייט וואָס דער גלח גרעגואר האָט באקומען אַן אויסצייכענונג פאר זיין דערמאָנטן בוך). ביי דעם איז אָבער פאַרבליבן. זאַלקין הורוויץ האָט נישט גערוט. ער האָט געשריבן פלאַמיקע אַרטיקלען לטובת די רעכטלאָזע יידן אין דער ליבעראַלער פאַריזער צייטונג ״קראָניק דע פארי״. די טוער פון דער רעוואָלוציע האָבן זיכער נישט געהאַט קיין צייט צו לייענען זיינע אַרטיקלען, בפרט אַז ס׳איז אונטערגעקומען דאָס יאָר 1791 און לואי דער זעכצענטער איז אנטלאָפן. ס׳איז געוואָרן אַ צעטומלעניש און מ׳האָט ווידער אין יידן פאַרגעסן. זיי זענען געווען און פאַרבליבן אַזוי רעכטלאָז אַז אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע, ווען זי האָט אָפּגעשאַפט די פעאָדאַלע פריווילעגיעס און די באַפרייטע פויערים זענען באַפאַלן און אונטערגעצונדן די פעאָדאַלע פאַלאַצן, האָבן זיי פאַר איין וועגס אונטערגעצונדן דאָ און דאָרט אויך יידישע אָרעמע הייזקעס. די לאָקאַלע מאַכט האָט זיך נישט געמישט, בפרט ווען ס׳איז געגאַנגען אין אַ יידישער הייזקע, אָדער אַן איבערפאַל אויף יידן.

יידישע עסקנים זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, נישט גערוט: בער יצחק בער האָט צומאָל דערגרייכט צו קענען אַליין אַוועקשטעלן די יידישע פראַגע אויף דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אויפן פאָרשלאַג פון גלח גרעגואר האָט מען אפילו די יידישע דעלעגאַציע דערלויבט צו פארבלייבן ביזן סוף פון די דעבאַטן און ביי דעם איז דאָס געבליבן. געווען אַנדערע קאָלעקטיוון רעכטלאָזע: פּראָטעסטאַנטן, מוזולמענער.. טערקן — זיי אַלע האָבן שוין געהאַט באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר וועגן גלייכבארעכטיקונג פאַר יידן האָט מען דעבאַטירט אין דער נעציאָלער פאַרזאמלונג נישט נעמענדיק אין אַכט אַפילו די פּראָטעסטן פון יידישע פעטיציעס און די אומאויפהערלעכע ווענדונגען.

דעריבער איז שווער צו מעסטן דעם פרייז וואָס די פראַנצויזישע יידן האָבן דעמאָלט באַצאָלט פאַר דער עמאַנציפּאַציע מיט אַ הייניטיקער מאָס. און דער פרייז איז טאַקע נישט געווען קיין קליינער — זיך אָפּצוזאָגן פון פאָלקס — געמיינשאַפט, דער ייד זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פראַנצויזישן איזראַעליט. אַ דעפּוטאַט האָט בעת אַ דעבאַטע וועגן דער יידן — פראַגע געוואָרפן אַ סלאָגאַן: יידן ווי אַ פאלק קומט גאָרנישט, דעם ייד ווי אַ יחיד קומט אַלץ! אַפילו די יידן — פריינדלעכע דעפּוטאַטן האָבן דאָס אונטערגעכאַפּט. ניין, די עמאַנציפּאַציע איז די דעמאָלטיקע רעכטלאָזע יידן נישט אונטערגעטראָגן געוואָרן ווי אַ מתנה אויף אַ זילבערנער טאַץ. יידישע פאַרשטייער, עסקנים האָבן שווער און ביטער געקעמפט פאר גלייכבאַרעכטיקונג. צענדליקער פעטיציעס און דעפּוטאַציעס האָבן אַלאַרמירט, געבעטן, געפּאָדערט, פּראָטעסטירט.

* * *

צוויי יאָר האבן געדויערט די שטורמישע דעבאַטן אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אַלע מאָל האָט מען איבערגעריסן די דעבאַטע אָדער אָפּגעלייגט. אָבער אַפּילו בעת די קורצע דעבאַטן האָט פון די אַנטיסעמיטישע מיילער געשפּריצט מיט גיפט. די דעפּוטאַטן פון אַלזאַס און לאָטאַרינגיע האָבן געדראָט, אַז דאָס דאָרטיקע פאָלק וועט אַרויס אין אַן אויפשטאַנד אויב מ׳וועט יידן געבן גלייכבאַרעכטיקונג. די גלחים מיטן גלח מיראָ אין דער שפּיץ, די רעכטע דעפּוטאַטן, אַפּילו די פון דריטן שטאַנד האָבן געוואָרנט קעגן יידן ווי וועגן מינדערוואַרטיקע מענטשן. ס׳האָט ביי יעדער דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אַ פלייץ געטאָן די אָנגעזאַמלטע שנאה פון יאָרהונדערטער. ס׳האָט דאָך געזיגט די ליבעראַלע מערהייט בראש מיט דער גרופּע יידן — פאַרטיידיקער דעם גלח גרעגואַר, מיראַבאָ, ראָבעספּיער, טאַלאַראַן און די פיל אַנדערע ליבעראַלע דעפּוטאַטן, וועלכע די גיפט — מישער האָבן פאַר פאַרקויפטע צו די יידן.

איז ווען די ידיעה וועגן דער אויסגעקעמפטער עמאַנציפּאַציע איז דעם 28=סטן סעפּטעמבער 1791 דערגאַנגען צו די יידישע אָרטשאַפטן, האָבן יידן אין אַלע עקן פראַנקרייך געהויבן די הענט צו די הימלען. און דער איבערגעגעבענער עסקן, בער יצחק בער וועלכער, ווי דובנאָוו שרייבט ״איז צוויי יאָר געשטאַנען פאַר דער קראַטע אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג״ האָט מיט פרייד אָנגעשריבן און אַוועקגעשיקט צו די עלזאַסער און לאָטאַרינגיער קהילות (וואָס שייך די קהילות האָט מע זיי אין ערגעץ נישט פאַרמאַכט, חוץ די רעוואָלוציאָנערע ווייניקע פּאַריזער יידן וואס האָבן פאַרמאַכט זייער קהילה) ובכן, אַוועקגעשיקט אַזא שריפט: ״ס׳איז געקומען דער טאָג פון אונדזער פרייהייט. סוף כל סוף האָבן מיר צוריק באַקומען די רעכט, וואָס מ׳האָט ביי אונדז מיט געוואַלד אָפּגענומען מיט אַכצן יאָרהונדערטער צוריק. זאָלן מיר נישט זען אין דעם די גרויסע גנאָד פון אונדזער אבות? אַ דאַנק גאָט און דעם פאָלקס — אייבערשאַפט זענען מיר איצט אָנערקענט נישט סתם ווי מענטשן, נישט סתם ווי בירגער אַליין, נאָר אויך ווי פראַנצויזן. וואָס פאַראַ גרויסן איבערקער האָסטו, גרויסער גאָט געטאָן מיט אונדז!...(ציטירט פון דובנאָוו).

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט דער זעלבער איבערגעגעבער עסקן געשריבן: ״...אין דער פּראַקטיק פעלט אונדז נאָך אַ סך פון דעם וואָס מיר האָבן באַקומען אויפן פּאַפּיר. די פאַראַכטונג צום נאָמען ״ייד״ איז די גרעסטע מניעה פאַר אונדזער פולן אויפלעב...״ניין, די עמאַנציפּאַציע האָט נישט אָפּגעשאַפט דעם אַנטיסעמיטיזם, פּונקט ווי אין אונדזער יאָרהונדערט האָט די אַסמילאַציע און פולשטענדיקע אינטעגראַציע אין די דייטשע לענדער נישט פאַרזיכער די יידן דאָס לעבן.

בער יצחק בער איז געצווונגען געווען זיך ממש בעטן ביי די עלזאַסער יידן זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין די פראַנצויזישע שולן. ס׳האט די ערשטע צייט ווייניק געהאָלפן. און אַ סברה, אַז נישט בלויז צוליב פרומקייט נאָר מערער נאָך צוליב דער שרעק אַז דאָס יידישע קינד זאָל זיך געפינען צווישן קינדער וועמענס עלטערן האָבן נישט לאַנג צוריק געמאַכט פּאָגראָמען.

* * *

און דאָך, און דאָך האָט די דעמאָלטיקע עמאַנציפּאַציע אָפּגעקלונגען נישט נאָר אין די מערב — אייראָפּעישע לענדער נאָר אויך אין די מזרח — יידישע ישובים ווי אַ פרייהייט־גלאָק. אין פראַנקרייך גופא איז שוין אין די ערשטע יאָרן פאָרגעקומען אַ באַטייטנדיקע ענדערונג פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען. יידן האָבן איבערגעוואַנדערט אין גרעסערע און גרויסע שטעט. אין פּאַריז האָט אין געצוילטע יאָרן די יידישע באַפעלקערונג זיך

פאַרגרעסערט דריי מאָל אַזוי פיל. אין שטראַסבורג, ווו יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען, איז אין עטלעכע יאָר געבוירן געוואָרן אַ יידישער ישוב פון 3000 נפשות מיט אַן אימפּאָזאַנטער, אַקטיווער קהילה. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ יידישע אימיגראַציע אין לאַנד פון עמאַנציפּאַציע. צאָלרייכע דייטשע יידן האָבן פאַרלאָזט זייערע געטאָס און איבערגעוואַנדערט אין לאַנד פון גלייכבאַרעכטיקונג. אין נישט קיין גאַנצע צען יאָר איז די יידישע באַפעלקערונג אין פראַנקרייך געוואַקסן פון 35 — 40 טויזנט אויף 135 טויזנט. ס'וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט צו ברענגען דאָ געוויסע באַגרינדונגען פון וואָגיקן ווערק פון מיכאעל גרעץ, פּראָפעסאר פון געשיכטע אין ירושלימער אוניווערסיטעט, א געבוירענער אין דייטשלאנד (וואַרשיינלעך בינדט אים עפּעס מיטן באַוווסטן היסטאָריקער היינריך גרעץ) וואס איז צום יובל — יאָר איבערגעזעצט געווארן פון עברית אין פראנצויזיש. און הגם די אָסימילאַציע איז כסדר געוואַקסן זענען מיט דער צייט געקומען אָנזאָגן אויף נאַציאָנאַלן רענעסאנס — האט געשריבן מאָזעס העס, ווי מיר דערוויסן זיך פון מיכאעל גרעצס בוך.

אוודאי קוקן מיר היינט מיט אנדערע אויגן אויף געשעענישן וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. מיר נעמען אַנדערש אויף געוויסע געזעלשאַפטלעך — נאַציאָנאַלע פּראָצעסן. אָבער מיר קענען נישט פאַרלייקענען געשיכטלעכע יידישע דערגרייכונגען אַפילו ווען זיי זענען באגלייט געווען מיט שטרויכלונגען און נעגאַטיווע דערשיינונגען.

* * *

היות ס'איז שוין דא דערמאָנט געוואָרן אייניקע מאָל אונדזער גרעסטער היסטאריקער שמעון דובנאוו, וועלן מיר פאַרענדיקן מיט זיינעם אַן ארויסזאָג.

געוועזן איז דאָס ערב דעם היטלעריסטישן מבול. דובנאָוו האָט דעמאָלט געלעבט אין ריגע (נאָכן פאַרלאָזן דייטשלאנד) און מיט האַרצקלאַפּעניש נאָכגעפאָלגט די געשעענישן. אין פאַריז איז דעמאָלט מיט א צייט פריער געהאַט אויפגעקומען אַן אָנגעזעענע צייטשריפט אונטערן טיטל ״אויפן שיידוועג״, רעדאַגירט פון היסטאָריקער אַ. טשעריקאָווער און י. עפרויקין. פונקט ווי אין אַנדערע יידישע סביבות האָבן אויך דאָ יידישע פאַרשידענע אינטעלעקטואַלן, שרייבער און סתם באַאומרויקטע יידישע מענטשן אין אָנבליק פון דער אָנרוקנדיקער קאַטאַסטראָפע גערופן צוריק אין געטא און רעווידירט געוויסע ביז דעמאָלטיקע איינשטעלונגען. ווען דובנאָוו האָט באקומען דעם צווייטן נומער זאַמל — בוך ״אויפן שיידוועג״, האָט ער, זומער 1939, געענטפערט דער רעדאַקציע מיט אַ בריוו אונטערן טיטל ״וואָס דאַרף מען טאָן אין המנס צייטן?״. דער היסטאָרישער בריוו, אפשר דער לעצטער וואָס ער האט געשריבן פאַר זיין אומקום, געפינט זיך אין אַ היפשער זאַמלונג אָפּהאַנדלונגען וועגן דובנאוון און אייניקע ארטיקלען, אויך עטלעכע בריוו פון אים גופא.

איז כדאי היינט, ווען מע פירט דורך שטרענגע רעוויזיעס איבער דער עמאַנציפּאַציע, צו ציטירן כאָטש אייניקע שורות פון דובנאָווס היסטאָרישן בריוו — אָפּהאַנדלונג: ״אין אונדזער תקופה פון קאָנטר — עמאַנציפּאַציע טאָר מען נישט שטעלן די איראָנישע פראַגע: נו, און וואָס האָט זי אונדז געבראַכט אָט די עמאַנציפּאַציע? יאָ, זי האָט מיטגעבראַכט אַסימילאַציע, אָבער אויך — פרייהייט, מענטשלעכע ווירדע. זי האָט אויפגעלעבט דעם פרייען מענטשן אין דעם יידן — און די אויפגאַבע פון אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט באַשטייט דערין, אַז מען זאָל קעמפן פאַר עמאַנציפּאַציע אָן אַסימילאַציע, פאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט צוזאמען...״

**הינדע זארעצקי** / ניו־יאָרק

## ש ר פ ה

אין מיטן נאַכט
האט זיך אַ גאס צעלאַכט
געברענט האָבן
זיבן הייזער אויף אַ מאָל
איך האָב מיין טאַטן ניט דערקאָנט.

געשטאַנען איז ער אויפן דאַך
געפלאַטערט האָט דער ווינט
זיין לאַנגע באָרד
וואַקכאַנאַליע פונקען אין קרויזן
געפלויגן פון פלאַם אַרויס,
עמער וואַסער
האָט ער געגאָסן
פייער־צוגן
צו פאַרצוקן.

קלויסטער=גלעקער
צעקלונגען האָבן די נאַכט:
פאָזשאַר! פאָזשאַר! ס׳ברענט!
זיינען קינדער אַנגעלאָפן
אין נאכט־העמדער, באָרוועסע,
שטערן־פלאַם אין קינדער אויגן
האָט געלויכטן
אין דער נאַכט אריין.

פייערלעשער
אין שפיציקע היטלען
געפּאָמפּעט וואַסער
פון הויכע פעסער,
פייער מיט וואַסער
אין געפעכט.

מיין טאַטע
ווי נח
פון דער תיבה אַרויס,
געלאָשן
כוואַליעדיקע פלאַמען
פון צעצונדענע
שינדלען אויפן דאַך.

## מיינע ברילן

שענער זיינען מיינע ברילן
פון לאָרנעט־־
פאַר מיינע
אויגן
שמעלצן אותיות
ליכטיקן
דערפריי,
יעדער אות
האָט אַ מעשה
צו דערציילן,
טוט ווינט
אַ גלעט
מיין ברעם.

פייגל־געזאַנג
טראָגט ווינט:
ווידער־קול
פון גרינוואַלד.
ס ו ד
אין געטלעכע פאַרכן...

## צוויי לייבן

צווישן צוויי
פאַרבענקטע לייבן
געגאַנגען בין איך
יאָרן און טעג
געהערט
קריגערישע
קסייענטיפּאַ
בייזערן
איר מאַן
סאָקראַט:
־ניט טרינקען
זאָלסטע
זייער סם!
סאָקראַט
זאָגט זיינע תלמידים:
ליכטיקע ייִנגלעך
ניט שערן

**חיים קעניגער** / פאריז

## אַ דענקמאָל

דער טאָג פון אייביקן אָנהייב, אַצינדער
זאָל בלײַבן ווי אַ דענקמאָל,
ווען דײַן נשמה פיבערט מיט בילדער
פאַרשווונדענע אויף וועגן אַ מאָל.

פאַר די אויגן זיי שווינדלען אויפן אָפּגרונט
ווען אַן אַנדערער איז דער אָוונט אין זײַן.
באַצאָלסט פאַר אַמאָליקע זינד
אין וועלן אײַנשלינגען די שײַן.

דאָרט איז דער טאָג פאַרהילט אין שווײַגן
און דער קוש איז קאַלט
ווי אין ווינטער די צווײַגן
אָפּגעבלעטערט אין וואַלד.

## אין אומרו פאַרלאָזט

ווערטער אויסגעהויכט פאַר דער צײַט
האָבן קיין יורשים נישט איבערגעלאָזט,
און פּלאָגן זיך אין דער ווײַט
אין אומרו פאַרלאָזט.

אויף אומוועגן שטילערהייט
רוען אויף צעגליטן שטיין,
וואַרעמען זיך אַ צײַט
און קילן אָפּ אין שײַן.

ווי אַ קאַלטער האָגל
צעגייען די ווערטער אין פּײַן,
אין אייביקן וואָגל
ווערן אָנגעזאָפּט פון זיך אַליין.

---

זאָלט איר אייערע
גילדענע
קרויזן
נאָך מיין טרינקען
העמלאָק,
טראָגן זאָלט איר
מיין ליבע־
וועט ליכטיק זיין
די וועלט...״

**ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן**

/ניו־יאָרק

## די פּלייט

פון אַ פענצטער ווו
דאָס שפּילן פון אַ פּלייט
ציקלט זיך יונגפּוסיק
אַרויף צו צו,
פאַרבענקט נאָך קילער רו.
בשעת סע פאַרעט דער אָרום,
טאָפּעט זיך אין טשאַדנעפּל,
אין הילכיקן געזשום
פון לופטקילערס.

טרעלערט די פּלייט,
חלומט דין־שטיל:
אַ סטעשקע אין שאָטיקער קיל,
ווו קלאַנגען וועלן זיך אַוועקלייגן
צופוסנס פון אַ שטאַלטנער סאָסנע,
זיך אויסטון פון רעשיקן לבוש,
דערפרישן זיך מיט פערלדיקער
ראָסע...

שעפּטשעט די פּלייט
טענער לופטיק דינע
אַרויף, אַרויס ־ אַ בענקענדיקע תפילה.

## דער אָוונט איז אַ שטילער

דער אָוונט איז אַ שטילער,
מיר פאַרנעמען זיך פון גאַס,
וויל ווער טראָגן מײַנע שיך?
אַראָפּצײַען מײַנע ענגע שיך?
ניין, כ׳ווייס וואָס דו טראַכטסט,
חבר פרויד.
צו פיל טראַכטסטו אַרײַן
אין זײַטיקע געסלעך,
כ׳האָב בלויז געמיינט
דער אָוונט איז צו שטיל.
מיר פאַרמאַכן די טיר
פאַר נישט־געבעטענע טריט.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# די פיר און צוואַנציק שעה פון אויגוסט גייגער *)

## (דערציילונג)

צוויי דאַרע סקעלעטן — הענט פון דעם קראָם — אייגנטימער האָבן זיך אַ הויב געגעבן מיט אַ באַגריסונג, ווען אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אויגוסט גייגער. אַ לאַנגער און אויסגעצערטער, מיט אַ שפּיציקן קאָפּ, האָט דער בוכבינדער זיך אויפגעשטעלט פון איבער אַ קאַנטאָר־טישל, וווּ עס האָט טונקל געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל ווי אַ קנויט — ליכט פאַר אַן אַלטאַר. הינטער דעם קאַנטאָר — טישל האָט זיך געפונען דאָס קליינע ווערקשטעל, דאָס געצייג איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר אַלט — מאָדישע שנייד — מעסערס, שערן, טעפּ מיט קלייסטער און אַ הילצערנע האַנט־מאַשין צו פּרעסן די געבונדענע ביכער. דער קראָם — אייגנטימער האָט געמאַכט נאָך איין שריט פאָרויס. זיין הויכער מאָגערער האַלז, ווי דער גאָרגל ביי אַן אָפּגעצופּטן עוף האָט זיך אַרויסגערוקט פונעם ווייסן, שטייפן קאָלנער, כדי בעסער אָנצוקוקן דעם גאַסט. דאָס וואַקסענע פנים האָט זיך צעשמייכלט מיט קנייטשן.

— האבע די ערע, הער גייגער, האַבע די ערע!

— גוט מאָרגן, הער שניצלער, ווי גייט עס דעם בוכבינדער פון יאָרקוויל?

— פיל אַרבעט, גייגער, פורכטבאַר פיל אַרבעט! — האָט שניצלער זיך באַקלאָגט — די באַשטעלונגען זיינען גרעסער, ווי מען קען זיי אָננעמען.

— כ׳זע אייער קאָלעקציע פון אַנטיק — ביכער וואַקסט! — האָט גייגער זיך אַרומגעקוקט איבער די פאַרגלאָזטע טישן און שויבן — שענק וואָס זיינען געווען פול מיט שווערע געליישטע ביכער, פאַרמעט — בויגנס, אַלטע ספרימלעך און דיפּלאָמען.

— דאָס זיינען פאַרפאַלענע שאַצבאַרע ליפערונגען, וואָס קונדן פאַרגעסן אָפּצונעמען — האָט דער אויסגעצערטער בוכבינדער פאַרטרויט זיין גאַסט.

— נאַכלעטיקייט — האָט גייגער אומצופרידן אַ ברום געטאָן — די מענטשן האָבן קיין זין נישט אויפצוהאַלטן זייער ווערטפול אייגנטום. אין דער היימאַט ווערט מען אַנדערש דערצויגן.

דאָרט ווייס מען צו פּרעזערווירן קאָסטבאַרע געגנשטאַנדן.

— אַ ריזיקע שטאָט, ניו — יאָרק, אַ מעכטיקע טומלדיקע שטאָט, אַ פאַרשווענדערישע שטאָט! און ווי אַ פאַרשווענדערין קען זי זיך דאָס אויך פאַרגינען...

— האָט דער בוכבינדער פאַרענטפערט ניו — יאָרקס נאַכלעסיקע קונדן — און ווי גייט עס אייך, הער גוטבאַזיצער פון יאָרקוויל?

— יאָרקוויל בייט זיך! — האָט גייגער געקרעכצט — זי בייט זיך מיט יעדן טאָג. דער דייטשישער קוואַרטאַל פאַרלירט זיין כאַראַקטער. מען לויפט דאָ אַהער פון אַלע עקן וועלט. אַפילו די נאַכט — סאַלונען זיינען נישט די זעלבע... צופיל פליכטלינגען!

— פליכטלינגען? — האָט ריכאַרד שניצלער געלאַסן איבערגעפרעגט — דאָס איז נישט קיין אויסזעצונג. אונדזערע אורעלטערן האָט מען אויך גערופן פליכטלינגען — איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ טאָן פון אַ פּרעדיקער — די אויסוואַנדערער פון דער היימאַט זיינען, אַנטלויפנדיק, ווער פון פּאָליטישע, ווער פון רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען, אויך געוואָרן פליכטלינגען. די ערשטע דייטשישע פּיאָנערן האָבן געפליכטעט!

*) סוף פון פאָריקן נומער

אויגוסט גייגער, אַנטווישט פון דער אָנצוהערעניש, האָט באַטראַכט ריכאַרד שניצלערן מיט דער מינע פון איינעם. וואָס לייגט גרויסע דערוואַרטונגען אויף זיין פריינד און ווערט צום סוף אַנטוישט. געקומען איז ער אַהער דורכלופטערן היימאַט — בענקשאַפטן, און אָנגעטראָפן האָט ער אַ שטרענגן פּרעדיקער. פון ערגערניש האָט די ברוינע גלאַנציקע הויט איבער זיין שטערנביין זיך גענומען רינצלען. די אויגן־ווייסלען זיינען ווידעראַמאָל אָנגעלאָפן מיט דינע בלוט — אָדערלעך און ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די פליישיקע ליפּן.

— אויך איר, שניצלער האָט זיך געביטן...

דער אויסגעצערטער בוכבינדער האָט ווידעראַמאָל אויסגעשטרעקט זיינע צוויי דאַרע סקעלעטן — הענט און אָנגענומען גייגערן פאַר אַן אָרעם. דאָס האָט ער אים צוגעפירט צו זיין קליינעם קאַנטאָר — טישל מיט אַזאַ געהיימנישפולער מינע, ווי אַ גרויסע ענדערונג וואָלט נאָר וואָס פאָרגעקומען אויף דער וועלט. ער האָט אים דערלאַנגט אַ מאָרגן — צייטונג מיט אַ פעטן שרייענדיקן קאָפּ און צוגעגעבן:

— די לעצטע באַריכטן.

דערנאָך האָט ער גייגערן אָנגעוויזן אַ שטול און אַנידערזעצנדיק זיך אַליין קעגנאיבער זיין גאַסט, האָט ער פאַרטרוילעך אָנגעהויבן ריידן מיט אימפּעט:

— איר זעט דען נישט הער גייגער, אַז מיר פאַרלירן? דייטשלאַנד פאַרלירט! שוין באַלד אַ יאָרהונדערט ווי מיר האַלטן אין איין פאַרלירן. אַלע מלחמות אונדזערע זיינען דורכגעפאַלן. אַלע פאַרמעסטונגען, פאַרשפּילט. אונדזער לעבנס־באַנעם איז באַנקראָט. מיר, דייטשן, ליידן פון גרויסקייט — מאַניע. מיר טוען איבערטרייבן אונדזערע לעבנס — פונקציעס. מיר ריידן איין דער וועלט, אַז דער הימל אַליין האָט אונדז באַשאָנקען מיט אַ הערשאַפט — מיסיע. אָבער אַ לעבעדיק פאָלק האָט נישט קיין אַנדערע מיסיע, ווי צו געבוירן דורות און פאָרזעצן זיין עקזיסטענץ... בלויז פאַרצייטיקע, קריגערישע פעלקער, וואָס האָבן געהאַלטן אין פאַרגיין, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע אויפקומענדיקע קריגער — גרופּעס, האָבן גענומען אויף זיך אַזאַ מיסיע. די מיסיע פון בלוט — בעדער און אויסשלאַכטונגען...

דער בוכבינדער האָט אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט דעם שטראָם רייד, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן געבן זיין גאַסט אַ געלעגנהייט צו פאַרדייען די אָנקלאַגעס אויף די דייטשישע מאַכטהאָבער. ער האָט געדולדיק נאָכגעפאָלגט יעדע גרימאַסע אויף זיין צוהערערס שטייפן, מיט פאַרמעט איבערגעצויגענעם פּנים, געגוג צייט זיך אָפּגערוט, כדי צו קענען אָנזאַמלען פרישע באַשולדיקונגען קעגן די געזעץ — געבער פון דריטן רייך, און ווייטער גערעדט:

— דאָס ציט זיך נאָך פון יענער צייט, ווען דייטשלאַנד איז נאָך נישט געווען קיין זעלבשטענדיקע מאָנאַרכיע, נאָר אַ צעריסענע, צעטיילטע טעריטאָריע מיט אַ נישט — פאַראייניקט פאָלק. די הערצאָגן און קורפירשטן, אין זייער גײַעג נאָך מאַכט, האָבן אויפגעהאַלטן דייטשלאַנדס צעפּוילטקייט אויף אַ לאַנגע צייט. אויך אונדזער דרייסיק — יאָריקער בירגער — קריג צוליב דעם, צי דייטשלאַנד זאָל זיין קאַטויליש אָדער פּראָטעסטאַנטיש, האָט אונדז נישט פאַרשאַפט קיין ערע... מיר האָבן זיך נישט וואָס איבערצונעמען מיט אירע פירער. טילי, אונדזער פאַרטיידיקער, איז געווען אַ ווילדער, בלוטדורשטיקער הענקער. וואַלענשטיין, אויף דער זייט פון די האַבסבורגער, איז געווען אַ גרויסער רויבער־הויפּטמאַן... און שפּעטער די קייסאָרים, וואָס האָבן געטריבן דאָס פאָלק צו אָנגריף און פאַרכאַפּונג, זיינען אַליין נישט געבליבן קיין דייטשן, עס האָט זיי

געטריבן צו דער פרעמד. דאָס איז געווען אַ גרויסע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע... זעט הער גייגער — האָט דער אויסגעצערטער בוכבינדער גענומען ציילן אויף די פינגער — פרידריך דער צווייטער, דער לעצטער האָהענשטאופן, איז געווען אַ האַלבאָריענטאַלער, אַ סיציליאַנער. די האַבסבורגער זיינען געוואָרן, דורך שידוכים און דורך דעם דראַנג נאָך פאַרכאַפונג, בורגונדער און שפּאַניער... פערדינאַנד, דער ברודער פון קאַרל דעם פינפטן, האָט פאַרכאַפּט עסטרייך. זיין זון פיליפּ האָט פאַרנומען שפּאַניע, נידערלאַנד, דרום־איטאַליע...

אויגוסט גייגער האָט נישט געוואַרט ביז דער בוכבינדער וועט אויסשעפּן אַלע אָנקלאַגעס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי אַ געביסענער. דאָס איז געווען צופיל. דאָס צעטל באַגאַנגענע אָנגריפן און פאַרברעכנס, וואָס ריכאַרד שניצלער האָט, ווי אַ פּראָקוראָר, אָנגעהאָנגען אויף דער דייטשישער אור — מאָנאַרכיע, איז געווען צו גרויס, ער זאָל עס קענען אויפנעמען אָן פּראָטעסט. דער שטאַנדהאַפטיקער, אויסגעהאַלטענער, פּרינציפּיעלער גייגער האָט געקענט אַראָפּשלינגען פּערזענלעכע אַטאַקעס. אָבער באַליידיקן די ערשטע הערשאַפט — סיסטעמען פונעם פאָטערלאַנד, דאָס האָט אין אים אויפגעברויזט ווידערווילן, צאָרן און פאַרביטערונג. וואָס די אמאָליקע מאַכטהאָבער האָבן אַלץ נישט געטאָן, האָבן זיי געמיינט די גלאָריע פון דער דייטשישער ראַסע. און ריכאַרד שניצלער, אַ דייטש פון בלוט און פלייש, אַ געבוירטיקער אין מינכען, אַן איינוווינער פון יאָרקוויל, דאַרף די אויפטוען אָפּשאַצן און די פעלערן פאַרגעבן. גייגער האָט איצט באַשטעטיקט דעם פאַרדאַכט, אַז ריכאַרד שניצלער האָט זיך אויך געביטן. הייסט עס, אַז דער פאָראורטייל איז געווען ריכטיק. אויב אזוי, דאַרף ער, גייגער, פאַרשווינדן פון דאַנען און אויסמיידן דעם געפערלעכן ביכער — וואָרעם, וואָס איז פון אַן אויבנאויפיקן פריינד פלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשטעקטן שונא. אזוינע העץ — רייד שעדיקן. אין דייטשלאַנד האָט מען אַ נאָמען דערפאַר: גרויל — פּראָפּאַגאַנדע. און אויך אַ שטראָף — דער פייער — עסקאַדראָן.

ער איז האַסטיק אַרויס פון דער בוכבינדעריי. אויף דער גאַס איז שוין געווען גרויסער טאָג, די אָנגעצונדענע בינטלעך זון האָבן אויפגעלייזט די צעפליקטע גרויע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געשאַרט איבערן הימל. די דריטע עווענין האָט זיך געוועקט. דער האַסטיקער פרימאָרגן — פאַרקער האָט זיך אָנגעהויבן. פאַרמאַכטע טראָקס מיט פּראָוויאַנט האָבן זיך געשטעלט פאַר די געעפנטע גראָסערי — געוועלבער. גרויע, געפאַקטע מיסט — וועגענער האָבן זיך געיאָגט מיט אַ געפּילדער. פאַר אַן עלעווייטאָר — סטאַנציע האָבן מענטשן געאיילט טרעפּ אַרויף צו כאַפּן אַן עקספּרעס — צוג. פון אַ זייטן גאַס איז אַרויסגעפאָרן אַ ווייסער שמאָלער מילך — וואָגן, איינגעשפּאַנט אין איין פערד און, אויפן אַלטמאָדישן שטייגער געסקריפּעט מיט די רעדער.

גייגער האָט גיכער געשטעלט די טריט. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געצונדן איינפאַלן ווי אַזוי צו באַשטראָפן אַזאַ היימישן פאַררעטער ווי ריכאַרד שניצלער. דורך דעם ענגן פילטער פון זיין מוח איז דורכגעגאַנגען איין באַרמלאָזער פּלאַן נאָכן צווייטן. וואָס מער שטראָף — עקזעקוציעס עס זיינען אים געקומען אויפן זינען, אַלץ גרעסער איז געוואָרן זיין שאָדן — פרייד, זיין הנאה פון קענען נקמה נעמען אָן שניצלערן, בלויז פאַר ווערלן אין געדאַנק פאַרשווערן קעגן דער העכסטער אינסטאַנץ פון רייך! דער האַרטער שטערנביין האָט ביי אים זיך געריינצלט. זיינע קאַלטע שטאָלענע אויגן האָבן זיך צעוואַרעמט און געזוכט אַ ווענטקע פאַר שניצלערן. דאָס געררויש פון אַן אָנלויפנדיקער באַן איבע־ דער

עלעוועיטאָר — בריק האָט גייגערן צוריקגעבראַכט צו ניכטערקייט. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער שפּרייזט אויף אַ ניו — יאָרקער גאַס און דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַזוי פיל און אַזוי פיל מייל ווייט פון דייטשלאַנד, האָט אים געמאַכט אָנמעכטיק.

אַנטוואָפנט פון דער עקזעקוציע — מאַכט, וואָס ער איז געווען גרייט אָנצווענדן קעגן זיין לאַנדסמאַן, איז גייגער אַ רעזיגנירטער איצט געגאַנגען פאַרביי די שווערע אייזן — סקלאַדן און מעבל — געשעפטן, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט איבער דער דריטער עוועניו. דער פרימאָרגן — געפילדער פון די טונקעלע, אויפגעוואַכטע גאַסן אַרום האָט נאָך מער געררייצט זיין גרימצאָרן. דאָס הוזשעריי פון די לויפנדיקע עלעוועיטאָר — באַנען איבער זיין קאָפּ און פון די טראָקס און טראַמווייען אונטער דער עלעוועיטאָר — בריק, האָבן אים געטריבן צו די זייטיקע גאַסן, אייזערנע רעלסן פון אונטן און אַ נעץ פון שטאָלענע שינעס אויבן, און איבער די שינעס שווערע, הילצערנע בעלקעס, דורכגעפּרעסן פון זשאַווער און אַלטקייט. אָט דער אָנבליק האָט געשווערט אויף זיין געמיט. און אַזוי טראַכטנדיק, לויט זיין גערעכטיקייט — קאָדעקס, וועגן די, וואָס דרייען זיך אַרויס פון שטראָף, און וועגן יענע, וואָס קומען אָפּ פאַר יעדער מינדעוויכטיקער זינד, האָט גייגער דורכגעשניטן איין בלאָק און אַ צווייטן, ביז ער איז צוגעקומען צו אַן אָפענעם סקווער.

פון דער רעכטער זייט סקווער האָט זיך געצויגן אַ שמאָלער וועג מיט ליידיקע, אַרומגעצוימטע פּלעצער. צווישן די פּלעצער, באַדעקטע מיט הויפנס ברוינע סקאַלעס, האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ מעכטיקער טויבן־שלאַק, אַ צוויי — שטאָקיק הילצערן הויז, איינגעטונקט אין אַ געדיכטן בלומען — גאָרטן. אַהין האָט איצט גייגער געווענדט זיינע אויגן. דאָס איז געווען דאָס אייגנטום פון זיין פּלימעניק סילוועסטער, אַ זון פון זיין יינגערן ברודער, וואָס לעבט ווי אַ פאַרמער אין פּענסילוואַניע.

כאָטש גייגער האָט געוואָלט אויסמיידן דאָס גאָרטן — הויז צוליב די נאָכאַנאַנדיקע ערגערנישן, וואָס ער האָט אין דעם שלימען פרימאָרגן, האָט אָבער אַן אומדערקלערלעכע פליכט אים געשיקט צום טויערל. דער געלער קאַנאַריק אין זיין צימער איז קראַנק געוואָרן. אויסער דעם האָט די פרישקייט פון די אַרומגעשוירענע בייטן גראָז און די ריחות פון די פאַרביקע פלאַנצן אים אויך געצויגן אַהין. די לאַנדשאַפט האָט געגלעט זיינע אויגן און אָפּגעווישט דעם זשאַווער און די טונקלקייט, וואָס זיינע בליקן האָבן איינגעזאַפּט, גייענדיק איבער דער דריטער עוועניו.

שוין שטייענדיק פאַר דעם גאָרטן — טויערל, האָט גייגער אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צוריידן מיט זיין פּלימעניק פון קיין זייטיקע זאַכן, אויסמיידן דיספּוטן. ער וועט זיין מיט אים פאָרמעל, קאַלט, ווי אַ ווייטער קרוב. ער וועט אים בלויז פרעגן אַן עצה וועגן זיין קראַנקן קאַנאַריק. סילוועסטער, וואָס האָט אַליין פייגל און שטובֿ — חיות און האָט אַמאָל שטודירט אויף אַ וועטערינאַר, קען אים העלפן אין זיין פאַרלעגנהייט. דער קאַנאַריק זיצט שוין דעם צווייטן טאָג אין שטייג ווי אַ געליימטער. די פעדערן צעבלאָזן. ער פאַזוכט נישט קיין שפּייז, קיין וואַסער און דאָס געזאַנג זיינס שלאָגט אָפּ מיטן קלאַנג פון אַ געשפּאָלטענער גראַמאָפאָן — פּליטע.

מיט דער צערטלעכקייט פון אַן איינזאַמען, אַלטן בחור, וואָס איז פריי פון ווייב, פון קינדער, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין גליד אין זיין משפּחה, איז גייגער איצט גרייט געווען אויסצולאָדן זיין ביסל אויסגעוואַרעמטע ליבשאַפט און רחמנות צום שלאָף — געוואָרענעם פויגל. ער האָט אַפילו געליטן פון אַ פאָרוואורף ווי אַזוי ער האָט געקענט דאָס פאַרגעסן אַ גאַנצע נאַכט. און כדי צו קאָמפּענסירן זיין נאָכלעסיקייט האָט

ער אַראָפּגעשאָקלט פון זיך דאָס קווענקלעניש און איז אַריין אין גאָרטן.

ער האָט געטראָפן זיין פלימעניק אַרומגיין אין די פּאַדזשאַמעס מיט אַ גרויסע צוואַנגשער און אויספליקן די קראָפּעווע צווישן די פלאַנצן. עס האָט גענומען עטלעכע שפּאָרע מינוטן, ביז דער גערטנער, אַ פּולער, מיטליאָריקער מאַן מיט אַטלעטישע אקסלען, האָט דערשפּירט הינטער זיך אַ פּאָר בליקן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַ פאַרווונדערטער אויסגערופן:

— אום הימלס ווילן, אָנקל אויגוסט!

— אַן איבעררײַשונג? — האָט גייגער געשמייכלט.

— און נאָך וואָס פאַר אַן איבעררײַשונג! דעם סאנטאַ קלאָוז אין אַ באָד — קאָסטיום וואָלט איך גיכער דערוואַרט צו זען, איידער דיר, אָנקל. עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן, אַז דו האָסט פאַרלאָזט די מויערן פון יאָרקוויל... זיי אויפריכטיק, אָנקל אויגוסט: וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער?

— מיין קאַנאַריק...

— אויפגעהערט זינגען? — האָט דער גערטנער געלאַכט.

— ערגער — האָט גייגער געקרעכצט — דער פויגל זיצט אַ געליימטער, פּאַסט... דאָס קעפּל צווישן די פליגלען און די פעדערן אויפגעבלאָזן... כ'האָב מורא, ער איז קאַפּוט...

— ווי לאַנג האַלטסטו דעם זינגפויגל?

— זיבן יאָר.

— אַ טיפּע עלטער פאַר אַ קאַנאַריק. קיין היילונג, אָנקל. ביסט גערעכט, ער איז קאַפּוט. אָבער נישטאָ וואָס צו באַדויערן. יעדע פייגל — קראָם אין ניו — יאָרק וועט דיר צושטעלן אַ נייעם זינגער.

— דאָס אומגליק איז, אַז מען קריגט היינט נישט קיין ריכטיקן קאַנאַריק — האָט גייגער זיך געקלאָגט — פאַרן קריג איז יעדע וואָך אָנגעקומען פון דייטשלאַנד אַ שיף מיט צוואַנציק טויזנט פייגל... די ריכטיקע זינגערס פון האַרצבערג... היינט אימפּאָרטירט מען נישט קיין פרישע, און די אַלטע זינגען נישט. זיי קראַקען ווי די ראָבן...

דער גערטנער האָט אויסגעגלייכט זיינע איינגעבויגענע אַקסלען. דערנאָך איבערגעלאָזט די צוואַנג — שער אויפן גראָז און צוגעפירט גייגערן צו אַ באַנק, וואָס איז געווען איינגעגראָבן אין דער זאַמד־סטעזשקע. דאָ האָט ער זיך צוגעזעצט נאָענט צום אָנקל און אים באַטראַכט פאָרשנדיק און הינטערליסטיק, ווי ער וואָלט פאַרדעכטיקט דעם צוועק פון זיין וויזיט. דעם אָנקלס וויזיט איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט. ס'איז אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אים אויסצורײידן זיין עגאָאיזם, זיין באַרמלאָזיקייט, זיין אָפּגעפרעמדקייט פון אייגענע. ס'איז אַ געלעגנהייט אים אַריינצוזאָגן פאַר די אָפּגעטוענע עוולה'ס, נאָכלעסיקע האַנדלונגען און באַגאַנגענע אומרעכטן אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי פערטל יאָר.

סילוועסטער האָט שווייגנדיק און דורכדרינגלעך געקוקט אויף גייגערס הערקולעס — קאָפּ, אויף זיינע האַרטע גרויזאַמע פּנים־שטריכן און אויף זיינע ברייטע קאַנטיק — געהאַקטע אַקסלען, ווי אָט די גאַנצע מאַסיווע געשטאַלט פון זיין אָנקל וואָלט געווען אין ווידערשפּרוך צו דער אינערלעכער פילבאַרקייט, וואָס ראָיעט אין אים און וועקט זיין מיטגעפיל און איבערגעגעבנקייט צו צאַרטע שטוב — פייגל.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— אָנקל, דו ביסט זייער עמפּינדלעך צו שוואַכע הויז — פייגל.

— שטימט! — האָט גייגער באַשטעטיקט דעם קאָמפּלימענט.

— און ווי כ׳ווייס, האָדעווערסטו אויך ביי זיך אין הויז הינט. און דאָס מיינט, אַז דו פאַרמאָגסט מיטגעפיל און איינזען אויך צו שטאַרקערע שטוב — חיות.

— אָן צווייפל, — האָט גייגער איינגעשטימט.

סילוועסטער האָט איצט שאַרפער געקוקט אין גייגערס אויגן אַריין.

— און פאַרוואָס פעלט דיר אַזאַ מיטגעפיל צו מענטשן, אָנקל, צו אייגענע פאַמיליע — מענטשן?

— איז דאָס אַ פאָרוואורף, סילוועסטער?

— יאָ אָנקל. מיין פאַפּאַ איז קראַנק, זייער קראַנק... אַ פּאַראַליז איבערן האַלבן קערפּער. און קראַנקע מענטשן זוכן מיטגעפיל, זוכן סימפּאַטיע. זיי בענקען נאָך רחמנות און ליבע, נישט ווייניקער ווי שטוב — חיות... ווייט ווי דו, אַ לייבלעכער ברודער זיינער ביסט שטענדיק פון אים געווען, וואָלט ער מיט דאַנקבאַרקייט אויפגענומען דיין וויזיט אויף זיין פאַרם.

— עמיל איז קראַנק? — האָט גייגער באַדויערנדיק איבערגעפרעגט און ס׳איז נישט קענטיק געווען צי זיין באַדויערונג קומט אויס אַ פליכטגעפיל צי אויס געריכטקייט.

ער האָט זיך אָנגערופן: אָרעמער ברודער מיינער! ערלעך און אָפגעהיט ווי ער וויל זיין, אַזאַ דומקאָפּ בלייבט ער! דאָנערוועטער! פרום און אַ דורכפאַל! גאָטפאָרכטיק, און קיין איין אונטערנעמונג אין לעבן איז אים נישט געלונגען! אָפּגעקליבן זיך אַ שווער פאַרמער — לעבן! כ׳וועל אים פאָרן זען. אָבער הערסט, סילוועסטער, מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, זאָג איך דיר. כ׳האָב צום ווינציקסטן זיך געריכט, אַז עמיל, אַ פרומער קריסט, וואָס לייענט יעדן טאָג די ביבל און האָרכט די זונטיק — דרשות פון די גייסטלעכע, זאָל געשטראָפט ווערן מיט אַזאַ קראַנקייט...

— צו וואָס טרייבן שפּאַס, אָנקל? צו וואָס די לעסטערונג? ער וואָלט אויך געבליבן אַ שטרענגער רעליגיעזער מענטש, ווען ער ווערט נישט קיין פאַרמער. און עס איז בעסער די גלויביקע, איידער די צווייפלער... וואָס איז דיין גלויבן, אָנקל?

— דאָס פאָטערלאַנד! — האָט גייגער מיט אַנטשלאָסנקייט אויסגעצויגן דאָס וואָרט

— ווייסטו סילוועסטער, אַז אונדזער פאָטערלאַנד, פונוואַנען איך קום און פונוואַנען דיין פאָטער קומט, ליגט אויף אַ קאָנטינענט, וואָס איז אַן אייביקער קאָכעדיקער ווולקאַן? קליינע פיינטלעכע פעלקער רינגלען אַרום דייטשלאַנד און פאַרטראָגן נישט איר אויסשפּרייטונג, איר דראַנג נאָך לעבנס — רוים. און נישט בלויז פאַרטראָגן זיי נישט דייטשלאַנדס וואַקסנדיקע מאַכט, נאָר צווישן זיי אַליין גייט אָן אַ שטענדיקער געראַנגל. פיינטשאַפט און צוזאַמענשטויסן צווישן די דאָרטיקע לענדער איז אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג.

— ס׳איז אומפאַרמיידלעך, ווייל די דאָרטיקע לענדער זיינען נישט געאייניקט, אָנקל — האָט סילוועסטער איבערגעשלאָגן גייגערן — איין פאָלק ביים צווייטן וויל אָפּבייסן אַ שטיק ערד. עס גייט אָן אַ משוגענער דראַנג נאָך ערד — באַזיץ, אָדער ווי דו, אָנקל, רופסט דאָס: דראַנג נאָך לעבנס — רוים... און צו וואָס אַזוי פיל באַזונדערע לענדער און לענדלעך אויף אַזאַ ענגן קאָנטינענט? קענען דען יענע לענדער נישט וווינען אונטער איין הימל? מיר, יענקיס, ווייסן נישט פון אַזאַ אומגליק. די אַמעריקאַנער אור — טאַטעס האָבן, מיט זייער איינשטעל אַז רעכט איז מאַכט, אויסגעמיטן היסטאָרישע קאַטאַסטראָפעס... עס קומט קיינעם נישט אויפן זינען, אַז דאָס פאָלק פון ווירדזשיניאַ זאָל פירן קריג קעגן דעם פאָלק פון נעבראַסקאַ. די שטערן און די שטרייפן שיצן אונדז ווי אַ פאַנצער...

— דו ווּעסט דאָס נישט פֿאַרשטיין, סילוועסטער — האָט גייגער זיך נענטער צוגערוקט — ביסט אַ געבוירענער דאָ, אַ יענקי, אָן וואָרצלען, אָן טראַדיציע. פֿאַרקאָכט אין די געוווינהייטן און פּירונגען פֿון דעם לאַנד... אָבער לײדער, אויך פֿיל פֿון דער עלטערער גענעראַציע דײַטשן פֿאַרשטייען דאָס נישט. אויך זיי זײַנען פֿול מיט אַבערגלויבנס וועגן דעם יונגן לאַנד. צופֿיל דאַנקבאַרקייט פֿאַר דער פֿרעמד און צו ווייניק אָפּשאַצונג פֿאַר דער היימאַט. און איך האָב געמיינט, אַז פּענסילוואַניע איז אַ שטאַט פֿון דײַטשע איבערזידלער. דײַטשע קאָלאָניסטן אַריבערגעפּלאַנצט אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן. באַנעמסט מיך, סילוועסטער? — האָט גייגער נידעריקער און מיט מער פֿאַרטרויאונג גענומען ריידן — מיר דײַטשן זײַנען אַנדערש אין דער פֿרעמד... ווי איינוואנדערער האָבן מיר אַ מיסיע, אַ שיקזאַלהאַפֿטע אויפֿגאַבע. מיר זײַנען באַרעכטיקטע אַרײַנדרינגער. ווו עס שטייט אַ דײַטשער פֿוס, דאָרט איז דײַטשער באָדן. דאָס איז די עלעמענטאַרע לערע, וואָס יעדער דײַטש, אויסער דער היימאַט, דאַרף וויסן. הערסט סילוועסטער? — האָט גייגער מיט מער היץ, מיט מער ברען גענומען אַרײַנקנעלן אין זײַן פֿלימעניק — מיר דײַטשן זײַנען אַ העכערע לעבנס — שטאַרקע ראַסע. די ענגלענדער און די אַמעריקאַנער, די שוואַכזיניקע דעמאָקראַטן, האָבן דעם באַגריף העכערע ראַסע נישט ליב. זיי דערמאָנען דאָס מיט שפּאָט און ווידערווילן. זיי פֿאַרטראָגן נישט קיין אויסדערוויילטקייט ביי אַ פֿרעמד, גרויס פֿאָלק. אָבער אויסדערוויילטקייט איז אַ געשאַנק פֿון הימל. די נאַטור אַליין האָט אַרויפֿגעצוווּנגען אַזאַ גורל אויפֿן דײַטשן פֿאָלק. און אַ נאַטור — גורל איז אַ געזעץ, אַ לעבנס — מיסיע, וואָס דאַרף דורכגעפֿירט ווערן מיט שטאָלץ און זעלבסטאָנערקענונג.

גייגער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. די אייגענע רייד, ווי אַ באַגײַסטערטער פּרעדיקט, זײַנען אים געפֿעלן. זײַן פֿולער האַלדז האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַ פּענכער. ער האָט געקוקט אַן אַנטוישטער אויף זײַן פֿלימעניק, ווי אויף איינעם פֿון דעם יונגן דײַטשן דור, וואָס איז איבערגעפּלאַנצט אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן. פֿאַרשטייט ער אים? באַנעמט ער זײַן מיין? אַ נאָגנדיקער פֿאַרדאַכט, אַז סילוועסטער טראַכט וועגן אים, גייגערן, ווי וועגן איינעם, וואָס איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון אָט דער זאַטער, באַקוועמער וועלט, האָט אים שטאַרק געערגערט.

פֿון דעסטוועגן איז ער געוועזן צופֿרידן אַרײַנצורײדן מיט אימפּעט אין זײַן פֿלימעניק, וואָס האָט אויפֿגענומען זײַנע רייד שווײַגנדיק און פֿאַרגאַפֿט. אָט דער צוהערער איז נישט אַזוי ווי ריכאַרד שניצלער. פֿאַר יענעם בוכבינדער האָט ער, גייגער, אַליין געמוזט אַנטלויפֿן. יענער האָט געטראָטן אַלץ, וואָס איז טייער. זײַן צונג האָט געשמיסן דײַטשע מאַכטהאָבער, האָט דערנידעריקט דײַטשע גלאָריע. אָבער דאָ, אין זײַן פֿלימעניקס גאָרטן — הויף, איז ער דער אָנגרייפֿער, דער אויפֿקלערער, וואָס טייטשט אויס פֿאַר דעם לייכטזיניקן, פֿלעגמאַטישן אַמעריקאַנער דעם זין פֿון דײַטשער פֿולמאַכט צו הערשן איבער פֿעלקער.

גייגער האָט געדולדיק אויסגעקלאַפּט זײַן פֿאַרלאָשענע ליולקע, אָנגעשטאָפּט זי מיט פֿרישן טאַבאַק און פֿאַררויכערט, פּלוצים האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און זיך אַ קער געטאָן צו זײַן צוהערער.

— כ׳ווייס, האָסט מיך ווייניק פֿאַרשטאַנען. אָבער ווי אַ גאַסט בעט איך דיך, פּרוביר נישט אויס העפֿלעכקייט מיר אַרײַנצורופֿן אויף פֿרישטיק. איך פֿאַרציכט דערויף. הערסט, סילוועסטער? כ׳פֿאַרציכט! אַ פֿאָלקס — גענאָסע, וואָס ווייס אַזוי ווייניק פֿון זײַן דײַטשן אָפּשטאַם, פֿאַרדינט נישט, מען זאָל צו אים גיין טרינקען קאַפֿע... צו דײַן קראַנקן

פאָטער וועל איך יאָ צופאָרן. און וועגן דעם קאַנאַריק, האָסטו מיר סיי ווי נישט געהאָלפן... גוטען טאַג!

.3

פיר בלאָק ווייטער איז אויגוסט גייגער געשטאַנען פאַר זיין שטוב. אַ שמאָל רויט — ציגלדיק הויז מיט מעבלירטע צימערן. אין פראָנט האָט זיך געריסן אַ הויכער, דאַרער קאַשטאַן — בוים און פוןביידע זייטן — פאַרצווייגטע קשאַקעס באַדעקט מיט די האַרבסטיקע רויטלעך — גאָלדיקע בלעטער. דער הימל איז געווען טיף — בלאָ און דאָס קילע זון — ליכט האָט מיט דורכגעזיפּטער לויטערקייט צוגעדעקט דעכער, מויערן און טראָטואַרן.

גייגער האָט זיך געלאָזט איבער די פראָגט — טרעפּלעך. די הויז — ווירטין, אַ פעטע, אַן אויסגעשטאָפּטע, אירע העלע האָר פאַרלייגט אין צוויי געפלאָכטענע קאָסן, איז אים אַנטקעגן געקומען מיט צוויי דייטשע צייטונגען אין האַנט.

— די מאָרגן — פּרעסע, הער גייגער, און כ׳האָב גאָרנישט געהערט היינט פון אייער צימער דאָס זינגען פונעם קאַנאַריק. אויב כ׳זאָל זיין אבערגלויבעריש, הער גייגער, איז דאָס אַ צייכן פון טרויער... די קאַפּע איז אויפן טיש, הער גייגער, און די הינט וואַרטן אויף זייער באָד.

אינעם צימער האָט גייגער מער ווי איין זופּ קאַפּע נישט געטאָן. ער איז איילנדיק צוגעגאַנגען צום הענגשטייג. דער קאַנאַריק איז געווען אַוועקגעפאַלן. שטייף און פאַרקילט. דאָס שנעבעלע אַרויף. אַפילו די געל־געפלעקטע פעדערן זיינען געווען אויפגעבערשטלט, ווי זיי וואָלטן געוואָרן געקעמט מיט אַ דראָטענער קאַם. דער טויט פונעם זינגער־פויגל האָט אויף אַ שפּאָרע ווײַלע אָנגעיאָגט אויף גייגערן אַ נאָגעדיקן אומעט, ווי דער ערשטער אומעט, וואָס עס דערשפּירט אַ מענטש אויפן פאַרלוסט פון אַ שטוביקן. אָבער די קאָנסעקווענטקייט גייגערס, זיין שטילע צושטימונג צו די קאַלטע געזעצן פון לעבן האָבן אים געלאָזט אין ניכטערער גלייכגעוויכט. אָן צו זאָגן אַ וואָרט דער הויזווירטין, האָט ער צערטלעך אַריינגעלייגט דעם טויטן פויגל אין זיינע ברייטע דלאָניעס און איז אַרויס דערמיט אין הויף.

פאַרן ברעטער — פאַרקאַן, הינטער אַ שיטערן צווייגן — קנופּ האָט ער מיט די הוילע פינגער אויסגעגראָבן אַ לאָך. ער האָט געמאַכט דעם אויסהויל אַזוי טיף און ברייט, עס זאָל זיין גענוג פּלאַץ פאַרן קאַנאַריק. דערנאָך האָט ער זאָרגעוודיק און צערטלעך אַריינגעלייגט דעם פויגל אין דער וואַרעמער, ווייכער ערד, ווי אַן אויסגעבעטעכץ, און מיט ערפורכט פאַרשאָטן דעם קליינעם קבר.

אָפּגעטאָן דאָס רעכט צום טויטן פויגל, עס זאָל נישט ווערן קיין שפּייז פאַר קעץ אָדער קראָען, איז גייגער איצט גרייט געווען צו טאָן זיין פליכט צו די לעבעדיקע, געטרייע הויז — חיות. ביידע הינט האָבן געוואַרט אויף זייער וועכנטלעכער באָד.

גייגער איז אַריין אין באָד — צימער. די בלעכענע וואַנע אויף אַ דרייפוס, די זייף, די שוואָם, די רייב־באַרשט, אַלץ איז שוין געווען אָנגעגרייט. דאָס ערשטע האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל און פאַרקאַשערט די אַרבל ביז איבער די עלנבויגנס. ער האָט געעפנט דעם קראַן פון הייס וואַסער, דערנאָך, פון קאַלט וואַסער, אונטערגעשטעלט איין קרוג, אַ צווייטן און ווען די וואַנע איז איבער דער העלפט געווען אָנגעפילט מיט לעבלעך וואַסער, האָט ער געעפנט די טיר און אַ רוף געטאָן צו דער קיך:

— פרוי מאטילדאַ, ביטע, פירן זי אַריין דעם ערשטן יונגע!

די הויזווירטין האָט באַזאַכט, אויף אַ רימען אַריינגעבראַכט דעם ערשטן הונט. דאָס איז געווען אַ נידעריקער, שווער — לייביקער בולדאָג מיט אַ געלבער פעל, געפלעקט אויף שוואַרץ. גייגער, וויסנדיק, אַז זיינע ביידע הינט זיינען בלוט־שונאים, זיי קריכן זיך אין די גאָרגלען ביי יעדער באַגעגעניש, האָט זיי ליבער געבאָדן איינציקווייז. דער בולדאָג האָט געקוקט אַרויף צו זיין באַלעבאָס מיט אונטערטעניקער ליבשאַפט און ווי נאָר ער האָט זיך דערשפּירט פריי פונעם רימען, איז ער מיט איין צי אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, מעשה — ספּאָרט זיך אונטערגעטונקט און פון גרויס פאַרגעניגן אַרויסגעבלעקעצט די צונג און פאַרזשמורעט זיינע גרויע, טעמפּע אויגן.

גייגער האָט געצוואָגן און גערייניקט דעם הונט, ווי מען צוואָגט אַן אייגן קינד. די פעל איז געווען צעבערשטלט, יעדעס בינטל צעדריוולט. ער האָט מיט דער שוואָם איינגעזייפט דעם רוקן, דעם בויך און די ריפּן — ביינער. דערנאָך איז ער פונקט אַזוי פלייסיק איבערגעגאַנגען איבער דעם הונטס לייב מיט דער האַרטער באַרשט. ער האָט נישט פאַרפעלט אַריינצוקוקן אין די אויגן — ווייסלען, אויסצובלאָזן די אויערן, די נאָזלעכער. אַריבער אַ פערטל שעה האָט געדויערט דאָס פעדאַנטישע צוואָגן און קעמען. אַן איבערצייגטער, אַז דער גאַנצער שמוץ איז אַרויס פון הינטער דער פעל פון דער געטרייער שטוב — חיה, האָט ער דעם אויסגעבאָדענעם בולדאָג געלאָזט איצט זיצן אומבאַוועגלעך אין דעם זייף — וואַסער — אַן אָפּרו פון וואָס דער הונט האָט געשעפּט גרויס פאַרגעניגן.

און בשעת דער איינגעווייקטער הונט האָט געדעכעט און געשיפּעט פון ווילטאָג, וואַרטנדיק דער באַלעבאָס זאָל אים צו יעדע רגע אַרויסטרייבן פון באָד, האָט גייגער דערווייל צעעפנט די דייטשע צייטונג און אויפמערקזאַם איבערגעלייענט די קעפּ פון די מלחמה־נייעס. אַלע קריגס־באַריכטן האָבן אָנגעזאָגט וועגן דייטשלאַנדס צוריקטריט אויף די פראָנטן. די נייעס האָט גייגערן נישט געשמעקט. ער האָט זיך געטרייסט, אַז דאָס איז גרויל — פּראָפּאַגאַנדע און נישט באַנומען ווי אַזוי אַ דייטשע צייטונג אין אַמעריקע, געדרוקט אין דייטשער, גאָטישער שריפט און באַשטימט פאַר דייטשע לייענער, זאָל העלפן פאַרשפּרייטן דעם בלבול, אַז די דייטשע אַרמיי איז מער נישט שלאָג — פעאיק און האַלט זיך אויף דער דעפענסיווע. אַזוי, איבערקומענדיק די ערשטע לייכטע ערגערניש, האָט ער איינגעוויקלט דעם בולדאָג אין אַ ברייטן באָד — האַנטוך און אים געלאָזט ליגן אָפּצוטריקענען אויפן קליינעם האַריקן דיוואַן. ער האָט ווידעראַמאָל געעפנט די טיר און געלאָזט וויסן דער הויז — ווירטין אין קיך:

— פרוי מאַטילדא, ביטע, פירן זי אַריין דעם צווייטן יונגע!

פּינטקלעך, ווי די הויז — ווירטין האָט אַריינגעבראַכט דעם ערשטן אַזוי האָט זי אים אויך אַרויסגעפירט. ביים באָדן דעם צווייטן הונט, אַ שוואַרץ — גלאַנציקן האַריקן פּודעל, האָט גייגער אַזוי פיל מי און אַרבעט נישט אַריינגעלייגט. כאָטש דער פּודעל איז געווען באַדעקט איבערן גאַנצן רוקן, איבער די פיס, קאָפּ און אַפילו איבער די אויערן און אויגן מיט געדיכטע קלעמבעס האָר, וואָס זאַפּן לייכט איין שטויב און אינזעקטן, איז ער אָבער געווען ריינער ווי דער בולדאָג. די שווערע פעל, ווי אַ פּוטער געפּוצט און פּילטרירט. אַ מוסטערהאַפט באַשעפעניש, האָט גייגער אין געדאַנק געריימט דעם פּודעל. אויס ליבשאַפט האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן "שוואַבע", בעת דעם ערשטן הונט האָט ער געגעבן איינפאַך: בולדאָג.

פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אָנגעזייפטן און אויסגעצוואָגענעם שוואַבע און וויסנדיק, אַז דאָס איז זיין לעצטע טואונג פאַרן גיין שלאָפן, האָט גייגער געעפנט דאָס קליינע

מעדיצין — שענקל אין באָד — צימער. ער האָט דערטאַפּט צווישן די מעדיקאַמענטן אַ ברייט — האַלזיק פלעשל שנאַפּס, אַ גוטן זופּ געטאָן און אַרויפגערוקט דאָס שמאָלע פענצטער, אַז די וואַרעמע באָד — פּאַרע זאָל אַרויס.

פון אַ שכנותדיק פענצטער האָט זיך געטראָגן די הילכיקע שטימע פון ראַדיאָ. ס'איז געווען צען אַזייגער. דער נייעס־אַנאָנסער האָט געלאָזט וויסן פאַר דער פרייער וועלט די לעצטע קריגס — באַריכטן:

...דער צוריקטריט פון דער דייטשער אַרמיי אין איטאַליע איז אין פולן שווונג. דער פיינט לויפט אויך אין פּאַניק איבערן גאַנצן רוסישן פראָנט. די רויטע אַרמיי טרייבט די דייטשן פון איר טעריטאָריע, באַפרייט הונדערטער באַוווינטע ערטער, שטעט, דערפער. אָבער יעדע צוריקגענומענע שטאָט איז טויט, חרוב און ליידיק פון די איינוווינער.

...עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די דייטשן, איידער זיי עוואַקויִרן אַ שטאָט, מאָרדן זיי אויס די ציווילע באַפעלקערונג, צווינגען זייערע קרבנות צו גראָבן אייגענע קברים, טויטן זיי מיט מאַשין־געווער, דערשטיקן זיי אין גאַז — קאַמערן.

די הילכיקע שטימע פונעם ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר איז זיך פאַרגאַנגען העכער, דראָענדיקער, געקלונגען ווי די אָנקלאגע פון אַ פּראָקוראָר:

...די אַליאירטע פעלקער וואָרענען די ברוטאַלע פאַרברעכער, אַז קיינער פון די שולדיקע וועט זיך נישט אַרויסדרייען פון דער פאַרדינטער שטראָף... ווען דער טאָג פון משפּט וועט קומען, וועלן זיי מוזן אָפּגעבן רעכענונג פאַר די טייכן פאַרגאָסן בלוט... עס וועלן געשטעלט ווערן פאַר דעם וועלט־טריבונאַל די גאָטלאָזע קאַניבאַלן, וואָס זיינען באַגאַנגען איבער דער אומשולדיקער באַפעלקערונג אַזעלכע גרויזאַמע רציחות און באַרמלאָזע מערדערייען.

גייגער האָט זיך אַ קרים געטאָן. איבער זיין האַרטן, שטייפן פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ ביטערע גרימאַסע. טיף אין זיך האָט ער אָפּגעשטויסן די אומהיימלעכע נייעס, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די הייטעלעך פון זיין געהער. ער האָט געוואָלט דערשטיקן דאָס קול פונעם קריגס־קאָמענטאַטאָר, וואָס האָט אַזוי ברוטאַל געוואָרנט. ער האָט געוואָלט פאַרשטאָפּן דעם קוואַל פון וואַנען אַזאַ אַגיטאַציע רייסט זיך צו די אויערן פון דער וועלט. דאָס איז פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע. אומפאַרשעמטע פּראָפּאַגאַנדע צוגעווירצט מיט גרויל און העצע, צו שעדיקן דייטשלאַנדס נאָמען. וואָס ריידן זיי וועגן אַ טאָג פון רעכענונג? און פאַר וועמען גרייטן זיי אַ וועלט — טריבונאַל? פאַר די דייטשע אַרמייען? קריג איז קריג! און ווער וואָרנט דאָס דייטשלאַנד? די פלעגמאַטישע אַמעריקאַנער! די פאָרשטייער פון אַ גענעראַציע, וואָס איז געבוירן און אויפגעהאָדעוועט אין ווווילזיין, און רייכקייט. אַ גענעראַציע, וואָס איז ווייט פון די טראַגישע געשעענישן, וואָס לויערן אייביק אין אייראָפּע. פאָרשטייער פון אַזאַ פּאַסיווער גענעראַציע טאָרן נישט זיין קיין ריכטער! זיי זיינען אויבנאויפיק און לייכטזיניק. פּאָליטישע געשיכטע איז פאַר זיי אַ פאַרזיגלט בוך, און וואָס שייך אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, זיינען זיי אומוויסנדיק!

מיט אַזאַ אורטייל אויף די פלעגמאַטישע אַמעריקאַנער האָט אויגוסט גייגער איבערגעגעבן דעם צווייטן אויסגעבאָדענעם הונט דער הויז־ווירטין מאַטילדאַ און איז אַריין צו זיך אין צימער. דאָ איז אַלץ געווען ציכטיק צוגערוימט. די טונקעלע ראָלעט איבערן פענצטער אַראָפּגעלאָזט. דאָס ריינע, געקראָכמאַלטע האַנטוך אויף דער שפּיגל — קאָמאָדע, דער שלאָף־ראָק און די שטעק־שיך פאַרן בעט. אין קעגנזאַץ צו דער געלאַסנקייט מיט וועלכער ער פלעגט טאָג־איין, טאָג־אויס אַראָפּנעמען זיינע קליידער, האָט גייגער איצט אין געציילטע סעקונדן געהאַט אויף זיין לייב די גרינע, לויזע

פאַזשאַמעס. דאָס ווייסע בלענדנדיקע געלעגער און דער צייטיקער באַגער נאָך שלאָף האָט אַריינגעטריבן גייגערן אין אַ פאַרגליווערטער גלייכגילטיקייט צו דער וואַכזאַמער וועלט אַרום. אַלע פאַרדרוסן זיינען אויסגערונען. דער מוח איז געוואָרן הויל. אין דער טעמפּער אויפלייזונג פון געדאַנקען האָט ער אַפילו זיך באַפרייט פון דער ערגערניש אויף די פלעגמאַטיקער און איגנאָראַנטן, וואָס זיינען איצט קריגעריש, אָבער ווערן אין פרידנס־צייט קיינמאָל נישט טיף גערירט אויף דער ליידנדיקער אייראָפּע... מיט זיינע קורצע הענט צוקאָפּנס, מיט דעם אַלטן מידן קערפּער איינגעבויגן ווי אַ רייף, אַזוי האָט גייגער אין אַ לייכטן אויסגייענדיקן רויש, וואָס קומט ווי פון שווערע, פאַרטויבנדיקע גלעקלעך, זיך איבערגעגעבן דעם שלאָף.

.4

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גוט פינצטער. דורך אַ שפּאַלט פון דער אַראָפּגעלאָזטער ראָלעט האָט אַריינגעקוקט אַ שטיק נאַכטיק הימל. גייגער האָט אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל פונעם בעט — לעמפּל. דער אַלאַרם־זייגער אויף דער קאָמאָדע האָט געוויזן זיבן. גייגער האָט זיך אַליין געוווּנדערט איבער זיין שפּעטן שלאָף. ער האָט זיך פויל געשטרעקט. און ווי נאָר ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן ברייטן גענעץ, האָבן פון יענער זייט וואַנט זיך געהערט טריט. באַלד דערנאָך אַ קלאַפּן אין דער טיר.
— אַריין!

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ גרויער מאַן מיט אַ פּאָר שווערע הינדענבורג־וואָנצעס, אָנגעטאָן אין אַ בייערישן קאָסטיום: אַ פּאָר קורצע ברוינע הויזן, אַ שטייף, גרין העמד איבערגעלייגט איבער דער סאַמעטענער וועסט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויף אַ מאַסקן־באַל. דאָס איז געווען ערנסט קרופּ, אַ שכן פונעם צווייטן הויז, אַ צוריקגעצויגענער געשעפטסמאַן. קרופּ האָט זיך באַגריסט.

— אַ גוטן אויפשטיין, הער גייגער! כ׳האָב פאַר אייך נייעס. די דייטש־אַמעריקאַנישע ליגע פאַר מענטשן — רעכט רופט היינט אין דעם שאַרלאָטנבורג־זאַל אַ גרויסן מיטינג וועגן די פרידנס־אויסזיכטן... כ׳האָב געקראָגן אַ רעספּעקטפולע איינלאַדונג. אויך אייער הויז־ווירטין האָט פאַר אייך אָפּגענומען איינע. גייען מיר צוזאַמען, הער גייגער?

גייגער האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט, אַ נישט־אויסגעטשוכעטער אָנגעשטעלט ביידע אויערן, ווי ער וואָלט גלייך נישט אויפגעכאַפּט דעם שכנס נייעס. כדי אַרויסצונעמען גייגערן פון קווענקלענישן און צו זיין זיכער, אַז ער וועט מיטגיין, האָט קרופּ אָנגעהויבן אים צוריידן:

— עס באַטייליקן זיך אויפן מיטינג פיל פּראָמינענטע לאָזשעס... מען קען זאָגן די עליטע פון ניו־יאָרק. פון דעם אַריסטאָקראַטישן ״קלוב פון געשיידטע פּרויען״ ביז צו דער געזעלשאַפט ״פריינט פון גאָרטן — חיות״... דאָס פאָטערלאַנד איז נישט איינזאַם, הער גייגער. אין אַמעריקע זיינען פאַראַן גענוג רעדפּעקטאַבלע עלעמענטן, וואָס האָבן אַ פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר דייטשלאַנד...

אויגוסט גייגער האָט אָנגעקוקט זיין שכן מיט אומצוטרוי:

— איר רעדט שוין וועגן סימפּאַטיע פאַר דייטשלאַנד! איך זע נישט קיין אורזאַך, צו זיין אַזוי געפאַלן. די פּראָפּאַגאַנדע דאָ אין דעם לאַנד איז איבערגעטריבן! אַ צייטווייליקע נידערלאַגע אויפן שלאַכט־פעלד הייסט נאָך נישט, אַז מיר פאַרלירן...

ערנסט קרופּ, שטייף און אָנגעקראָכמאַלעט אין זיין געפּרעסטן בייערישן קאָסטיום, איז מיט אַ לייכטן קאָפּנויג טיפער אַריין אין צימער און צופרידן געווען אויפצוקלערן זיין שכן:

— מיר ווייסן נישט וואָס דער אויסגאַנג וועט זיין, הער גייגער. אָבער מיר מוזן זיין גרייט צו יעדער סיטואַציע. כ׳האָב אַמאָל געלעזן, אַ דייטשער גענעראַל אין דינסט פון גראַף פאָן מאָלטקע האָט געלאָזט הערן: ״מיר דייטשן זיינען אומבאַזייגבאר. אין קריג בויען מיר אַלץ אויף אַ זיג. אָבער ווען אַ דורכפאַל זעט אויס צו זיין אומפאַרמיידלעך און מיר האַלטן ביים פאַרלירן, דעמאָלט הויבן מיר אָן וועקן ביי דער וועלט סימפּאַטיע״...

די ציטירטע זאָגונג, ווי אַ קאָנפעסיע, ווי אַן אָפנהאַרציקע רעזיגנאַציע האָט גייגערן ארויסגעשטויסן פון זיין גלייכגעוויכט. אַזאַ איינפאַל האָט נאָר געקענט קומען פון אַ גענעראַל אין דינסט פונעם פעלדמאַרשאַל פאָן מאָלטקע! אָבער דער פרומער פעלדמאַרשאַל פאָן מאָלטקע אַליין איז נישט איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן. ער האָט געגלויבט אין דייטשער איבערמאַכט, אין איר באַרעכטיקונג צו באַהערשן די וועלט און טאַקע דורך קריג! עס געדענקט זיך זיין זאָג: ״קריג איז אַן עלעמענט אין גאָטס שיינער וועלט — אַרדענונג. אָן קריג וואָלט די וועלט פאַרזונקען געוואָרן אין מאַטעריאַליזם...״

גייגער איז אַראָפּ פונעם בעט. מיט איין האַנט־וויש איבערן שטערן האָט ער אָפּגעמאַכט מיטצוגיין מיט קרופּן. געוויס, אָן קיין אָפּהאַלט וועט ער מיטגיין! אין אָט דער גרויסער קאָסמאָפּאָליטישער שטאָט, ווו עס פעלט האַרמאָניע, ווו אַלע טואונגען זיינען ווידערשפּרוכן, ווו אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס זיינען פיינטלעך צו דער קעמפנדיקער דייטשלאַנד, וועט ער גיין אָנקוקן יענע געקליבענע עלעמענטן, וואָס ווילן זיין גערעכט צום פאָטערלאַנד... ער האָט שווייגנדיק באַטראַכט דעם ווילמיינענדיקן, פאַטריאָטישן שכן, וואָס שטייט אויסגעפּוצט אין זיין ביירישן קאָסטיום, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו אַ פריילעכער פאָלקס — פייערונג. קיין אויפקלערונג איז מער נישט געווען נויטיק, אויך ער, גייגער, דאַרף זיך פילן אין אַ געהויבענער היימאַט־שטימונג. אויפמונטערונג איז די טיר צו באַגייסטערונג. און באַגייסטערטע פאָלקס־גנאָסן, ענטוזיאַסטישע פרייסן דאַרפן באַזוכן דעם מיטינג אומבאַדינגט!

אָן דורכצוואַרפן אַ וואָרט מיט קרופּן, איז ער אַריין אין זיינע שטעק־שיך. יעדער שפּאַן איבערן צימער איז איצט געווען פול מיט צוועקמעסיקייט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע־שאַפע און גענומען עפענען איין טירל נאָכן צווייטן: אויפן דנאָ פון דער אונטערשטער שופלאָד האָט ער אויפגעזוכט אַ שפּאָך — מיצע, אַן אַלט פּרייסיש היטל, ווי אַ קעפּ. ער האָט אויך געפונען אַ פּאָר אָפּגעמאַסטענע שטייערמאַרק־הויזן און אַן ענגע לעדערנע יאַקע — אַן איבערבלייב פון אַ פאַרלעגענעם יונקער־מונדיר. שטייענדיק פאַרן שפּיגל האָט ער זאָרגפעליק דאָס אַלץ זיך אָנגעטאָן. ער האָט זיך געהילט אין דעם אָנטועכץ מיט דער ערפורכט פון אַ פּריסטער, וואָס וויקלט זיך אין זיינע הייליקע קליידער.

די אָנגעשטאָפּטע ליולקע האָט ער אַריינגעשטעקט צווישן די ציין. זיין רעכטע האַנט האָט ער אריינגעפלאָכטן אין דעם שכנס אָרעם. און מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס ווייטע היימאַט־לאַנד שטייט געפּאַנצערט, געשלאָסן ווי אַ פאַרמאַכטע פויסט, האָט אויגוסט גייגער זיך געלאָזט צום שאַרלאָטנבורג־זאַל, צום מיטינג, ווו פּראָמינענטע, ווייכהאַרציקע אַמעריקאַנער גייען וועקן סימפּאַטיע פאַר דייטשלאַנד, וואָס קען ווערן געשלאָגן און באַזיגט.

---

מחברים ווערן געבעטן, אויב מעגלעך. אַריינשיקן כתב־ידן געשריבענע אויף אַ שרייב מאַשינקע. שיקט בלויז די ערשטע קאָפּיע (אָריגינאַל), נישט קיין ״זיראַקס״.
א דאנק

## ישראל גובקין

# קאָוועל, וואָלין

(פון ציקל "צוואַנגס־אַרבעט 1916־1917")

לעבן זאָלן קאָוולער יידן
מיט די ווייבער, מיט די גוטע,
אויפגענומען אונדז ווי ברידער,
און ווי קינדער, ליב און אייגן.

ווייס—געדעקטע לאַנגע טישן,
ברויט און חלה אָנגעשניטן;
גאָפּל, מעסער שפּאָגל—נייע,
טעלער—פּאָרצעליי פון כינע.

אין די טעלער וואַרעם עסן,
זופּ מיט מאַנדלען, פלייש מיט צימעס;
צום פאַרבייסן—עפּל, באַרן,
טיי מיט צוקער, מאַנדלברויטלעך.

ווער מלחמה? וואָס מלחמה?
וואָס מיר פינצטערע קאַזאַרמעס?
לעבן זאָלן קאָוולער יידן
מיט די מיידלעך, מיט די ליבע.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען,
הייבט זיך חברה אָן צו ציען
צו די מיידלעך, צו די שיינע;
רופט זיך אָנעט הערש דער קצב:
—חברה יונגוואַרג הערט נאָר,
איר'ט אוודאי שוין פאַרגעסן,
אז מיר זיינען דאָ אין גלות
ביי די גויים, די רשעים,
מיט'ן "גאָטס פאַרדאַמטע יודען".

—איר'ט אַוודאי שוין פאַרגעסן,
אַז גאָטס צאָרן אויסגעגאָסן
איז אויף אונדזער בריסק, דער ליבער,
און די חורבות, אירע פוסטע.

—אונדזערע משפחות זיינען
אָנגעוואָרפן אויף עמלקים;
ווייַ איז אונדז, אז די פּאָליאַקן
מוזן זיי מיט קריזשקעס שפּייזן.

—קומט—זשע בענטשן, חברה יונגוואַרג,
בעט אָבינו בשמים,
זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן
און דערלייזן פון נייעם גלות.

זיינען אַלע צוגעקומען
נאָכגעזאָגט דעם קצבס בענטשן;
שטיל געשוויגן האָט מוישל רויטער
מיט אַ בייזן ביטול—שמייכל.

ווען דאָס בענטשן איז אַריבער
האָט ער געבעטן אים אויסהערן,
און געעפנט ט'ער אַמונה—לשון:
הערט נאָר, הייליקע צדיקים!

—בענטשן, דאַוונען, לייגן תּפלין,
ליגן אַלץ נאָך אייך אין זינען:
וואָס האָט ער דעם גרויסן חורבן
גאָר דערלאָזט, דער גאָט פון רחמים?

—גענערעלער און קיסרים
האַלט ער אויס אויף קעסט, אויף פעטע,
און זיי שיקן פשוטע מענטשן
אין גיהינום פון מלחמה.

—מענטשן פאַלן ווי די פליגן,
מענטשן ערלעכע און גוטע,
און רשעים — שטנס שלי״זים —
קלינגען מיט די בלאַנקע שפּאָרן.

בריסק, אַשטאָט פון גאָלע לומדים,
ליגט פאַרחורבעט, ווילד פאַרוואָקסן.
ווער האָט אונדז פון דאָרט פאַרטריבן
ניט אַשד מיט ברוסט—מעדאַלן?

—איז ער גאָט, וואָס—זשע שווייגט ער?
אפשר איז ער גאָר אַנטשלאָפן?
וועקט אים, וועקט אים מיט געבעטן,
אפשר וועט איר אים דערוועקן...

—דאַרף מען אים גאָר אפשר וועקן
מיט די ביקסן און האַרמאַטן;
מיט קרבנות, עולות רויטע,
און מיט בלוט—געווייקטע פעלדער?

—טאָ צו וואָס איז אייער דאַוונען?
אַז דאָס טוען שוין סאָלדאַטן,

און קיסרים מיט באַנקירן
זיינען די כוהנים גדולים.

— מיט ציגאַרן אין די שנוקעס,
און מיט יאָלדן און אָקאָפּעס,
פירן זיי די בייזע גרענדע,
אָט די בלוטיקע עבודה...

שטיל געשטאַנען זיינען אַלע
און געהערט די פייער — רעדע;
הערש דער קצב איז געזעסן
און געביסן בייז די ליפּן.

און די שומרים, יעקעס פּראָסטע,
האָבן שטיל די קעפּ געשאָקלט:
— ס'האָט דאָך רעכט, דער קלוגער קערל,
די פאַרדאַמטע רויב — באַנקירן.

האָט געענטפערט הערש דער קצב:
— מוישל, מוישל דעם מלמדס,
זאָל כביכול דיך ניט שטראָפן
פאַר דיין חוצפּהדיקן פּלוידער.

— ס'זיינען דאָך פאַר אונדז פאַרהוילן
דער השגחהס דרכים, ווען;
און מיר דאַנקען פאַר דעם גוטן,
און מיר בענטשן אויף דעם שלעכטן.

— לאָמיר בעסער דאַווענען מנחה,
ס'איז דאָך שבת — קודש, יידן!
לאָמיר כאָטש איין שמונה — עשרה
דאַווענען אַלע דאָ בציבור.

האָבן זיך געשאָקלט אַלע
ווי די שטיבלעך פון אַ שטעטל,
ווען די שווערע ווייט — קאַנאָנען
עפנען אויף די בייזע מיילער.

ביים "צדקתך צדק לעולם"
האָט דעם קצבס קול געציטערט...
און דער מזרח האָט געפלאַקערט
אין דער שווערער קאַנאָנאַדע...

## באַמערקונגען צום ציקל "צוואַנגס — אַרבעט 1916 — 1917"

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914 — 1918) האָבן די דייטשישע אָקופּאַנטן פון מזרח־אייראָפּע עוואַקואירט די יידישע איינוווינער פון בריסק (ברעסט־ליטאָווסק) און אומגעגנט קיין פּוילן, און זיי באַזעצט אין די פּוילישע דערפער צו מערב, אַרום מעזעריטש און ראַדזין.

די פּויערים, וואָס זיינען מערסטנס געווען פאַרמעגלעכע, זיינען דורך די דייטשן געצווונגען געוואָרן צו באַזאָרגן די פּליטים, פּרווען, קינדער אין עלטערע לייט, מיט ווױנונגען און שפּייז. די יידישע יוגנטלעכע, 12 יאָר און העכער, ווי אויך אַ צאָל מיטליאָריקע יידן, זיינען גענומען געוואָרן אויף צוואַנגס — אַרבעט.

פון די בריסקער צוואַנג־אַרבעטער האָבן די דייטשן פאָרמירט דעם אַרמירונגס־באַטאַליאָן 109, וואָס איז צום ערשטן געשיקט געוואָרן קיין וואָלין (מערב־אוקריינע) צו שנײַדן האָלץ אין די דאָרטיקע וועלדער און העלפן טראַנספּאָרטירן דאָס געהילץ קיין דייטשלאַנד; שפּעטער־אַרבעטן אויף די שאָסייען ניט ווייט פון מזרח־פראָנט און טאָן אַנדערע געפערלעכע אָרבעטן, אָפטמאָל שטייענדיק ביז איבער די קני אין די זומפּן פון קאַמיען־קאַשירסק און פּינסק. (ווייסרוסלאַנד).

דער בריסקער באַטאַליאָן איז געווען מזלדיק און באַרגלייך מיט אַנדערע באַטאַליאָנען פון דעם מין, ווו דער רעזשים אין געווען אַ שוידערלעכער, און ניט אַלע יוגנטלעכע זיינען פון זיי צוריק געקומען.

**מאיר חרץ** / ירושלים

## ט ע ג

טעג איז נישט קיין קליינגעלט אין דער צאָל פון יאָרן,
וואָס אַ קאַרגער קען פון טאָג צו טאָג עס שפּאָרן.
טעג דאָס איז דער יום=יום אין דער קייט פון אַ יאָרהונדערט
און מיר דאַנקען גאָט פאַר יעדן טאָג באַזונדער.

מיר פאַרגעסן נישט קיין טאָג קיין איינעם אין דער וואָכן
און אוודאי נישט קיין שבת ביַי דעם סוף פון אַלע וואָכן
און מחדש די לבנה זע׳מיר יעדן חודש זומער, ווינטער
און מיר פאַסטן תשעה באב און ביַים אָנהייב יאָר ־ יום כּפּור.

און מיר לעבן יעדן טאָג, לעבן אויס אים אויך אין חלום,
וואָס ער ברענגט דעם שלאָף אונדז און ער טראַכט אונדז אויס דעם שלום,
וויַיל דאָס לעבן ־ אַ געראַנגל, קאַמף פאַר יעדער שעה באַזונדער
אין דער גרויסער צאָל פון שעהען אין אַן איינציקן יאָרהונדערט.

ירושלים, 14טער נאָוועמבער, 1989

---

די אויפזעערס פון באַטאַליאָן 109 זיינען מערסטנס געווען מיטליאָריקע, דייטשישע רעזערוויסטן, פאָלקס־מענטשן און פאַמיליע־לייט, אַטייל פון זיי בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַטן. זיי האָבן זיך — מיט ווייניק אויסנאַמען — באַצויגן צו אונדז קאָרעקט און פריינדלעך. די העכערע אָפיצערן־אָבער־זיינען געווען פּרייסישע יונקערס, היפשלעך אַנטיסעמיטיש, אָדער סתּם רשעותדיק צו אונדז און אויך צו אונדזערע אויפזעערס. זיי פלעגן אַלעמען אָנטאָן צרות מיט ניט־נויטיקע שוועריקייטן בעת דער אַרבעט און נגישותן נאָך דער אַרבעט.

* * *

אָבינו בשמים (אָווינו באַשאָמאַים) אונדזער פאָטער אין הימל.
עולות (אוילעס) קרבנות אין אַמאָליקן בית־המיקדש; פלעגן פאַרברענט ווערן אינגאַנצן.
צדקתך צדק לעולם (צידקאָסכאָ צעדעק לאוילאָם) דיין גערעכטיקייט איז אייביק גערעכט.

## תּיקון טעות

אין "חשבון" נומער 114, אין ישראל גובקינס עסיי "קלאָרקייט און אומקלאָרקייט אין דיכטונג", אין פאַרן לעצטן פּאַראַגראַף, זייט 63, שטייט על־פּי טעות: "אַדינגעניש מיטן כביכול איבער דער צאָל "זקנים". סע דאַרף זיין "צדיקים" אנשטאט "זקנים".
אין זעלבן פּאַראַגראַף ווערט דאָס וואָרט "טלמודישן" אויסגעלייגט מיט א"ט". ס׳דאַרף זיין מיט א"ת" "תּלמודישן".

## שירע גאָרשמאַן

שירע גאָרשמאַן שטייט אויף די ערשטע,
דערנאָך דער מאַן, דער זון, די טעכטער,
זי שרײַט אָן אויף זיי, זי שרײַט אויף יעדן,
איידער זי נעמט זיך זאַפּטיק צו רעדן.

איידער זי נעמט זיך גערדיכט צו שרײַבן,
די בייזע גײַסטער פון הויז צו פאַרטרײַבן,
גרייט זי דעם שרייב=טיש, זי גרייט אים פאַר יעדן.
צי שירה גאָרשמאַן האָט ליב אירע העלדן?
צי וואַרט זי נישט זיי זאָלן זיך מעלדן?

ווײַל אויב זיי קומען נישט, גייט זי זיי ברענגען,
נאָר פריער גייט זי די וועש אויפהענגען,
דאָס ברויט אָפּצובאַקן, די פיש אָפּצופּרעגלען
און סיבלײַבט נאָך צײַט מיט זיי צו פאַרברענגען.

נאָר שירע האָט פײַנט ליידיקע ווערטער
און צווישן די ווערטער די ליידיקע ערטער,
שירע האָט ליב גערדיכט צו שרײַבן
קיין פּוסט אָרט זאָל, חלילה, נישט בלײַבן.

ירושלים, 12טער נאָוועמבער, 1989

## דאָס לעבן גייט ווײַטער

דאָס לעבן גייט ווײַטער
ווײַטער פון מיר
און דערווײַטערט זיך.
איך הער שוין קוים די קולות,
די עכאָס קוים,
וואָס לעשן זיך
אין מײַנע בלינדע אויערן.

דורך אָפענע טויערן
ליידיקט זיך אויס מײַן הויף.

איך נעם זיך קוים צונויף,
איך און מײַן ביסל טראַכטן
און לייג זיך אַרײַן אין אַ שאַכטל.
מײַן ביסל געדענקען,
מײַן טראָפּן בענקען

לייג איך אַרײַן אין אַ פעסל
און לעב אין גרויסער שרעק,
אַז כ'האָב עפּעס פאַרגעסן
און לעב.

ירושלים, 3טער יאַנואַר, 1989.

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צײַטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: $8,00 אַ יאָר.

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 South Robertson Blvd. ⊙ Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָריטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

## זייט איר פאַראינטערעסירט...

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעז. אירווין קורצמאַן, פּרעזידנט
אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

שנײַדט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................................................

Address..............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..............................................................

Date..........................Signature of Applicant..............................

עקיבא פישבין / פּאַריז

# די צען טעפּיכער פון מרדכי אַרדאָן אין שערי־צדק שפּיטאָל אין ירושלים.

וווּנדערלעך שיין איז די הייליקע שטאָט ירושלים, וואָרעם פון די צען מאָסן שיינהייט, מיט וועלכע גאָט האָט די וועלט מזכה געווען, זענען גאַנצע ניין צוגעפאַלן איר. אַרום די בערג — הויכקייטן, וואָס שמעקן מיט תנ״ך, האָט ירושלים אויפגעשטעלט אירע געצעלטן, און זייט דריי טויזנט יאָר פירט זי אַזוי שוין פּערמאַנענט אַ דיאַלאָג מיט די הימלען.

אין אַ פלאַכן טאָל, אַ גרינעם, נאָענט צום הר הרצל מיטן ברייט צעוואַקסענעם פּאַרק, בליאַנקען מיט העלקייט צען גרויסע מאָדערנע בנינים. דאָס איז דער נייער ״שערי־צדק״ — שפּיטאָל — איינער פון די מאָדערנסטע אין מדינת ישראל. פּאַר אָט דעם אַלט — נייעם שפּיטאָל האָט געשאַפן מרדכי אַרדאָן א יצירה אין אַבסטראַקטן נוסח — אַ ציקל פון צען טעפּיכער, וואָס וואָרצלען טעמאַטיש אין דער אגדה וועגן די 22 אותיות פון א — ב מזמן בריאת העולם.

1

מרדכי אַרדאָן איז אַ ייד פון טיכעוו, און אַז איר פרעגט ביי אים — ווו שטעקט דאָס דאַזיקע טיכעוו? — דערציילט ער אייך, אָט וואָס: — ווען דער רבונו — של — עולם האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער געוואָלט אַ קוק טאָן וואָס פאַר אַ פּנים די וועלט האָט...״האָט גאָט זיינע יוכטשטיוול איבערן אַקסל געוואָרפן, ס׳העמד איבער די הויזן מיט אַ גראָבן שטריק צוזאמענגעצויגן, און אַזוי איז ער אַרויס אויפן ערשטן שפּאַציר איבער זיין ניי באַשאַפן וועלטל... איז עפּעס אַרויסגעפאַלן פון דער הויזן קעשענע (אַ פאַרזשאַווערט פּינפּרל). ס׳האָט זיך געדרייט און געקייקלט, ביז ס׳איז פאַרחלשט ליגן געבליבן ביי אַ שמאָל וואַסערל (דאָס טייכל ביאַלע). דאָ איז געוואָרן טיכעוו״. (מרדכי אַרדאָן, ״אונטערוועגס — אָן אַ וועג״ (זכרונות), גאָלדענע קייט״, 122, ז.88).

ביי מיין גאַנצן דרך — ארץ פאַרן זכרון פון בעל — המעשה, בין איך אים דאָך חושד אין אַ טעות; ס׳לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז פון דער געטלעכער ״הויזן — קעשענע״ זאָל האָבן אַרויסגעפאַלן אַן אָרעם פאַרזשאַווערט פּינפּרל; נייערט אַ גאָלדן רענדל. וואָרעם, ווי וואָלט פון טיכעוו אַזאַ געהויבענער נאָמען אַרויסגעוואַקסן, ווי מרדכי אַרדאָן?

מילא, גרויס איז טאַקע טיכעוו, ווי אַ גענעץ, אָבער ווי יעדעס שטעטל אַ מאָל אין מזרח — אייראָפּע, איז טיכעוו געווען אַ פעסטונג פון יידישקייט און אַ קוואַל פון יידישן שטייגער. צוויי מעכטיקע שטראָמען האָבן דאָרט אָפּגעגרענעצט דעם ייד פונעם דרויסן, אים נישט דערלאָזט צו אויסמישונג — די אַלטע צוגעבונדנקייט צום יידישן אות, און דער אויסשטראַלנדער כוח פון וואַרעמען און זאַפטיקן יידישן פאָלקלאָר, וואָס האָט אַרויסגעשמעקט פון יעדן אָרט אין יידישן לעבן. די צוויי לעבעדיקע שטראָמען האָבן באַוואַסערט און באַקרעפטיקט די יידישע אַנדערשקייט; דאָס האָט דעם ייד צוגעבונדן צום פאָלקישן שטאַם. ווי מיט אָרעמס קרעפטיקע האָבן די אָ שטראָמען פון יידישן טיכעוו מרדכי אַרדאַנען אַרומגענומען, זיי האָבן אים צוגעטוליעט צו דעם למעלה ולמטה פון יידישן זיין. זייט דעם ערשטן עלטער ביים טאַטן, דעם מקובל, האָבן

איינגעזאַפּט זיינע אויערן די באַטעמטע מעלאָדיעס. פון יידישן ניגון, און די אויגן זיינע האָבן שפּאַצירט איבער דעם טאַטנס אָפענע ספרים מיט די אותיות קאַנטיקע. אַ פּיצל קינד, איידער ער האָט נאָך דעם פשט פון יידישן אות תופס געווען, האָט אים די מראה פון אות אַליין געצויגן. די גראַפישע פּאָרעם פון אות האָט געוועקט ביי אים אַ נייגער, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיין קינדערשן שכל דעמאָלט שוין פאַרשטאַנען, אַז די שאַרפע קאַנטיקייט פון יידישן א — ב פאַרטיידיקט אַ מיסטישן סוד. מיט דער צייט האָבן די יידישע אותיות באַוועלטיקט אַרדאָנס נשמה. צוליב זייער פּלאַסטישן געבוי, זייער סודותדיקן טעם און ברייט — טיפן תוכן זייערן, איז אַרדאָן מיט די יידישע אותיות פאַרבונדן אינטים — ביז אויפן היינטיקן טאָג. אויך דערמאָנט דער א — ב די טיכעוועער היים; אַזעלכע זמרדיקע עכאָס טוען וויטאַמינירן דעם גייסט פון קינסטלער, זיי קרעפטיקן די שעפערישע יכולת זיינע. אים לאָזט אָבער, אין דער אונטערשטע שורה, נישט צו רו דער הייליקער סוד, די מאַגיע פון אות.

״וואָלט איך געלעבט אין 12־טן, 13־טן י.ה. וואָלט איך געווען אוודאי אַ סופר״ — האָט אין אַ שמועס אַ מאָל מיר אַרדאָן פאַרטרויט.

אַרדאָן, דער קינסטלער פון אַבסטראַקטן נוסח — דער פּאָעט און בעל — מחשבות — ער טוט זיך ראַנגלען מיטן מלאך, ער וויל די שוועל פון סוד איבערטרעטן, ער וויל מגלה זיין דאָס פאַרבאָרגענע און פאַרהוילענע. דאַכט זיך, אַז שוין אין זיין גאַנץ פריען עלטער, ביים ערשטן משא — ומתן מיטן א — ב, איז געוואָרן געחתמעט דעם קינסטלערס גורל.

״עס אַרט מיך ניט/וואָס איך האב די פּערל ניט געפונען/כ׳האָב דערפאַר די טיפעניש דערגרייכט.״ — זינגט יוסף פּאַפּיערניקאָוו, דער פּאָעט. אָט, ״די טיפעניש״ דערגרייכן, ער זאָל וויסן אַפילו דעם שליסל צום סוד נישט צו געפינען, איז די זאָרג פון מרדכי אַרדאָן, דעם קינסטלער, זייט ער האַלט די פּאַלעטע אין דער האַנט.

וואו׳זשע שווימט מען אַזוי טיף נאָך, ווי אויפן ים פון דער יידישער אגדה, ווען געשטויסן מען ווערט דורך די שאַרפע כוואַליעס פון יידישן א — ב? האָט אַרדאָן גענומען פאַר אַ קאַנווע צום ציקל טעפּיכער פאַרן שפּיטאָל ״שערי — צדק״ אין ירושלים, די פּאַקל אגדה וועגן די 22 אותיות פון א — ב, וועמענס אינהאַלט איז בצימצום אַזוי: ווען גאָט איז געגאַנגען באַשאַפן די וועלט, האָבן זיך געיאַוויעט פאַרן כסא — הכבוד די אותיות פון יידישן א — ב; און יעדער אות האָט פאַרלאַנגט, דער בריאת עולם זאָל זיך אָנהייבן מיט אים. דער ערשטער איז געקומען דער ״ת״ און געטענהט — היות דאָס וואָרט ״אמת״ טוט זיך ענדיקן מיט אַ ״ת״, פּאַסט אַז דער וועלט־באַשאַף זאָל זיך אָנהייבן מיטן ״ת״. דער צווייטער איז געקומען אַ יחסן ביז גאר דער ״ש״! וואָס הייסט? מיטן ״ש״ הייבט זיך אָן דער הייליקער נאָמען ״שדי״. קומט אים, די וועלט זאָל באַשאַפן ווערן מיטן ״ש״.

האָט דער כביכול געענטפערט דעם ״ת״ — זאָל ער ווייניקער קאָקעטירן מיטן ׳אמת׳, ווייל ער שטייט אויך צופוסנס גאַנץ שיין דעם ״מוות״. און דעם ״ש״ האָט דער כביכול געבעטן, ער זאָל אויפהערן זיך צו גרויסן מיטן ״שדי״, מחמת אין אַ שיינעם טאָג וועלן פעלשער און שווינדלער אונטערוואַרפן אים אַ ׳ק׳ מיט אַ ׳ר״, און ס׳וועט פון אים ווערן — ״שקר״. דער ׳ת׳ מיטן ׳ש׳ זענען אַוועק מיט בושה. נאָך אַזעלכע רייד האָבן ׳ק׳ און ׳ר׳ נישט געוואַגט שוין פאַרן כסא הכבוד צו דערשיינען; זיי האָבן זיך אָפּגעווישט דאָס מויל און אַנטלאָפן, ווו דער פעפער וואַקסט...

נאַכהער זענען געקומען אַנדערע אותיות און געלויבט זייערע מעלות. דער ׳ע׳ למשל, האָט זיך געגרויסט מיט ״עניוות״, דער ׳ז׳ — מיטן פסוק ״זכור״ — געדענק אין דער

הייליקייט פון שבת. גאָט אָבער האָט יעדערן געענטפערט דאָס ס'זייניקע. דעם 'ע' אַז אויך דער "עון" — פאַרברעך — הייבט זיך אין מיט אַן'ע'. און וואָס זייך דעם 'ז' זעט ער סתם אויס, ווי אַ שווערד. מעג מען מיט אַ שווערד גיין באַשאַפן אַ וועלט? הקיצור, די ריי איז געקומען אויף דעם 'ב' און ער האָט געפועלט, מחמת דאָס וואָרט "ברוך" — זאָל זיין געבענטשט — הייבט זיך אָן מיט אים. מיט אַ ברכה — האָט געפסקנט דער בורא עולם — פאַסט צו באַשאַפן די וועלט! אַזוי אַרום האָבן מיר זוכה געווען צום "בראשית ברא אלוהים..."

אָפּגערוקט אין אַ זייט, איז געשטאַנען דער 'א' און געשוויגן. — נו, און דו, 'א', דו האָסט גאָרנישט וואָס צו זאָגן? — האָט דער כביכול געפרעגט. האָט זיך אָפּגערופן מיט הכנעה דער 'א'. — אדון עולם ווען כ'האָב געזען, אַז דו האָסט אַוועקגעשענקט די טייערע מתנה מיין שכן, דעם 'ב', האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כ'דאַרף פאַר דיר נישט דערשיינען, וואָרעם ס'פּאַסט נישט פאַרן מלך השמים אָפּצונעמען אַ געשענקטע מתנה פון איינעם און זי אַוועקגעבן אַ צווייטן. גערירט פון אַזוי פיל אחריות און טאָלעראַנץ, האָט גאָט באַשלאָסן, אַז דער 'א' וועט זיין דער ערשטער אות פון א — ב און דער אָנהויב אויך פון די עשרת — הדיברות.

אָט די אגדה האָט דעם וויזיאָנער מרדכי אַרדאָן שטאַרק אַ ריר געטאָן, זי האָט אים אַרויפגעברענגט אויף מחשבות, וויזיעס האָט זי ביי אים אַרויסגערופן. האָט ער גענומען, און געשאַפן מיט איר הילף דעם ציקל טעפּיכער פון "שערי — צדק" שפּיטאָל.

.2

דער א — ב איז פון אַלע מאָל אַ נאָנטער מחותן מיטן יידיש — קינסטלערישן אויסדרוק. ער פלעגט זיין דער הויפּט — עלעמענט פון דער יידישער קונסט, ווייל דער "אל תעשה לך פסל" האָט געקירעוועט דעם יידישן קינסטלער צו דער גראַפישער און דעקאָראַטיווער קונסט. דער סופר פון מיטלעלטער, בעצם אַ קינסטלער פון גראַפיק און אָרנאַמענטאַלער קונסט, האָט אינעם רייץ פון יידישן אות מיט זיין פּלאַסטיש — מאגישער אויסווירקונג, דערשמעקט אַן אָנרעגנדיקן, זויבערן קוואַל פאַר קינסטלערישער עמאָציע. האָט דער סופר שוין די נשמה זיינע אַריינגעלייגט און אויסגעצירט דעם אות וואָס שענער און רייכער. ער האָט מיט די אותיות — פאָרמען עקספערימענטירט אָן אַ סוף. אויך אָנגערעגט האָט דעם יידישן קינסטלער, וואָס לפי קבלה שטעקט אין די 22 יידישע אותיות אַ ים מיט מיסטישע משמעות; יעדער אות איז אַ סובסטאַנץ פון דער געטלעכער עמאַנאַציע. האָט ער נאָכגעלאָזט די לייצן פון זיין פאַנטאַזיע, דער קינסטלער, און געלאָזט זיך ווילגיין מיט דער טעמע פון א — ב.

אין די טעפּיכער פון "שערי — צדק" שפּיטאָל דערשיינט דער אַרדאָנישער א — ב מיט אַ קינסטלעריש — נשמהדיק לעבן, וואָס אַזעלכעס, דאַכט זיך, איז אין דער קונסט נישט באַקאַנט. ביי אַרדאָנען ווערן די אותיות בשר — ודמיקע געשטאַלטן. ער איז דאָ ווייט אַוועק פון אַלטן סקאַרבאָווע נוסח פון יידישע גראַפיקער און בעלי — יצירה פון דעקאָראַטיווער קונסט.

דער ציקל טעפּיכער, דאַרף מען זאָגן, איז בלי — ספק אַ גראַנדיעז דעקאָראַטיוו ווערק. דאָס ערשטע וואָס טוט אַ שלאָג אין די אויגן איז דאָס עשירות פון פאַרבן, דאָס איז אַ סאָרט לירישע עקספּלאָזיע אין דער טבע פון אַ סימפאָנישער מוזיק. עפּעס ליגט שוין אין אַרדאָנס בלוט דער דראַנג צו נגינה, וואָס ציט זיך מסתמא פון טיכעוו נאָך. אַרדאָן באַטראַכט די מוזיק, ווי די סאַמע נאָענט שטייענדע קונסט צו דער מאָלעריי. פאַר אים

זענען פֿאַרבן, כמו כלי — נגינה, זיי דאַרפֿן זינגען מיטן קלאַנג פֿון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. שאַפֿט ער, אַרדאָן, אַ מין מוזיקאַלישע מאָלעריי, גענוי ווי דער פֿראַנצויזישער היינטצייטיקער מוזיק — גאון, מעסיאַן, שאַפֿט מאָלערישע מוזיק. דער רוב אַרדאָנס טעפּיכער זענען געבויט, ווי צוויי אַקעגן — שטייענדיקע מאָלערישע גרופּעס. יעדע גרופּע, אין איר קאָליריקן איינהיל, לעבט איר אייגן מאָלעריש לעבן. נעמט מען באַטראַכטן דעם תּוכן פֿון אַזאַ טעפּיך, טוט מען נאָכפֿאָלגן דאָס טעמאַטישע עשירות פֿון יעדער גרופּע באַזונדער — די עלעמענטן, ווי זיי פֿלעכטן זיך און טוען זיך איינפֿלעכטן אין קאָליריקן פֿאַרוועב; און אָנגעגליט איז דאָרט דער געשפּאַנטער געראַנגל מיט אַ פֿילדייטנדיקן פּשט — דאַן האָט איר דעם איינדרוק צו הערן אַ זעלטן רייכע פּאָליפֿאָנישע מוזיק; עפּעס למשל, ווי אַ מעכטיקע פֿוגע פֿון באַך! דער הויפּט — דעקאָראַטיווער עלעמענט אין פּלאַסטישן רוים איז, ביי דער זייט פֿון די פֿאַרביקע ליניעס, קאָליריקע ספֿערעס און אימאַגינירטע אָביעקטן — דער א — ב. ווי דער סופֿר פֿון אַמאָל, טוט אויך אַרדאָן שלייפֿן און פֿיילן די פֿאָרעם פֿון אות. דעם אוצר פֿון די עקספּרעסיווע א — ב פֿאָרמען איז ער משדך מיט די צעזונגענע פֿאַרבן פֿון זיין געבענטשטער פּאַלעטע. פֿון דעם געראָטענעם זיווג ווערן געבוירן ליכט שטראַלנדיקע אַראַבעסקן, פֿאַרפֿלעכטונגען, — א פֿאַרביקע עשירות רוישט מיט אָרנאַמענטאַלער קראַפֿט און צויבערט דאָס אויג. אויפֿן פֿאָן פֿון רויט און בלאָ, ברוין און גאָלדיק — געל און נאָך אַנדערע פֿאַרבן, פֿינקלען מיסטעריעזע אותיות קאָליריקע; זיי רוישן, די מאַגישע צייכנס, ווי אין אַ כּישוף — וואַלד און מאָנען אַ באַשייד.

וואָלט דאָך דער אָרנאַמענטאַלער חן שוין פֿון די טעפּיכער געווען — דיינו? איז אַרדאָנס קונסט אָבער נישט אַ קונסט לשם דעקאָראַציע. אַרדאָן איז נישט קיין חסיד פֿון אַ הונדערט פּראָצענטיק אַבסטראַקטער קונסט, וואָס הענגט אין די הימלען. זיינע אַ שאַפֿונג קירעוועט אַ וועג תּמיד צו דער קאָנקרעטער לעבנס — רעאַליטעט. דער קינסטלער לאָזט פֿון אויג נישט אַרויס דעם מענטש און זיין חלום. אַוודאי, אויך אַרדאָן באַווייזט פֿון אַן אות אַ צאַצקע צו מאַכן, אויך ער הילט דעם א — ב אין סימבאָלן וואָס טוען די הייליקייט זייערע מרמז זיין. דאָס אַלץ אָבער פֿירט צו אַ העכערן צוועק! אין דער אַרדאָנישער יצירה געפֿינט מען שטענדיק אויך איינצלנע פֿיגוראַטיווע עלעמענטן, וואָס סיגנאַליזירן די פֿאַרבינדונג מיט דער מענטשלעכער סביבה און אירע דעגות. מרדכי אַרדאָן איז אַ קינסטלער, א בעל — מחשבות, וואָס דריקט אויס מיט זיין פּאָעטיש — קינסטלערישער שפּראַך אַלץ וואָס מאַטערט זיין געוויסן, אַלץ וואָס לאָזט זיין האַרץ נישט צו רו. זיינע מיסטישע שטימונגען, זיינע רעיונות וועגן מענטש, ייִד און וועלט טוט ער איבערגיסן אין פּלאַסטישע כּלים, און שאַפֿט מאָלעריי.

הגם די אותיות פֿון אַרדאָנס טעפּיכער זענען אינעם דעקאָראַטיוון געוועב דער דאָמינאַנטער עלעמענט, זענען זיי איינצייטיק אויך "העלדן" לעבעדיקע פֿון אַ דראַמע, וואָס דער קינסטלער פֿירט אויף פּלאַסטיש אין זיין יצירה. מער נאָך! אין דער מיזאַנסצען פֿון דער אויפֿגעפֿירטער דראַמע דערשיינען די אותיות, ווי העראָלדן פֿון אַן אָנזאָג! זיי טוען דורכרייסן די דעקאָראַטיווע כּישוף — נעץ (אין טעפּיך) און טראָגן צום צושויערס אויג אויסגעהאַקטע לעבעדיקע ווערטער, וואָס קלינגען, ווי דער געשאַל פֿון אַ בת — קול. אַזוי שאַלט דאָס קול פֿון מענטש אין דער מאָדערנער מוזיקאַלישער שאַפֿונג; ס'רייסט זיך אָפּ פֿון דער האַרמאָנישער גאַנצקייט פֿון ווערק און שפּאַרט אַוועק סעפּאַראַט צום צוהערערס אויער מיט אַ סקאַנדירטער דעקלאַמאַציע.

הכּלל, אַרדאָן האָט אין דער אויסגראַווירטער פֿאָרעם פֿון אות אַריינגעזעצט אַ נשמה.

דער פּלאַסטישער צייכן איז געוואָרן דער לעבעדיקער אָטעם פון מענטש. די באַצויבערנדיקע אגדה וועגן די 22 אותיות איז אַ פּרעטעקסט פּאַר אונזער קינסטלער צו מאָלן די דראַמע פון מענטש מיט אירע סתירות און געראַנגלען. דאָס איז אַ לאַנגער, פּיינלעכער מדבר — וועג צווישן חושך און ליכט, וואָס פירט צו אַ נייעם בראשית — אַ ווידערגעבורט און אַפּאָטעאָזע פונעם בחיר — היצירה. צען סטאַנציעס — עטאַפּן אַזעלכע — האָט דער אָ דערנער — וועג; יעדער טריט דאָרט איז פול מיט סכנות. און דאָך, וואַכט אַ פּאַרבאָרגענע האַנט ערגעץ איבערן גורל פון מענטש.

אַרדאָן פירט אונז איבער דעם עטאַפּ פון דעם 'ת' מיט זיין טאָפּלטער באַשטימונג. אין דעם אָ טעפּיך הערשט אַן אומהיימלעכע פּאַרבן — טאָנאַציע — אַ שוואַרצעניש פון טויט און בלוטיקע פּלעקן פון אמת. אַ גרויסער פּאַרביקער 'ת', ווי פון שטיין, אַן אויסגעהאַקטער, פּאַרצייטיקער טויער מיט טיפע שפּאַלטן פון אַלטקייט — איז טרויעריק און פאַרטראַכט. אים צו פוסנס גייט אַ דראַמאַטישער קאַמף צווישן קליינע 'ת' אותיות — שוואַרצע און רויטע. ווי פון מלאך — המוות אוועק, ראַטעווען זיך עטלעכע רויטע 'ת' — אותיות אין א צווייטן טעפּיך אריבער. זיי האַלטן זיך צוזאַמען, מזלדיקער זאָל דעם פּאַרבלוטיקטן אמת זיין דער וועג. דער אמת האָט אָבער נישט קיין מזל, ער פּאַלט אין אַ טעפּיך, ווו ס'הערשט דער שקר. שפּיציק — שאַרפע, גשמיותדיקע אותיות 'ש','ק','ר' האָבן זיך צעלייגט דאָ, ווי ביי זייער טאַטן אין ווייגאָרטן... נו, קענען זיך די פּאָר איידעלע 'ת' אותיות אַקעגנשטעלן דעם מגושמדיקן גרויסן שקר? אויף אָפּצונאַרן אַ וועלט האָט דער שקר אויפגעשטעלט אַ פּאַנאָראַמע פון גאָלדענע בערג, און אַליין אין גאָלד זיך אויסגעשלייערט. און זיי רעשן, און זיי טומלען, די 'ש','ק','ר' — אותיות; אַ קאַמף פירן זיי מיט די 'ת'־ן. לעת — עתה באַלעבאַטעוועט איבערן רוב טעריטאָריע דער "העלער" שקר. אָבער נישקשה. ווי זינגט דוד האָפשטיין: — "און דורך רויך ווערט די ווייטער שוין לויטער, /ער וועט קומען, דער טאָג, ער וועט קומען; /איך דערפיל אים דורך גרויל און דורך שוידער, /און דורך דערנער דערזע איך שוין בלומען." — אויך אַרדאָן איז אַ ייד מיט בטחון; אדרבא זעט, עטלעכע ספּערעלעך פּייערדיקע, כאילו עמיסאַרן פון אמת, האָבן באַצייטנס שוין זיך אַריינגעכאַפּט אין סאַמע האַרץ פון שקר טעריטאָריע...

ווייטער דערשיינט די טראַגעדיע פון דער גרויסער 'פּ'; זי קרענקט אויף דער מחלה פון טאָפּלטן גורל. זי איז דער ערשטער אות פון וואָרט "פּדות" — אויסלייזונג, דער ערשטער אות אָבער אויך פון "פּשע" — זינד! דערשיינט זי, אינעם טעפּיך, די 'פּ', אַן אומגליקלעכע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן, קלאָגעדיקן קאָפּ! פון צרות, איז זי אין דרייען געבויגן. אַקעגן איר — פיר 'צ' — אותיות, ווי טאַנצנדיקע נפשות צו צוויי קעפּ. אויך דער 'צ' איז גאָרנישט אַזאַ פּאָלנער צדיק. געבוירן מיט צוויי קעפּ, טוט דער 'צ' מיט איין קאָפּ אַרויפקוקן צו די הימלען, און מיטן צווייטן קאָפּ קוקט ער כסדר נאָר צו דער ערד... דערווייל, זענען די פיר 'צ' — אותיות מלא שמחה, זיי באַמערקן אַפילו נישט, ווי אויף דער זינדיקער ערד קריכט אַ גיפטיקע שלאַנג אין זייער ריכטונג מיט אַ פּרצוף פון אַ 'פּ'.

אין ווייטערדיקן טעפּיך ארבעט שוין די סטרא — אחרא מעשים! מיט ריזיקע אותיות שאַרפע בליצט דאָס וואָרט "עוון" — פּאַרברעך! און אנטקעגן באַלד — די פינצטערע מלאכה פון פּאַרברעך, די קרבנות; די פּאַלנדיקע מאַסע פון 'נ' — אותיות. די געטלעכע האַנט אָבער וואכט. ווי אַ דאַמבע, האָט זיך אַוועקגעשטעלט די בלאָע קרעפּטיקע 'ס' — דער סומך נופלים — און טוט אונטערהאַלטן די געפּאַלענע 'נ' — אותיות. וואָס ווייטער אריי"ז, אלץ גרעסער דער חורבן. די סטרא — אחרא האָט זיך צעיאַכמערט. דער געראַנגל

צווישן גוטס און שלעכטס נעמט אָן טראַגישע פאָרמען. אינעם טעפּיך פון די ׳מ׳,׳ל׳,׳כ׳,׳י׳, — אותיות האָט זיך אַ שרפה צעפלאַקערט. דאָס העלישע פייער האָט די גאנצע מזרח — זייט אַרומגעכאַפּט. דער פלאַקער האט טיילווייז די פאָרעם פון די לוחות, און זיי ברענען. צו קאָפּנס דעם בראַנד — צוויי גרויסע ׳י׳־ן, אַ ווייסער און אַ שוואַרצער — דער שם המפורש! צו פוסנס, ווו אויסגעהאַקט געווען זענען די עשרת הדיברות, שפּאַנט אַ מחנה פון 25 ׳י׳ — אותיות, צו פינעף אין אַ שורה. וואָס טוט זיך דא? ! אַ ציטער גיט מען! — דאָ ברענען דאָך די לוחות! ס׳ברענען יידן! גאָט אַליין ברענט!!!... גאָט ווערט אָבער נישט פאַרברענט. אויך די יידן ווערן נישט פאַרברענט. פליען די אותיות אין שרפהדיקן רוים, ווי אַ געמאַטערטע מאַסע וואָלט אין מארש געשלעפּט די פיס אויף קידוש השם!

אַנטקעגן דעם בראַנד טוט זיך חושך. אַן ערד — ציטערניש האָט דאָ דער ׳כ׳ אַרויסגערופן, דער ׳כ׳, אמת, שטייט אין שפּיץ פון געטלעכן ״כבוד״; ער שטייט אָבער אויך אין שפּיץ פון ״כְּלָיָה״ — פאַרניכטונג. פאַלט ער, דער ׳כ׳, אויף די אותיות ׳ל׳ און ׳מ׳ — דער ״מלך״ פון דער וועלט גייט אונטער! ס׳איז אַ וועלטס — קאַטאַקליזם!!!

און ווייטער — קומט דער עטאַפּ פון ׳ט׳,׳ח׳,׳ז׳ — טעפּיך, און ווידער שטייט מאַסע קעגן מאַסע. אין איין זייט שטייט דער ׳ז׳, ווי אַ שווערד, און קוקט זיך צו צו זיין ״מלאכה״, צום רויט — צעפלאָסענעם פלעק פון בלוט און פייער. אַ ריזיקע שוואַרצעניש, לאַנגע ברוינע שטרייפן, ווי פאַרצוימונגען פון תפיסות און קאָנצלאַגערן. אַקעגן, אין דער צווייטער גרופּע — אַ קאָליר פאַרפלעכטונג פון אותיות ׳ח׳ און ׳ט׳; אויך פון זיי טריפט מיט שוואַרצעניש. איז דאָך דער ״חטא״ דער עצם פון זייער פאַרבינדונג...

נאָך אזוי פיל צרות, נאָך אַזאַ פאַרניכטונג, נאָך אַזאַ מבול פון בלוט און טרערן, קומט אַרדאָן, דער בעל — הרחמים און ברענגט, כאילו נח׳ס טויב, אַן אָליוון — צווייגל פון טרייסט און בטחון. ער ברענגט די הילכיקע בשורה פון ׳ו׳ — ׳ה׳ טעפּיך: — אַז, נישקשה, נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט; אַ סוף וועט נעמען צו אלע צרות און ליידן! איז דאָך דער ׳ו׳ מיטן ׳ה׳ דאָס האַרץ, פון זיין ליבן נאָמען! צעזינגט ער זיך, אַרדאָן, מיט קלינגענדיקע פאַרבן. דיאַגאָנאַל — אַרטיק שוועבן אין רוים צוויי פאַרביקע פלעקן, אויסגעפילט מיט קאָליריקע ׳ו׳ און ׳ה׳ אותיות. כמו כאָרן צוויי זינגען זיי די שירה פון מלאכים. און די ליכט — זי האָט טרייבן גענומען די טונקעלע געדיכטעניש, אַז פּטור זאָל מען שוין ווערן וואָס שנעלער פון דער נאַכט. איידער ס׳וועט זיך אויספּיקן דער קאַיאָר פון נייעם בראשית, פירט אונז מרדכי אַרדאָן, דער אוהב המענטש, וואָס שטייט ביי דער זייט פון די פאַרשעמטע און די אונטערדריקטע, דורך נאָך אַן עטאַפּ — פון ׳ד׳ — ׳ג׳ טעפּיך.

די אגדה דערציילט, אַז ווען דערשינען זענען פאַרן כסא הכבוד די אותיות ׳ד׳ און ־ג׳, האָט דער כביכול צו זיי געזאָגט אָט וואָס: — כל — זמן די מענטשהייט וועט אויף זיך שלעפּן דעם הויקער פון דלות, טאָר דער גומל דלים נישט אָפּטרעטן. שוין דאָס בלויזע צוזאַמענגיין זייערס איז א גרויסע זכיה. וואָרעם אַ מענטשלערער קאָלעקטיוו אן דער סאָלידאַריטעט בין אדם לחברו איז, ווי א ווילדער וואַלד מיט חיות, ווו די שטאַרקערע טוען אויפפרעסן די שוואַכע.

דער ׳ד׳ — ׳ג׳ טעפּיך איז אַ מזמור שיר פאַר דער מענטשלעכער סאָלידאַריטעט. אויף אַ רחבותדיקן העלן טראַקט צווישן צוויי טונקעלע האָריזאָנטאַלע ברייטקייטן האָט דער קינסטלער אַרויסגעשיקט זיבן גיגאַנטן — זיבן העלע ׳ג׳ — אותיות, מקיים צו זיין מצוות גומל דלים; זיי טוען אונטערשפּאַרן מיט זייערע קרעפּטיקע גופים צאָלרייכע שוואַכע,

פאַרחושכטע ׳ד׳ אותיות, וואָס קומען אָפּ אַ לעבן פון נויט און געפּאַלנקייט.

ענדלעך, ענדלעך, קומט אַרדאָנס וויזיע ״צום אויפגייענדיקן מאָרגן... צו אַ נייעם מענטש״. זייט טיכעוו, האָט ער אַלע זיינע יאָרן דערצו, ווי ״אויף לייטערס זיך געדראַפּעט״. הכלל, ס׳האַלט ביים טעפּיך פון ״בראשית״, זוכה געווען האָט דער ׳ב׳, ווייל ער איז דער ערשטער אות פון וואָרט ״ברוך״ — זאָל זיין געבענטשט. מיט אַ ציטערדיקן — געבענטשט זאָל זיין! — טוט דער קינסטלער מקבל פנים זיין דעם ״אויפגייענדיקן מאָרגן״, דעם געבורט פון ״אַ נייעם מענטש״. האָט ער שוין יום — טוב׳דיק, מעשה סופר, דאָס גאַנצע וואָרט ״בראשית״ אויסגעפּוצט, דעם אויסלייג האָט ער כמו אַ ליריש — בויגעוודיקע מעלאָדיע אין דער ברייט צעצויגן, כאילו מיט לעבעדיקע אותיות דווקא וואָלט ער וועלן די ילידה פון דער נייער וועלט באַשרייבן. ער האָט די אותיות אַפילו געפּינטלט, אַז אַ טעות זאָל זיך חלילה נישט אַריינכאַפּן. דאַן, האָט ער זיין וויזיע אויסגעפליישט שוין מיט עלעמענטן פיגוראַטיווע. למעלה עדות צום גן — עדן ספּעקטאַקל זענען, אין טונקעלן האָריזאָנט, סודותדיקע רונדע ספערעס. אין מעריב ליכטיקט אַ שאַרפע, ריזיקע זון, זעט זי אויס ווי אַ פּסח׳דיקער מצה — טאַש מיט פראַנדזן באַזוימט. צו מזרח צו אַ יונגינקע לבנה, אַ ווייסע, טוט באַגלייטן אַ רונדע ספערע צו אַ העלן דרייעק מיט פאַכמאַרעטע ראַנדן — אפשר, אַ וויזיע פון הר סיני? אין גן — עדן גופא, פאַשען זיך בשלווה אַלע בעלי — חי צוזאַמען און מאַכן נישט קיין ווענן פון געשעעניש. נו, וואָס פאַרשטייען פראָסטע בעלי — חי?... ביי אדם וחוה — ביי זיי איז די פרייד גרויס! זיי טאַנצן מיט שמחה! זיי האָבן, אַ סברה, שוין פאַרזוכט פון עץ — הדעת; אַן עפּל וואַלגערט זיך זיי צו פוסנס. דער כיטרער שלאַנג, ער איז אַרויף אויפן עץ — הדעת און קוקט — וואָס וועט דאָ פאַרקומען איצט? ווי דערלעבט ער שוין, מען זאל דאָס מענטשן — פּאָרל אויף ס׳ניי פון גן — עדן אַרויסטרייבן. אין אַנגסט, קומט אָן אַ שוואַלב צו פליען. וואָס קען דאָ אָבער העלפן די שוואַלב, אַז דער שליסל צו דער פרייהייט ליגט אין די הענט פון בחיר — היצירה אַליין? די שאָטנס פון ליידן, אמת, זענען פאַרשוווּנדן; געקומען איז די פרייד פון אויפגייענדיקן פרימאָרגן. וועט דער מענטש אָבער מנצח זיין די חיה? וועט ער זיין פרייהייט פאַרזיכערן?

אין טעפּיך איז די פאַרבן — טאָנאַציע אַ געדעמפטע; די אַטמאָספער אַ געשפּאַנטע; דער פייזאַזש כסדר נאָך פאַרנעפּלט און מיט סודות פול. מאי קא משמע לן די זון אין געשטאַלט פון אַ מצה — טאַש? וואָס איז דער פשט פון ליכטיקן דרייעק מיט די פאַרנעפּלטע ברעגעס? און די צוועלף קיילעכלעך, ווי די צוועלף שבטים, מיט עליפּטישע סימנים פון פּריה ורביה? ס׳קען זיין, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך דער בליק פון וויזיאָנערישן קינסטלער פאַרטשעפּעט אין דער עובדה פון יציאת מצרים, וואָס האָט דעם באַפרייטן געפירט צו די לוחות פון הר סיני, כדי ער זאָל אַ מענטש ווערן. זאָל דער נעשה ונשמע אַליין געווגן די פרייהייט פון מענטש זאָל האָבן אַ קיום?

אין די פאַלדן פון ״בראשית״ — טעפּיך פלאָנטערט זיך אַ שטילער ספק. עפּעס הענגט דאָרט אין רוים אַ שאָטן פון אַנגסט. מרדכי אַרדאָן איז אָבער אַ ייד, אַן עקשן, ״...ערגעץ — ווו מוז דאָך זיין העל?״ — פרעגט ער מיט אומגעדולד (זכרונות, ״גאָלדענע קייט״), וואָרעם ער האָט פיינט דעם יאוש! נעמט ער, און קלעטערט ווייטער איבער דעם מאַטערדיקן באַרג — אַרויף — וועג, העכער צו דער ליכט צו; ער וויל באַשיידן דעם סוד! ער שטייגט העכער אַ שטאַפּל — אַריבער דער מענטשן דראַמע פון ״בראשית״; ער שטייגט צו די הויכע ספערעס אַרויף. און דאָרט הערט ער די געטלעכע שטימע, וואָס טענהט אויס זיך מיטן ׳א׳ — דעם געראַכטן, דעם ׳א׳ וואָס טוט פרעדיקן

אַזאַ פשוטע זאַך, פאַראַנטוואָרטלעכקייט און טאָלעראַנץ. אָן געפיל פון אחריות, אָן טאָלעראַנץ און רעספּעקט בין אדם לחברו; אָן רעספּעקט פאַרן לעבן פון אַ צווייטן מענטש, וואָס איז דער עיקר העיקרים פון ייִדישקייט! האָט דעם מענטשנס פרייהייט קיין קיום נישט!!!

און אַז "עס האָט אַ לויכט געטאָן דאָס וואָרט פון לעצטן, וואָס איז געוואָרן דער ערשטער", ווי לייוויק זאָגט, האָט מרדכי אַרדאָן מיט התלהבות זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַפּאָטעאָזע. בכדי אויסצוליכטיקן דעם אָ דערהויבענעם אָנזאָג, און די קרוינונג פון 'א'—אות דורכצופירן, האָט אַרדאָן אָנגעצונדן אַ פלאַקער פון גאָלד! אין דער מזרח—זייט פון טעפּיך האָט אַ בליץ געטאָן אַ רויטער קערן — דער סימן פון געטלעכקייט. ווי אַ זון האָט ער זיך צעשטראַלט, דער קערן, מיט גאָלדענע צען דיקע שטריכן — צען מדרגות פון געטלעכער עמאַנאַציע. איצט, וועט די זון קרוינען דעם אויסדערוויילטן ערשטן אות פון א—ב. גרייט מקבל צו זיין די בכורה, האָט אַרדאָן אַוועקגעשטעלט אַקעגן דער געטלעכער ליכטיקייט אַ ריזיקן, קרעפטיק—געבויטן 'א'—אות אין אַ ווייסן ליבוש. ווי ס'פּאַסט פאַר אַ שמחה פון צוויי אַזעלכע מחותנים, האָט דער קינסטלער זיי אילומינירט מיט אַ המון קליינינקע א—ב אותיותלעך; די ששים ריבוא תורה—אותיות האָט ער אויף זיי אויסגעשיט. איז קיין וווּנדער טאַקע נישט וואָס זיי פינקלען מיט אַ גאָלדיקייט, ווי די שטערן אין הימל. מיט דער אָ באַחנטער אילומינירונג, וואָס דערמאָנט אין די העפטערייען פון אונזערע אַמאָליקע באָבעס, האָט אַרדאָן דערגרייכט אַ הויכן שטאַפּל פון דעקאָראַציע. ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז ער איז דאָ אויסן די דעקאָראַציע בלויז. די שטראָמענדיקע אותיותלעך, וואָס גליען מיט מיסטישער משמעות, זענען דאָס לעבעדיקע בלוט פון דעם טעפּיך. מיט זייער צירקולאַציע טוען זיי קרעפטיקן דאָס מיסטישע אינעם ווערק. זיי זענען די בריק צווישן ריזיקן 'א' מיט דער זון פון דער געטלעכקייט. זיי צוליב, ווערט די מיסטישע בינדונג פון גאָט מיטן 'א', און דורך 'א', מיטן גאַנצן א—ב — אַ יש! פאַרשווונדן זענען אין דער אַפּאָטעאָזע אַלע שאָטנס, אַוועק זענען אַלע טונקעלע טענער. איצט טונקט זיך גאָלד בלויז אין ים פון העל—ברוינעם קאָליר. און די ליכט — די בליאַנקעדיקע ליכט, זי פילט איצט אויס דעם רוים פון וווּנדערלעכן ווערק. און אַז ס'פּאַרוואַלגערט זיך אַ פלעקעלע אַ טונקלס, ווו—נישט—ווו, האָט עס דעם טעם בלויז, ווי סימן טרויער אויף א ייִדישער שמחה. אַלץ זינגט דאָ די שירה פון פרייד. אדרבא, קוקט! נאָר מיט די אויגן אַליין איז ווייניק צו קוקן. קוקן מוז מען מיט דער נשמה, און הערן דאַן וועט איר טריאומפאַלע פאַנפאַרן שאַלן: "זייט געאָרעמט מיליאָנען!". איר וועט דעם פיבער—געזאַנג פון אַ מאַסע ייִדישע אותיותלעך הערן. ווי אַ מעכטיקער כאָר טוען זיי אויספיבערן דאָ דעם הימן פון פרייד: "אַלע מענטשן ווערן ברידער!".

און אַז דערגיין וועט צו אייער האַרץ די דערהויבונג פון דעם דאָזיקן געזאַנג, וועט איר בייגן מיט הכנעה דעם קאָפּ; און ווי נאָך אַ תפילה פון אַ שליח—ציבור, וועט איר זאָגן אַ פרומען — אמן!

*

די צען טעפּיכער פון "שערי—צדק" שפּיטאָל אין ירושלים, וואָס אַרדאָן האָט געשאַפן אין די זיבעציקער יאָרן, געהערן צום סגאַל יצירות איבער וועלכע ס'קומט אַ ברכה צו מאכן. דאָרט הערט מען דעם האַרץ—קלאַפּ פון אַ ייִדישן מענטש, וואָס צאַפּלט

**חנן קיעל** / ניו־יאָרק

# פליענדיקע מזמורים

מיין אייניקל יהושוע בערל

1

כ׳וואָלט מיט דיר אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג נבו
זאַלבענאַנד אין גאָלד־פּיאָלעטן ראַנד געטוליעט
בלייבן שטיין מיד און אויסגעשעפּט,
צוויי אייביקייטן ־ אויפן לעצטן טרעפּ.

מיינע רויזן ־ לידער פלאַמען אין סוף ־ זומערדיקן טאָל,
האַלב־וועג וועט דיר אַקעגנשפּילן דער געבענטשטער ניגון
פון עלטער־זיידן בערל
דער באָבעשיס חלום וועט דיך מקבל פּנים זיין
מיט לעקעך, שבת־אויבסט און נחת־טרערן:
אויפו שפּיץ־באַרג אין געלייטערטן בלוי
וועלן מיר זיך אָנטרינקען מיט זאַפטיקן טוי:
כ׳וואָלט מיט דיר אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג נבו.

2

אין שלווהדיקן טאָל צווישן שטעכער ביסט אונדזער רויזן־ליד
און איך ־ דער שומר פון דיין חלום,
דער פֿאַסטעך ־ שטעקן איז אַלט און אויסגעדינט,
דער וואָגלווינט איז אויך אַ קראַנקער אינוואַליד;
מיין אייניקל צווישן שטעכער איז אַ רויזן־ליד,

צו יענעם אינדזל כ׳וואָלט מיט דיר אַוועק,
וואָס קאָלאָמבוס האָט ביז היינט נאָך נישט אַנטדעקט,
אין שטילן ים אין־סופיקן זוכן די הוידנדיקע נאַכט־לאַמטער,
דאָס פייער־אויג פון עלדאָראַדאָ־ברעג;
צו יענעם אינדזל כ׳וואָלט מיט דיר אַוועק.

---

פאַרן גורל פון דער וועלט. פאר דער הומאַניסטישער שאַפונג, דער דאָזיקער, פאַסט דער מאָטאָ, וואָס דער מוזיק — גאון, לודוויק וואַן בעטהאָוון, דער הומאַנער מענטש האָט געשטעלט אויפן שער — בלאַט פון זיין "מיסא סאלעמניס": — אַרויס פון הארץ, אין הארץ זאָל דאָס גיין".

לאָטי פּ. מלאך

## מיִניִאַטורן

## יאָסעמיטי טאָל אין קאַליפאָרניע

יאָסעמיטי טאָל איז אַ לענגלעך אויסגעבויגענע שיסל פון אַ ניין מייל די לענג און בערך אַן אָנדערהאַלבן מייל די ברייט, האַרט איינגעפּאַסט אין הויכע גראַניט־ווענט. אויבן, די פעלדזן־שפּיצן פירן אַן אייביקן קאַמף צווישן זיך פאַר הויכקייט, פאַר דערגרייכונג צו די הימלען. יעדער איינער פון די ריזנבערג דערציילט אַן אַנדער מעשהלע וועגן זיך: איינער, למשל, דערציילט, אַז אויף אים רוען זיך אָפּ די וואָלקנס, וואָס ציִען פון מערב צו מזרח. מען רופט אים טאַקע דערפאַר: וואָלקן־רו, אויף ענגליש ־ ״קלאַודרעסט״. אַ צווייטער, ״על קאַפּיטאַן״, אַ שטיינמאַסע גרעסער ווי דער גיבראַלטאַר, שטייט ביים רודער פון יאָסעמיטי. ער באַרימט זיך, אַז ער לאָזט ניט צו די מדבר־ווינטן, וואָס שפּאַרן זיך מיט היץ פון אַרום בעקערספילד, פרעזנאָ און מערסעד.

---

3

אין קופערט אַנטיקן כ׳וואָלט געפינען דיר דעם סטראַדיוואַר
פון צעפלויגענע מזמורים, געזונגענע אויף בינעס,
היימישע יַרידן, פרומע קלויזן;
מיט די זינג־פייגל וועסט אַריינפליען אין פּרדס בלענדיקן
פון דיַין יאָרטויזנט.
פריי ־ פראַל אויף די פענצטער, עפן אַלע טויערן
פאַר אונדזערע גערעַטעוועטע מזמורים!

## בלויע פייגל־לידער

דער שוואַרצער וואַלד נעפּלט זיך אין בלייכן דמיון,
בלויע פייגל־לידער פלאַטערדיקע ווימלען.

מיין פאַרפיר־ליכטל האָט אויסגעברענט און אויסגעטריפט,
די מאַמע־נאַכט חלומט אין געדיכטער טיף.

אויף יענער זייט לאָזן שוין אַראָפּ זיך די ראָלעטן,
ביימער=שאָטנס — מיינע האַרבסטיקע סאָנעטן.

געלע בלעטער הענגען אויסגענאָגטע מידע.
גאָט שפּילט אויפן פידל מיינע סומנע לידער.

ערגעץ איז דער בלוי — פיאָלעטער ניגון אויסגערינען,
אונדזער שיינע וועלט איז נעבעך שוין אַראָפּ פון זינען.

און איך אין שוואַרצן וואַלד געדיכטן, אַן אַנטלויפער,
בענק נאָך אַלץ צו מיין בראשית־וועלט אָן אויפהער.

אַנטקעגן שטייט דער "סענטינעל ראָק". אַביסל טיפֿער אין טאָל שטייען זיך די דריי ברידערלעך, אַלע ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. אויף ענגליש: "טהרי בראָדערס". "האַלבער דאָם" איז דער וועגווייזער. - דאָ־זאָגט ער־ביסטו אין מיטן טאָל, קאָנסט גיין אַראָפּ צום דרום־מערבדיקן אַריינגאַנג, אָדער אַרויף, צום צפֿון־מזרחדיקן אויסגאַנג. גיב אַלע מאָל אַ קוק צו מיר און איך וועל דיר שוין אָנווייזן ווו דו געפֿינסט זיך.

אַנטקעגנאיבער דעם "האַלבן דאָם" שטייט האַרט און שטום דער גלייזער־פּונקט (גלייזשער פּאָינט"). ער קוקט בייז איבער אַלץ אַריבער. אפילו איבער די וואַרעמע, שמעקנדיקע נאָדל־ביימער, וואָס ציען זיך מיט אַלע חושים אַרויף צו דער זון, וואַקסן שמאָל און גלייך און אומגעוויינלעך הויך. דער גלייזער פּונקט איז נישט דווקא דער העכסטער־אינגאַנצן וואָסערע ניין טויזנט פוס די הייך. נאָר מחמת ער שטייט אַזוי שטרענג און גלייך מיט אַן אַריבערהענגענדיקן פעלדז, ווי אַ נאָז, ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז דער סאַמע העכסטער פון אַלע בערג, און ער גיט דעם איינדרוק, אַז זיין איז די הערשאַפט אין יאָסעמיטי. ער נעמט זיך איבער מיט נאָך אַ זאַך: דער מענטש האָט אויסגעקליבן פון זיין הויכער וואַנט אַראָפּצולאָזן אַ פייער־פאַל. אין קאָנטראַסט, אָדער אפשר, אין האַרמאָניע, מיט די ווייכע וואַסערפאַלן, וואָס גיסן זיך אַראָפּ פון אַנדערע בערג אין טאָל אַריין. דאָס דאָזיקע פייער־זאָגט מען - איז אַ זכר פון אַמאָליקן פאַרשטענדיקונגס־מיטל, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די אינדיאַנער, וועלכע האָבן געוווינט אויף די בערג און זיך אַזוי אַרום צונויפגערעדט מיט די - אין טאָל.

מען שמועסט אויך, אַז דאָס איז געווען אַ מין פאָרם פון ליבע־דערקלערונג פון די שוואַרצהאָריקע יונגעלייט צו די רויטפּנימדיקע מיידלעך.

דער מאָדערנער מענטש האָט דערפון געמאַכט אַ פאַרשטעלונג; קעמפּ קאָרי, דער גרעסטער קעמפּ אין יאָסעמיטי - אַן אינסטיטוציע. יעדן אָוונט, פּינקטלעך 9 אַזייגער, ווערן אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן און נאָך עטלעכע סיגנאַלן, הויבט אָן פאַלן דער פייער־פאַל. ס'איז אַ פיינער ספּעקטאַקל, וואָס דויערט עטלעכע מינוט. אַ זינגערין מיט אַ שטאַרקער קאָנטראַ־אַלטאָ שטימע ענטפערט אָפּ פון דער פינצטער מיט: "ווען איים קאָלינג יו..."־אַ געזאַנג, וואָס דאַרף הייסן, אַז דאָס געווינטשטע מיידל ענטפערט אָפּ גינציק אויף דעם פייערלעכן ליבע־צייכן. דער עטלעכע טויזנט קעפּיקער עולם, וואָס פאַרזאַמלט זיך אין קעמפּ קאָרי, טאַקע כדי צו זען פון דער נאָענט דעם פייער־פאַל — גאַפט. דאָס איז אָבער ניט דאָס זעלבע ווי, אַז דו קומסט צו צו אַ נאַטירלעכן וואַסערפאַל, וואָס האָט זיך אַליין אויסגעקליבן זיין וועג זיך דאָ אַראָפּצוגליטשן פונעם באַרג. דאָ הערסטו דאָס גערויש וואָס קלינגט אָפּ מיט טיפער פרייקייט; דו זעסט דעם רעגנבויגן, וואָס שפּיגלט זיך אין דער זון; אויף דיין פּנים פאַלט אַ קילער שפּריץ (שפּריי) און אַז דו ווילסט נאָר, שטעקסטו אַריין דיין האַנט אין דעם שוימיקן וואַסער, און ס'איז אַ מחיה! ניין, דער פייערפאַל איז ווייט ניט אַזוי דערפרישנדיק, ניט פאַרן אויג און ניט פאַרן געמיט.

אַז דו לאָזט זיך מיטן וועג, קרייזלסט אַרום די הויכקייטן, קריכסט אַדורך דעם בויך פון אַ באַרג (טונעל), קומסטו אָן העט אויבן אויפן גלייזער פּונקט, אויפן סאַמע אָרט ווו דאָס פייער ברענט עטלעכע שעה ביז מען שאַרט עס אַראָפּ מיט לאָפּעטעס, און ס'באַקומט זיך דער פייערפאַל. דאָרטן ערשט זעסטו, אַז אַנדערע בערג זיינען העכער. דו זעסט, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, דעם "ווערנאַל פאָל", נאָך העכער - דעם "נעוואַדאַ פאָל"- דאָס איז איין שטראָם. און נאָך העכער - דעם באַרג ריטער מיטן ווייסן שניי־היטל, 13,000 פוס די הויך. געאָלאָגן זאָגן, אַז פון יענע הויכן האָט זיך עס

אַנגעהויבן. די טעמפּעראַטור איז אין משך עטלעכע מיליאָן יאָרן געשטיגן אויף עטלעכע גראַד. די שניי־וואַסערן האָבן דורכגעזעגט אַ וועג אין דער מאַסע גראַניט. די אייזבערג האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן מיט אַזאַ שווערקייט, אַז זיי האָבן צעשפּאָרט די קאַרבן, וואָס די וואַסערן האָבן איינגעשניטן. איז פריער געוואָרן אַ שמאָלער קעניאָן, דערנאָך ־ ניט אויף אַמאָל, נאָר אין משך פון מיליאָנען יאָרן ־ אַ טאָל. וואָס טיפער דער טאָל, אַלץ העכער די בערג. די אַרבעט איז נאָך ניט פאַרטיק. גרויסע פעלדזן־שטיינער זיינען געבליבן שטעקן אין מיטן וועג און וואַרטן אַז עמיצער זאָל זיי אונטערטראָגן.

נאָר געאָלאָגן־שמאָנעלאָגן ־ יאָסעמיטי טאָל איז זיך היינט אַ געמיטלעך, מיט וווּנדער אָנגעפּילט אָרט. די נאַטור איז זייער פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען אויסצופאָרמירן און אויסצוצירן דעם דאָזיקן ווינקל פון דער וועלט. אַרום און אַרום גראַניט־ווענט מיט סילועטן־שפּיצן אויף אַ בלויען האָריזאָנט. דאָ און דאָרט אַ וויכער, האַרץ־דערקוויקנדיקער וואַסערפאַל. אונטן — טיפע, גרינע טעפּיכער, צעשניטן אין פאַרשיידענע מוסטערן (דיזיינס) דורך אַ קאַפּריזנעם וואַסער־פלוס ־ דער מערסעד טייך. לויט זיין ענדגילטיקן גאַנג דאַרף דער מערסעד גיין אין דער לענג פונעם טאָל צום מערב ברעג, צום ים. נאָר מחמת ס'איז אַ וואַסער אַ שטיפער (נאָך גאָר אַ יונגער צוציק) גייט ער אין דער לענג און אין דער ברייט; דרייט זיך, וויקלט זיך; דאָ שנעלער, דאָרט טיפער, דאָ לייגט ער זיך אויס רואיק ווי אַ שפּיגל, דאָרט יאָגט ער זיך מיט גרויס געפּילדער איבער די שטיינער, צעטיילט זיך און קומט זיך ווידער צונויף. טייל מאָל דאַכט זיך אַז ער איז אינגאַנצן ערגעץ אויסגעטריקנט געוואָרן; פאָרסט אָפּ אַ שטיקל וועג, און ער פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער פון אונטער אַ פעלדז. דער מענטש האָט דאָ געהאַט אַ היבש שטיקל אַרבעט נאָכצופאָלגן און צו באַבריקלען דעם דאָזיקן קאַפּריזנעם שפּיל פונעם מערסעד טייך.

דער מענטש איז אַ מאָדנע באַשעפעניש. איבעראַל שטופּט ער זיך, האָט ער זיך אויך אַריינגעשטופּט אַהער אין יאָסעמיטי. געגנט וווּ דער ערשטער מענטש איז אַהער געקומען, ווייסט מען ניט, נאָר היינט זומערט דאָ אַ באַפעלקערונג פון איבער צוועלף טויזנט נפשות, אַ חוץ בערן, הירשן, וועוורקעס, פייגל און פישלעך.

עס זיינען דאָ פאַראַן כל המינים געצעלטן: פונעם ערשטקלאַסיקן אַהאַוואַנאַ האָטעל ביז צו דער סאַמע פּרימיטיווקייט פון שלאָפן אונטערן פרייען הימל. יאָ, דאָ לעבן טייל מענטשן אויפן סאַמע שויס פון דער ערד, באַדעכלט בלויז מיט צווייגן, וואָס די הויכע נאָדל־ביימער שטערקן אויס פון זיך און לאָזן דורך דאָס בלויע געוועב פון הימל. די דאָזיקע קאָלאָניע, ווו יעדע "דירה" איז אַרומגעצוימט מיט אַ ליילעך, טישטוך, אָדער בלויז מיט אַ שטריקל, רופט מען אָן: "הואווערוויל". דאָס האָט שוין די מאָדערנע צייט מזכה געווען די קאָלאָניע מיט אַזאַ געהויבענעם, אַזש פּרעזידענטישן נאָמען. דאָס איז לזכר דער הואווער "פּראָספּעריטי", ווען דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט — אַמעריקע, האָט אונטער הואווערס פּרעזידענטישער פירערשאַפט אַרויסגעשטופּט אירע בירגער צום אָפענעם דרויסן. נאָר דאָ, אין יאָסעמיטי, איז עס אַנדערש. דאָ איז עס אַ מין קבצנישער ספּאָרט. דאָ איז עס אויך אַנדערש דערפאַר, ווייל קאַליפאָרניע האָט פאַרזאָרגט, אַז עטלעכע חדשים דורכן זומער זאָל דאָ ניט רעגענען און קיין ווינטן זאָלן ניט בלאָזן. דער "על קאַפּיטאַן", וואָס שטייט ביים רודער פון יאָסעמיטי, ברעכט גלייך איבער יעדן שטורעם און די פעלדזן־בערג נעמען איבער אויף זייערע פּלייצעס אַלע דונערן און בליצן. איז אין טאָל מילד און געמיטלעך. די געטרייע קאַליפאָרניער מאַמע, די זון, וואַרעמט מיט הייסער ליבשאַפט אַלע אירע קינדער. און אַזוי ווי די בערן זיינען זאַט, מחמת זיי ווערן געפיטערט (קיין וועלף זיינען אין טאָל נישטאָ), לויפן די

הערשעלעך אַרום פראַנק און פריי איבערן טאָל. אָפּט מוז זיך אַן אויטאָ אָפּשטעלן, ווייל אַ סאַרנע פירט אירע קינדערלעך איבערן אויסגעפּלאַסטערטן וועג צום וואַסער אַנטרינקען. און די וועווריקלעך? זיי זיינען דאָ פאַראַן אין אַלערליי גרייס און קאָלירן; זיי זיינען די מערהייט אין טאָל — ווי אין פּסוק שטייט: "איר זאָלט אייך פּרוכפּערן און מערן" — דאָס האָבן די וועווריקלעך אָנגענומען, מיינט מען זיי. זיי קריכן דיר ממש אונטער די פיס; קומען צו דיר אין ביידל אַריין און זיינען, רחמנא לצלן, גרויסע שנאָרערס: רק גיב זיי ניסלעך. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער שוואַרצער בער האָט אויך אַמאָל ליב זיך דורכשפּאַצירן צווישן די ביידלעך, זען צי קאָן מען ניט כאַפּן ערגעץ אַ נאַש. און טאָמער באַגעגנט ער אַ מענטשן, ווערט ער חלילה ניט נתפּעל. ער גייט זיך דורך מיט וואַזשנע טריט, ווי איינער וואָלט געזאָגט: ־ מען מוז דאָך אַהערקומען זען, וואָס ס'טוט זיך דאָ צווישן אייך מענטשן. די איינציקע, וואָס לאָזן זיך בעטן, זיינען די הערשעלעך. דאָס איז דיר דאָס אומשולדיקסטע באַשעפעניש, און איך ווייס בכלל ניט, פאַרוואָס מען האָט שוין לאַנג פון דעם ניט געמאַכט קיין שטוב־חיה. דער "ער" האָט אַ געצווייג פון הערנער, נאָר טשעפּעט קיינעם ניט. די "זי" האָט אַ ווייסן בליץ אין אירע גוטע מאַמע־אויגן. און די קליינינקע? זיי מיינען אַז יאָסעמיטי איז ספּעציעל פאַר זיי באַשאַפן געוואָרן. אַז דו ווילסט זיי עפּעס געבן, דאַרפסטו זיך שטאַרק בעטן ביי זיי, זיי שעמען זיך. צומבעסטן האָבן זיי ליב אייז־קרים און פרישע בולקעלעך מיט פּוטער.

יונגע, יוגנט, קינדער און עופהלעך — אַמעריקעס וווּנדערלעך גערעטעניש. אויף אַלע וועגן און שטעגן זעסטו זיי. אויף אַלע סטעזשקעס און אומוועגן באַגעגנסטו זיי. איינס קריכט אַרויס פונעם ביידל און פאַלט אַראָפּ פון אַלע טרעפּלעך; אַ צווייטס האַלט זיך אָן אַן דער יונגער מאַמעס קורץ קליידל; אַן אַנדערס, אַן אָנגעטאָפּטשעט יינגעלע, קריכט אַרויס פון אַן אָפענער דירה און שפּאַנט גלייך אַוועק צום טייכל. ער גייט אַליין, די מאַמע זיינע לאָזט אים גיין. זי ווייסט, אַז זי מעג אים לאָזן, ווייל דאָס וואַסער איז קאַלט און ער היט זיך דאָס פעלכל. ער גיט אַ טאַפּ מיטן פּיסל און כאַפּט עס טאַקע גלייך צוריק. אַ מיידעלע מיט ווייסע הערעלעך, ווי אַ פּישל, זיצט ביים ברעג און שיט זיך זאַמד אויפן קעפּל. זי האָט פאַרגעניגן דערפון. איר האָט עפּעס צו איר? פּאָרלעך אין וואַלד, פּאָרלעך אויף פאַרלווירענע סטעזשקעס. אַ גרויער מונדיר — אַ מיידל, אַ בלויער מונדיר — אַ מיידל. יינגל און מיידל אין גלייכע "קהאַקיס". יינגלעך מיט מאָך אונטער דער נאָז און הייזעריקע שטימען ווי יונגע הענדלעך. צוועלף דרייצן יעריקע "טאָפּיס" לאַכן אָפּ פון זייערע עלטערע ברידער און רופן זיי "פּאַרליבטע". די מיידלעך שושקען זיך צווישן זיך און לאַכן אַ הילכיק, פריי געלעכטער. זיי אַלע רעדן מערסטנס פון שול, קעגנשטאַנד און לערער, נישט פון ספּאָרט, ווי ס'איז די אָנגענומענע מיינונג, הגם דאָס אויך. איין לערער, למשל, איז אַ "סקאַנק" (טכויר); דער צווייטער ־ אַ "דענדי" (טייערער); געשיכטע איז אַ "פּיטש" (פּירה) און געאָמעטרי שטינקט, זיי פאַרקרימען מיט די נעזלעך. מען רייט אויף פערד, מען קריכט אויף די בערג, מען פּליושקעט זיך אין וואַסער, מען טאַנצט, מען אָרבעט מעשים.

שיין איז אַמעריקעס יוגנט — אַך, ווי שיין! עס מיניען זיך קאָלירן פון ווייס־בלאָנד ביז פּעך־שוואַרץ. מיט שטאַרקע מוסקולן די יינגלעך, מיט זינגענדיקע גלידער, די מיידלעך; הויך און גלייך ווי די טאָפּאָלן, וואָס ציען זיך פונעם טאָל אַרויף צו דער זון. און אַז דו זעסט זיי, ווערט דיר אַזוי גוט אויפן האַרצן און דיר ווילט זיך בענטשן: "פּרו ורבו ומלאו את הארץ."

# פער - לאַ - שעז"

זינט דאַן ווען דער טויט איז געוואָרן מיינער אַזאַ נאָענטער קרוב, בין איך געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער אויפן בית־עולם. און נישט נאָר אויף "מיין" בית־עולם, נאָר אויף בית־עולמס בכלל. איך האָב געוואָלט אַריינדרינגען אינעם "לעבן" פון די טויטע, זיך באַהעפטן מיט זיי און דערגיין דעם סוד פון זייער נישט זיין.

איך בין זיך מודה, אַז איך בין גאָרניט דערגאַנגען. נאָר איין זאַך האָב איך זיך יאָ דערוווסט, אַז אַ בית־עולם איז נישט נאָר פאַר די טויטע. אפשר איז עס אין אַנדערע שטעט אַזוי, אָבער נישט אין פּאַריז. דאָ איז עס אַ מין טרויערדיקער "ראַנדעוווּ" פּלאַץ, ווו עס טרעפן זיך צונויף די לעבעדיקע מיטן פיקסירטן אָרט פון די טויטע. ס'איז האַלב אַ בלומענגאָרטן, האַלב אַ קונסט־מוזיי אַ וואַנדערוועג פאַר פאַרלוירענע נשמות איז דאָס דאָזיקע אָרט, וואָס מיר רופן אַן בית־עלמין.

דערייבער הערשט דאָ אַ שטענדיקער פאַרקער: באַזוכער, אייגענע און פרעמדע, נאָענטע און ווייטע, און סתם שפּאַצירנדיקע. דאָ זעט מען אַפילו מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך אין די אַלייען צווישן קברים.

זעלטן אַז מען זעט אין פּאַריז אַ קבר אָן אַ מצבה. און אויב מען זעט אַמאָל אַ בערגל הויך אויפגעשאָטן מיט ליים, איז עס באַדעקט מיט בלומען־קראַנצן און אויפשריפטן מיט די לעצטע שבחים — אַ סימן אַז דאָס איז אַ נייער מיטגליד צוגעקומע צו דער טויטן־מלוכה...

דער סאַמע לעבעדיקסטער פון אַלע בית־עולמס איז דער פּער־לאַ־שעז. אין צענטער פון שטאָט, אַרום און אַרום געדיכט באַפּעלקערטע גאַסן, עוועניוס און בולוואַרן, קאַפעען און געשעפטן, מיט אַ גרויסן און לעבהאַפטן פאַרקער. און אין מיטן דעם אַלעמען, אַ באַרג אַרומגענומען מיט אַ מויער באַוואַקסן מיט גרינס — פּער־לאַ־שעז.

דער הויפּט־אַריינגאַנג איז פון בולוואַר מעניל־מאָנטאַנט. אַ ברייטער, אייזערנער טויער אויפגעפּראַלט, ווי איינער וואָלט געזאָגט: ביטע, קומט אַריין, אַדרבא. דער ברייטער וועג אַרויף צום בית־עולם צעטיילט זיך אויף צווייען. אין דער מיט — בייטן מיט בונטע בלומען; אַ ראַפּסאָדיע פון קאָלירן אַרומגעזוימט מיט גרינעם גראָז, ווי אַ סאַמעט. די צוויי וועגן פאַראייניקן זיך ווידער ביים אָפּהאַנג פון באַרג, ביי אַ גרויסער, פּרעכטיקער סטאַטוע — דער סימבאָל פון טויט. מאַסיווע, ברייטע, פלאַכע טרעפּ פירן באַרג אַרויף, ווי צו אַ פּאַלאַץ. פון ביידע זייטן קברים; קברים מיט מצבות, מיט סטאַטועז, מיט אויספאַרמירטע בייטן מיט בלומען. איין בייט - אַן אויפגעריסן האַרץ; דאָס צווייטע - אַ ווייסער שניי־פאַל; דאָס דריטע - אַ בעט אויף אַ וואָלקן. אַ וועלט מיט קונסט ליגט באַגראָבן אויף דעם דאָזיקן בית־עולם. יאָרהונדערטער פון קונסט. דאָס ווערט אָפּגעהיט, געפּלעגט און דערהאַלטן. דער פראַנצויז האָט זין פאַר קולט און טראַדיציע. דער פראַנצויז שרייבט צו אין אַ נאָרמאַלן טאָג עטלעכע שורות געשיכטע. שוין אָפּגערעדט פון יענע טעג ווען ער שרייבט גאַנצע בלעטער. ער טוט עס באַוווסטזיניק און מיט גרויס פאַרשטענדעניש.

פון די טרעפּ - אַ ברייטער, משופּעדיקער וועג שניידט איבער דעם באַרג אויף צווייען ביז גאַמבעטאַ. פונעם הויפּט־וועג צעצווייגן זיך אַלייען, פאַרשפּינט זיך אַ נעץ פון וועגן און שטעגן אויפן זעלבן סטיל ווי דאָס לעבעדיקע פּאַריז: אָן אַ באַשטימטן סדר, נאָר קאַפּריזנע, לויט איינפאַל, לויט שטימונג; אַ געסל אַהער, אַ שטעגל אַהין, שיף, רונד, קרומלעך. נאָר דאָ האָט עס עפּעס אַ באַזונדערן חן, אַ באַזונדערן רייץ. דאָ איז פאַרוועבט

קונסט און נאַטור אין איין גרויסער האַרמאָניע. און אַ פייערלעכע אטמאָספער איז צעהאנגען אין דער לופטן.

פון גאַמבעטא לינקס - די קאָמונאַרן־וואַנט, מיט בילדער פון די קאָמונאַרן און אויסקריצונגען אין שטיין, וואָס דערציילן וועגן זייערע גרויסע ווונטשן, וועגן זייער הייליקן קאַמף. אייביק איז די דאָזיקע וואַנט באַהאָנגען מיט בלומען; אייביק זיינען דאָ פאַראַן מענטשן; אייביק וועט דאָס פאָלק געדענקען זיינע העלדן. הגם דאָס איז גאָר ניט דער קבר ווו זיי ליגן באַגראָבן, נאָר דאָס אָרט, וואו די מיליטערישע רעאַקציע האָט זיי מאַסנווייז צעשאָסן.

פונקט אַנטקעגנאיבער דער קאָמונאַרן־וואַנט — די רויטע גראַניט־סטאַטוע פון אַנרי באַרביס (דער רויטער מירמלשטיין איז געבראַכט געוואָרן אַזש פון די אוראַלן). אין באַרג איינגעגראָבן, ווי אַ קאָפּ צווישן פּלייצעס, שטייט דער דאָזיקער מאַרמאָר־פעלדז און דערמאָנט אָן איינעם פון די גייסטרייכסטע שלום־קעמפער אויף דער וועלט.

באַרג אַראָפּצו ליגן אין שמאָלן, געמיינזאַמען קבר די פיר מאַרטירער פון זעקסטן פעברואַר, 1935 - אַ פלאַכע, באַשיידענע מצבה, וואָס מען זעט קיינמאָל נישט אַרויס. זי איז שטענדיק איינגעדעקט מיט בלומען. רעכטס - אַ שמאָלער וועג גאַרטלט אַרום דעם באַרג. אין אַ ווינקל האָט זיך ווי באַהאַלטן די מצבה פון שרה בערנאַרד. אַ הויכער, אַלטערטימלעכער טיש אויף פיר שטיינערנע זיילן. אונטערן טיש - אַ שטיין־געדעקטע טרומנע מיט אַ ברייטן צלם פאַר אַ צודעק. דו בלייבסט שטיין פיינלעך איבערראַשט: שרה בערנאַרד איז געווען אַ יידישע... בשכנות מיט איר ליגט די וועלט־באַרימטע קינסטלערין ראַשעל. נעבן איר אַ ווייס־געטאָקט קעסטעלע פון שטיין, עפּעס ווי וואָלט זיך מיטגענומען אַהער איר אויסשטייער...

איינס נעבן אַנדערן - לאַפאָנטיין און מאָלעיר,ביידע מצבות פון ענלעכן סטיל קוקן זיך פריינטלעך אָן. ווייטער, מיטן שמאָלן וועג באַרג אַראָפּ — אַ באַשיידענע מצבה פון דער פאַמיליע הוגאָ. אַ יונג אויסגעשטאָרבענע משפחה. וויקטאָר הוגאָ אַליין ליגט אין פּאַנטעאָן (צוזאַמען מיט נאַפּאָלעאָנען). ביים הויפּט־וועג רעכטס אָן אַלטע און פעסטע מויער, די מצבה פון ראַסין. טיף קעגנאיבער פון אַ געדיכטן גרינעם אָנוווקס קוקט אַרויס דער בראָנזענער קאָפּ פון אַלפאָנס דאָדע. ווייטער, פון גאַמבעטאָ, רעכטס, ביים הויפּט־וועג שטייט אויף אַ הויכן פּעדעסטאַל דער ביוסט פונעם אייביק־פאַרערטן באַלזאַק. צו

## ליטעראַרישע פּרעמיעס

אַ ריי מיטאַרבעטער פון "חשבון" האָבן לעצטנס באַקומען ליטעראַרישע פּרעמיעס, וואָס מיר מערקן אָפּ מיט צופרידנקייט, ווינטשנדיק אַלעמען נייע דערפאָלגן אין דער שעפערישער אַרבעט.

שאול גוטמאַן האָט באַקומען די י.י. סיגאַל־פּרעמיע פון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

שרה ליינער האָט באַקומען די ליטעראַרישע פּרעמיע א.נ. פערנאַנדאָ כענאָ פון מעסיקע.

די פערנאַנדאָ כענאָ־פּרעמיע האָט אויך באַקומען די דיכטערין גרוניא קאַהאַן וועמענס לידער מיר דרוקן היינט צום ערשטן מאָל אין "חשבון".

די פּרעמיע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס (ניו־יאָרק) פאַר פּאָעזיע (1989) האָט באַקומען דער רעדאַקטאָר פון "חשבון" משה שקליאַר.

רבקה קאָפּע/ פּאַריז

## דער זייגער מאָנט

פון וואַנען ווייס
דאָס פידעלע
ווי מיין האַרץ
איז צערודערט?

גאר ניט לאַנג
איז דער שפּיגל
מיין פריינד געווען
און מיר אנטקעגן
געשמייכלט.

איצט שפיגלט ער
אַרויס מיט חוזק
מיין גרימאַסנע הארץ
פון אויסנווייניק.

זאָל איך צעברעכן
דעם שפיגל?
פאַרניכטן
אַ געוועזענעם פריינד?

כ׳קאָן ניט, כ׳וויל ניט.
דער נייער וועט זיין ערגער -
צאַנקט אויס מיין האַסן -

ווייל דעם זייגער
טאָר מען ניט פאַרגעסן,
מ׳איז אים אייביק
עפּעס שולדיק...

געשפּאַנט אין זיינע לייצעס -
רונדיקט ער די פּלייצעס...

## איך דערצייל

איך דערצייל פאַר מיינע טריט,
די בעסטע צוהערער
פון מיין געמיט
דעם ריטעם פון מיין טראַכטן.

הערן איין זיך מיינע טריט
אין די קילאָמעטערס פון מיין זיין
און כפלען...
צי איז פעסטגעזעצט דער חשבון?

ווייל יעדעס מאָל און נאָך אַ מאָל
די צאָל טוט זיך אויסברייטן.
מע קאָן אין חשבון טעותן
ס׳וועט קיינער ניט באַשטרייטן.

* * *

איצט, זיץ איך און איך רו
ביי אַ שאָל נעגער־קאַפּע...
אונטער אָט אַזאַ קאָליר וואָלקן,
וואָס הערט ניט אויף זיך מעלקן.

ווען טויבן פּיקן נאַשעריי
ביי מיינע קנעכל,
גיסט דער וואָלקן אַ שטויבנשפּריי.

אַ קרומער קנייטש פאַרשווינדט
און באַשיצט מיך
אונטער דעכל פון מיין ליד.

פון אַ רעגנדל אַ קליינס,
ווען ס׳מערן זיך די קלאַנגען,
עטעמט טיף דאָס הארץ פון ערד —
פולע קישעלען מיט זאַנגען.

---

דער פאַרהערלעכונג פון דער אַלטער אָפּטיילונג געהערן די קברים מיט מאָנומענטן פון שאָפּען און טשוריביני.

פּער־לאַ־שעז איז דער איינציקער בית־עולם אין פאַריז, ווו דער טויטער ״קאָן האָפן״ אויף אייביקער רו. אויף די אַנדערע בית־עולמס איז מען קיינמאָל ניט זיכער מיטן שטיקל רו־פּלאַץ. ס׳שטייט תמיד די געפאַר, אַז די לעבעדיקע זאָלן פאַרדרענגען זייערע טויטע ברידער און פאַרבויען זייערע קברים מיט הייזער. פּער־לאַ־שעז איז אַריינגעוואַקסן אין דער געשיכטע פון אייביקייט.

**יעקב שייפער**

# אַ טעות אין נאָמען האָט מיך געראַטעוועט

## זכרונות פון "טויטן־טאָל"

נאָכן אָפּשליסן די קאָוונער געטאָ פון דער דרויסנדיקער וועלט, פלעגן די דייטשן אונדז כאַפּן אויף אַרבעט אין די פאַרשידענע אַרבעטס־בריגאַדעס, אונטער אַ וואך, פארשטייט זיך, אויף צוריקוועגס פלעגן מיר פאַרבייגיין דעם מאַרק און אַז די וואַכלייט פלעגן "פאַרקוקן" (פאר שוחד) האָבן מיר אויף גיך עפּעס איינגעקויפט, אַ ביסל קאַרטאָפל, מערלעך און דערמיט איז מיין משפחה, אַ פרוי מיט צווי קינדער און איך, ווי ניט איז דורכגעקומען.

אינגיכן אָבער האָבן די דייטשן ליקווידירט די בריגאַדע און דאַן האָט מען מיך געטריבן צו אַרבעטן אויפן עראָדראָם, ווו אַ חוץ שווערע אַרבעט האָט מען קיין זאַך ניט געקענט באַזאָרגן פון דער אָפיציעלער נאָרמע 200 גראַם ליימיק ברויט, וואָס מיר פלעגן קריגן ביי דער ארבעט, האָט מען דאָך ניט געקענט דורכלעבן, שוין אָפּגערעדט פון ברענגען עפּעס פאר דער משפחה. האָבן מיר פשוט געהונגערט.

ווען מען האָט שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן דעם הונגער, האָב איך זיך אַנטשלאָסן אויף אַ פארצווייפלטן שריט: באַגינען, ווען עס איז נאָך פינצטער, פלעגן מיין שוואָגער און איך צוקריכן צום שטעכלדראַט־צוים און ווי נאָר דער וואַכמאַן איז פארביי געגאַנגען, האָבן מיר גיך אויפהויבן דעם צוים. איך פלעג דורכקריכן, צולויפן צו אַ דערבייאיק הויז, אויסטאָן די "לאַטעס" וואָס זיינען געהאָנגען אויף אַ שטריקל, אָנטאָן אַ ווייכן קאַפּעלוש וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר דעם צוועק (יידן האָבן דאַן קיין קאַפּעלושן ניט געטראָגן) און שוין, איך בין שוין אַ פולבלוטיקער אַריער. כ׳פלעג אַרויפגיין אויפן טראָטואַר און זיך אויסמישן מיט די ליטווינער, וואָס גייען צו דער אַרבעט.

אין שטאָט בין איך אַריין צו אַ באַקאַנטן ליטווינער, אַ שניידער, און נאָכן אָפּאַרבעטן ביי אים דעם טאָג, פלעגט ער מיר באַלוינען מיט אַ ביסל פּראָדוקטן. כ׳פלעג אויך מיטנעמען עמיצנס אַ בגד און עס אויסבייטן אויף שפּייז.

דער וועג צוריק אין געטאָ איז געווען ניט קיין לייכטער, אפשר נאָך שווערער ווי אינדערפרי ביים אַרויסגיין. איך פלעג דאַרפן לויערן פון אַ באַהעלטעניש און אָפּוואַרטן אַ גרויסע בריגאַדע ווו עס זיינען דאָ ווייניקער וואַכפּאָסטנס, און גיך, גיך זיך אַריינכאַפּן אין דער בריגאַדע, אַראָפּנעמען דעם קאַפּעלוש, אַרויפוואַרפן די "לאַטעס" און אויס אַריער, צוריק דער געטאָ־ייד. ניט שווער זיך פאַרצושטעלן די פרייד פון מיין פרוי און קינדער, ווען זיי פלעגן מיך ענדלעך זען צוריק נאָך אַזאַ לאַנגן טאָג. ניט איין מאל האָט פּאַסירט, אַז ביים אַריינקומען דורכן טויער האָט מען אַלץ צוגענומען און דערצו נאָך גוט אָנגעשלאָגן.

אזוי האט זיך עס געצויגן עטלעכע חדשים און אלץ איז דורך בשלום ביז... איין מאָל, גייענדיק צו מיין באַקאַנטן ליטווינער, האָט מיך אַ שייגעץ "דורכגעשפּיזלט" מיט זיינע אויגן. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיך דערקענט אַלס ייד. כ׳האָב ניט געהאַט ווו זיך צו פאַרדרייען און באַשלאָסן צו גיין רואיק ווי גאָרניט, אָבער אַנטקעגן מיר איז געקומען אַ פּאָליציאַנט, מיך אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין פּאָליציי־צירקל. דאָרטן האָט מען געשריבן אַ פּראָטאָקאָל אַז זיי האָבן געכאַפּט אַ ייד אָן די, יידן צייכנס. פון

דאָרטן האָט מען מיך אָפּגעשיקט צו דער ליטווישער געהיימפּאָליציי. דאָ האָט מיך אַ רוצח געפּאָרשט און געמאָנט אַז איך זאָל זיך מודה זיין, אַז כ׳בין אַ קאָמוניסט און איך פיר אָן מיט אַ באַנדע טעראָריסטן... דערביי האָט ער מיך צעשלאָגן און צעבלוטיקט מיט זיין רעוואָלווער. צום סוף האָט ער מיך אָפּגעשיקט אין דער טרויעריק באַרימטער ״געלער טורמע״. פון דאָרטן האָט געווייינטלעך דער וועג געפירט צום נייטן פאָרט פון דער אַלטער פעסטונג ווו די דייטשן און ליטווישע העלפער האָבן אומגעבראַכט צענדליקער טויזנטער יידן פון אייראָפּע.

אין קאַמער ווו מען האָט מיך אַריינגעוואָרפן, בין איך איבערראַשט געוואָרן צו געפינען נאָך יידן, וועלכע מען האָט אויך געכאַפּט אין שטאָט פאַר פאַרשידענע ״חטאים״. דערווייל האָט מען אונדז אויך דאָ באַשעפטיקט. איך בין געוואָרן אַן אויפראַמער. שפּעטער האָט אַ ליטווישער שומר מיך אַריבערגעשיקט אין דער שניידעריי. דאָרטן זיינען געווען צוויי ליטווישע שניידערס ארעסטירט פאַר ספּעקולאַציע. אויפן דיל זיינען געלעגן בערג מיט בגדים, טליתים, תפילין, זאַכן פון די אומגעבראַכטע יידן. איין ליטווינער האָט דערקענט אַ מאַנטל פון איינעם פון די אומגעבראַכטע, וואָס ער האָט גענייט... פאַר מיין אַרבעט אין דער שניידעריי האָט מען אַפילו עפּעס געצאָלט און איך האָב זיך געקענט איינקויפן אין דער קאַנטין סיגאַרעטן (די ״באַרימטע״ דייטשע אָרדענונג...)

די צונויפגעכאַפּטע יידן האָבן באַלאַנגט צו צוויי קאַטעגאָריעס : איינע, וועלכע מען האָט געכאַפּט ווייט פון זייערע בריגאַדעס, אָבער מיט די שטערנס. זיי פלעגט מען נאָך אַ געוויסער צייט אָפּשיקן צוריק אין געטאָ. די אַנדערע, וועלכע מען האָט געכאַפּט פאַרשטעלט אַלס אַריער, אַזוי ווי מיך, ד.ה. אָן שטערנס, פלעגט מען דערשיסן אויפן ניינטן פאָרט. מיר פלעגן נאָר דאַרפן וואַרטן אויף אונדזער ריי ביז זיי האָבן אָנגעקליבן נאָך אַרעסטירטע, איבערהויפּט קאָמוניסטן.

מערקווירדיק, איך האָב זיך ניט געשראָקן, צי ווייל עס איז מער ניט געווען קיין כוחות אַפילו מורא צו האָבן אדער אפשר איז דאָס געווען דער אַלט יידישער בטחון, אַז אפשר וועט געשען אַ נס. און דער נס איז געשען...

איין מאָל א וואָך אינדערפרי, פלעגט אַריינקומען אַ שומר, א גזלן, אויסרופן אַ פּאָר נעמען און מיט קלעפּ און זידלערייען אַרויסשלעפּן פון קאַמער. פאַרנאכט דאַקעגן פלעגט אַריינקומען אַ פריינדלעכער מאַן, געמיטלעך, רואיק אפילו, און מיט אַ שמייכל מיטנעמען מיט זיך די אויסגערופענע. אָבער איןביידע פאַלן האָט מען ניט געוווּסט ווו אַהין מען פירט זיי.

מיך איז מען געקומען נעמען פאַרנאַכט פון דער שניידעריי ווו איך האָב געאַרבעט און מיט נאָך צוויי יידן אונדז אוועקגעפירט אין געשטאַפּא. דאָרטן האָט אַ דייטש אַריינגעקוקט אין מיין אַקט און מיך געוואָרנט. ״בינסט אָנע שטערן געלויפן. נעקסטן מאָלווערסטו דערשאָסן״. דאָס הייסט אַז דאָס מאל ווערט מיר געשאָנקען. איך האָב אים הייליק צוגעזאָגט, אַז איך וועל דאָס מער ניט טאָן. מען האָט אונדז דאַן אַראָפּגעפירט אין קעלער ווו עס האָט געאַרבעט אַ יידישע בריגאַדע בכדי מיט זיי זיך אומקערן אין געטאָ. דאָרטן פרעגט מיך אַ ייד מיין נאָמען און, הערנדיק אַז שייפער, האָט ער מיר אָנגעזאָגט די ״טייערע״ בשורה אַז געזאָלט באַפרייט ווערן האָט שאפער און אַז איך וועל מוזן גיין צוריק אין טורמע. איך בין שוין גאָרניט געווען באַגייסטערט פון אַזאַ מעגלעכקייט. כ׳האָב באַמערקט ווי עטלעכע יידן סודענען זיך וועגן מיר. צום סוף האָט דער בריגאַדע־פירער ליפּצער אַליין (אַ באַקאַנטע פיגור אין קאָוונער געטאָ) מיך אויסגעפרעגט ווער און

**גרוניאַ קאַהן** / מאָנטרעאַל

## האַרבסט

נאַקעט ביסטו ווידער
אַלטער בוים,
אין טיפֿן טרויער;
די צווייגן טוליען זיך
צו דיר
און איבער זיי – אַ וואָלקן
שוועבט אַ גרויער,
באַלד וועט עס רעגענען,
ס'וועט גרויזאַם קאַלט.

דו שווייגסט,
און ס'שווייגן דיינע צווייגן,
עס בענקט זיך דיר...

בענקסט נאָכן פֿרילינג,
אַלטער בוים,
ווען ס'גלייכן אויס זיך
דיינע פֿליגלען;
בענקסט נאָכן זומער,
נאָך דעם וווּנדער,
ווען אין דיין שאָטן
רוט די נאַכט;
דו ווייסט וואָס יעדער
פֿויגל טראַכט,
ווייסט אַלע סודות.
זאָרג זיך ניט,

הויב אויף דיין גרויען
קאָפּ!
נישט אייביק וועט זיין
האַרבסט,
נישט אייביק טרויער,
אַלץ גייט פֿאַרביי...
עס וועט דער פֿרילינג
קומען ווידער
מיט זיסע קלאַנגען,
מיט פֿרילינגסלידער
און דו וועסט אויפֿלעבן,
וועסט אויפֿבליען, בוים,
אין דיין פּראַכט.

## טרוים

אָ! זיסער טרוים!
פֿאַרלאָז מיך נישט!
ס'איז גוט צו פֿילן
ווי עס פֿליסט דאָס
הייסע בלוט,
ווי עס צעברענט זיך
פֿון אַ פֿונק
אַ גרויסער פֿייער;
ער נעמט אַרום דעם
גאַנצן גוף
איין קליינער פֿונק –
דער פֿונק פֿון האָפֿן.

---

וואָס איך בין און באַשלאָסן מיר דאָך אפּצושיקן אין געטאָ. איבעריק צו דערמאָנען די פֿרייד פֿון מיין פֿרוי און קינדער, ווען זיי האָבן מיך פּלוצים דערזען ווי אַ געקומענים פֿון יענער וועלט.

וואָס האָט פּאַסירט? דער דייטש, וואָס האָט מיך באַפֿרייט, האָט געקראָגן אין יד אַריין ער זאָל באַפֿרייען שאַפֿירן און דורך אַ טעות האָט ער מיך באַפֿרייט. ווען דער יידישער "מאַכער" האָט אים דאָס געזאָגט האָט ער געהייסן ברענגען צוריק "יענעם יודקע", וועט ער אַרויסגעבן צוריק דעם "אַנדערן" יודקע. אין עלטעסטן ראַט (אַזוי האָט געהייסן ביי אונדז דער יודנראַט) איז פֿאָרגעקומען וועגן דעם אַ באַראַטונג און מען האָט באַשלאָסן קיין יידן צוריק ניט אַרויסגעבן, נאָר פּרובירן ווידער אונטערקויפֿן דעם דייטש. מען האָט געפֿונען אויף דעם די מיטלען און אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן מיר, ביידע באַפֿרייטע, זיך געטראָפֿן און זיך אַרומגעכאַפּט מיט געוויין...

דאס איז מיין געשיכטע: מיין פֿאַמיליע־נאָמען האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן.

יוסף האָרן / בוענאָס איירעס

# עכטע דיכטער די בעסטע עדות פון דער צייט

פשוטע לייענער מיינען, אַז דיכטער, בעת זיי שאַפן האָבן זיי נאָר אין זינען אינדיווידועלע געפילן. דער אמת איז, אַז גוטע שורות ביי עכטע דיכטער זענען אין רוב איינגעוויקלט אין לעבן פון פאָלק און זיי גיבן אַ בילד פון דער אַרומיקער וועלט.

אַ דויערנדיק, ווערטיק ליד קאָן אַ מאָל האָבן געציילטע שורות און אפשר גאָר איין קליינעם זאַץ, אויף וועלכן דאָס ליד האַלט זיך, ווערט דערמאָנט און ניט פאַרגעסן אין אַלע עקן־וועלט.

עס לאָזן זיך ברענגען שורות פון פייטנים פון אַלט פאַרגאַנגענע צייטן, פון עכטע דיכטער וואָס זענען געווען די בעסטע עדות פון דער צייט און ווערן אָנגערופן עד־היום. נאָר צי וואָס אוועקגיין צו ווייט אויף צוריק, אַז מ׳קאָן ברענגען אויסצוגן פון פּאָעמעס, וואָס גאָט געבענטשטע דיכטער האָבן נעשאַפן, מיט אַריבער דריי־פערטל יאָרהונדערט צוריק, למשל, און עס זענען נאָך דאָ אויף דער וועלט יידישע מענטשן וואָס געדענקען יענע צייט ווען דאָס ליד איז געשאַפן געוואָרן.

קישענעווער פּאָגראָם אין 1903 און ח.נ. ביאַליק דער העברעיש־יידישער דיכטער האָט געשאפן די ״שחיטה־שטאָט״, וואָס ווערט דערמאָנט, ציטירט און דעקלאַמירט אומעטום. דער העבעריש־יידישער קריטיקער דוד פרישמאַן האָט אַלע מאָל געוואָלט באַווייזן, אַז די ״שחיטה־שטאט״ איז נישט גענוג עכט און וועט נישט אַריין אין פאָלק. וואָסזשע ווייזט זיך אַרויס, אַז דוד פרישמאן האָט נישט גענוג דערשאַצט די ״שחיטה — שטאָט״, ווי די שאַפונג ווירקט אויפטרייסלענדיק אויף יידישע דורות: ״דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשיקט אַ צווילינג: אַ שחיטה מיט אַ פרילינג, דער גאָרטן האָט געבליט, די זון האָט געלויכטן און דער שוחט האָט געשחטן...״

אין צייטן אַרום זענען געקומען יידישע וואָרט־זאָגער, דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין און דערזען, אַז ח.נ. ביאַליק איז ״געווען דאָס שענצטע מויל פון זיין יאָרהונדערט״.

דער באַרימטער ישראל דיכטער און איבערזעצער אברהם שלאָנסקי האָט געקעמפט קעגן ח.נ. ביאַליק, אָנגעוויזן אויף שוועכע מאָמענטן, איז געקומען אין אַ צייט אַרום דער יידישער שרייבער חיים גראַדע, איינער פון ״יונג־ווילנע״ און געשריבן, מיט גרויס פאַרערונג וועגן די דיכטונגען פון ח.נ. ביאַליק. ערשט איצט, זעען איין די יינגע און נייע דורות, ווי עס האָבן געשילדערט יידיש לעבן גאָט געבענטשטע דיכטער.

יאָ, די דריי מאָל וואס איך האָב געהאט די זכיה צו זיין אין ישראל פלעג איך אין די פרייטיק־שעהען זיין אין ״בית — ביאַליק״ נעבן דער אַלטער עריה אין תל־אביב, כדי צו דערפילן כאָטש עפעס פון דעם וואָס ער פלעגט אין זיינע שמועסן ביי עונג־שבת זאָגן

---

און ווען עס ווערט
דער פונק פאַרלאָשן,
דיין אויג געשלאָסן,
דאָס בלוט פאַרגליווערט,
און ס׳קלאַפּט נישט מער
דער פולס פון לעבן,
אָ! זיסער טרוים!

וואָס בלייבט פון דיר?
אַש...
צעווייט, צעזייט,
און איבער פעלדער
ביסטו, טרוים,
ערגעץ ווייט
צעשפּרייט...

דעם עולם און דערנאָך פלעג איך אַראָפּגיין אין ביאַליקס גאָרטן, ווו ער האָט פארזעצט ביימער, וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ"ך.

יעדער עכטער דיכטער האָט זיינע וועגן און אופנים, אַרויסצוברענגען זיינע שטימונגען, ווייטיקן און האָפענונגען. גייט עס נישט אין מאַכן פאַרגלייכן, אַלס דיכטער, פון יוסף פּאַפּיערניקאָוו, מיט ח.נ. ביאַליק ע"ח, עס ווילט זיך אָבער זאָגן, אז אַ טייל פון יוסף פּאַפּיערניקאָווס לידער, זענען אַריין טיף אין פאָלק.

אין 1924, האָט יוסף פּאַפּיערניקאָוו פאַרלאָזט וואַרשע און זיך באַזעצט אין ישראל, און געגעבן זיין ישראל־בוך, מיט אַ סך ליבשאַפט: "אין זוניקן לאנד". אַז מ'לייענט דאָס בוך גייט אויף דער חלוציזם, וואָס מ'האָט אין פוילן גערופן די" לעדערנע קורטקע" לויט דר. ש. גאָטליב, אין יענער צייט.

שפּעטער, אין פוילן, ביי גרויסע יידישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין שילן ביתי־מדרשים האָט מען רעציטירט יוסף פּאַפּיערניקאָווס אַ ליד וועגן איבערפאַלן, פּאַגראָמען פון אַראַבער קעגן יידן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין ישראל.

"מיר וועלן פון דאַנען נישט גיין, פון אָרט זיך נישט רירן,

מיר וועלן פון דאַנען נישט גיין איר זאָלט אונז אַפילו ניט לאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין.

אַזוי האָבן יינגע, אַזוי האָבן אַלטע באַשלאָסן, ווען ס'האָט זיי דער שכן, דער שונא די הייזער באַשאָסן, ווען ס'האָט זיי דער שכן די פּלויטן און טירן נעבראָכן, דעם גאָרטן, דאָס פעלד און דעם שייער געלאָזט מיטן פייער."

געוויס, לעבן מיר היינט אין אַן אַנדער צייט, בעת עס עקזיסטירט אַן אייגענע מדינה, אַ פאַרזיכערונגס־כח און אַלדאָס אַנדערע, וואָס אַ מלוכה האָט נויטיק. עס גייט דעריבער ניט אין אַריינברענגען, אָדער ברענגען אויסצונגען פון דיכטונג אין ישראל אין אַלע צייטן.

דער באַרימטער שפּאַנישער זאָגט, אַז פּאַר אַ מוסטער אין געגנוג אַ קנעפּל, איז חל אויך אויף דיכטער, וואָס זענען אויך מיט זייער שאַפן גוטע עדות פון דער צייט.

אָט ווילט זיך זען אַ מאַליקע, פינצטערע צייט אין פוילן, און כ'מיש אויף דעם דיכטער יחיאל לערערס בוך: "מיין חיים".

"דער אייבערשטער זאָל נאר העלפן, דאָס וועטער זאָל זיין שיין — און דעם שכנס שגץ זאָל נישט וואַרפן קיין שטיין אַזוי ווי פאַראַיאָרן אין סיכהלע אַריין. עס איז אים פנחסן נישט היינט געדאכט, דער בעכער מיט ווייַן פון די הענט ארויס געפאַלן אין סאַמע מיטן קידוש. עס איז נאָך גוט נעווען, וואָס גאָט האָט פארהיטן, ווייל דער שטיין איז אַ גרויסער, אַ שווערער געווען, און עס איז טאַקע נאָך עפּעס אַ נס געשעען. עס האָט קיינעם נישט נעשאַדט, נאָר די ליכט און שפּאָרן האָבן אַ צאַפּל געטון, פאַרלאָשן געוואָרן".

אַזוי לאָזן זיך ציטירן אומצייליקע לידער, צעשאָטן אין צייטונגען, זשורנאַלן און אַריינגענומען צווישן טאָוולען, אין ביכער, וואָס דערציילן פון יידיש לעבן אין דער וועלט.

עס ווערט געשריבן ווענן די אויפגעלייזטע קהילות, טויטן לאַגער, ווידעראויפגעבויטע שטעט. ווי זעט אויס וואַרשע כמעט אָן יידן. ביז גאר רירנדיק, האָט לעצטנס אין "די גאָלדענע קייט" פון תל־אביב, געשילדערט זיין געבוירן־שטאָט וואַרשע, די זשאַביע גאַס, דער שרייבער פון דער קורצער דערציילונג, צבי אייזנמאַן וואָס לעבט און שאַפט אין קיבוץ אלונים. עס האָט זיך געוואָלט מאַכן כאָטש אַ שטיקל פאַרגלייך מיטן אַ מאַליקן וואַרשע געשילדערט פון די יידישע וואָרט־קינסטלער י.י. זינגער אין זיין ראָמאַן "שטאָל און אייזן" און יצחק באַשעוויס זינגער אין זיין "פאַמיליע מושקאט", דעמאָלט האָט אָבער וואַרשע כמעט ווי נעזונגען, היינט ווערט אומעטיק ביים לייענען און אויך ביים מחבר האָט פאַרקלאַפּט זיך דער אָטעם.

אין געוויסע מאָמענטן, קומט מיר אויס בײַ אַ טישל אין קאַפע־הויז צו הערן רעדן פון קאָלעגן וועגן דער אַלטער־חיים און וועגן פאָרן זען וואַרשע, לאָדזש, בעלכאַטאָוו און אַנדערע שטעט אין פוילן. פרעגט זיך, ווי קאָן מען באַטראַכטן פוילן בעת מ׳ווייסט וואָס דער רוב שכנים האָבן צו אונדז געטון און זיך אָנטרעפן אין פוילישע הייזער, מיט אַלט יידיש מעבל. פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע מענטשן זענען גלײַך און נישט אויף יעדערן ווירקט אַן איבערלעבונג אויפן זעלבן אופן.

מ׳קאָן זאָגן אַז אַ גאַנץ גרויסע מחנה פען־מענטשן האָט זיך געראַטעוועט קיין ישראל. שרײַבער פון סאָוועט־רוסלאַנד, פון פוילן, פון אַנדערע לענדער. מ׳געפינט פאַר זיך אַ ווינקל און די שאַפונגען דערציילן פיל. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער שרײַבער קומט מיט זײַן ניגון, פאַרלאַנג, שאַפונגס־כח און טענה. אַרײַנבּרענגען אין לאַנד אַרײַן איז נישט אַזוי גרינג, אָבער אײַנאָרדנען אַ שרײַבער איז שווערער. בײַ דעם אַלעם לאָזן זיך אָפּנעמען גוטע גרוסן, מ׳לעבט גאַנץ פײַן. אַ באַזונדער טייל זענען די וואָס זענען עולה געווען פאַר דעם דריטן חורבן, אַ טייל זענען גוט אײַנגעוואָרצלט אין לאַנד עקאָנאָמיש, סאָציאַל, פּאָליטיש.

צווישן די פּאָעטן, עסייאיסטן, קריטיקער וואָס שרײַבן סײַ יידיש, סײַ עברית, איז דער קאָבּרינער י.ח. בּילעצקי, ער איז אַ מחבר פון אַ צאָל ביכער לידער און עסייען, אָפּהאַנדלונגען אין יידיש און העבּרעיש. ישראל האָט זײַן שאַפונס־כח געמאַכט אַסך שטאַרקער און מלייענט אים אַלע יאָרן, מיט אינטערעס, ווייל ער שרײַבט אינטערעסאַנט און לאָזט פון זיך הערן צום גוטן. זײַער אָפט פאַרעפנטלעכט י.ח. בּילעצקי לידער, אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען אין אַ רײַ צײַטונגען, זשורנאַלן און צווישן זיי אין די ״לעצטע נייעס״. עס קומט זײַן שאַפן אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג, נאָר לעת — עתה מוז ער מוחל זײַן, מיט ברענגען בּלויז די ערשטע שורות פון זײַן ליד: ״דער טאָג פון אַ ייד״, וואָס ער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט אין אַ פרייטיק — נומער די ״לעצטע נייעס״.

י.ח. בּילעצקי הייבּט אָן זײַן ליד אָט ווי אַזוי:

״דער טאָג פון אַ ייד איז באַהאָגלט מיט שטיינער. דער טאָג פון אַ ייד איז פאַרוואָגלט אין טיפע היילן און קיינער פון די שכנים קומט ניט מיט קיין וואָרט ברענגען אַ רפואה,״

אַזוי זאָגט עדות אין די היינטיקע טעג אַ יידיש — העברעישער שרײַבער, דר. י.ח. בּילעצקי, וואָס האָט שוין פיל מיטגעמאַכט און האָפט אויף גוטע, בעסערע צײַטן, לאָמיר זיך דעריבער גוט צוהערן צו עדות — זאָגעריי פון דיכטער.

## נפטר געוואָרן דער גרויסער מאָלער בען.

ס׳איז אוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז אַ גרויסער קינסטלער, וואָס מיטן גאַנצן לײַב און לעבן זײַנעם האָט ער געשטעקט טיף אין יידישן באַנעם. אַ ריז איז ער געווען אויף זײַן געביט. זײַן שאַפונג שמעקט מיט ״זעלטענער פערפעקציע, קענטעניש און שכלדיקייט״ — האָט אַ מאָל געשריבן וועגן בענען דער קונסט־פוסק וואַלדעמאַר זשאָרזש.

אַזוי ווי אין אַ טלית אײַנגעהילט אינעם הומאַניזם פון יידישע ווערטן, האָט ער פרום געטונקט זײַן פענדזל אין די טיפע ברונעמער פון ספר הספרים. קלאָרע זונען פון וואַרעמען טרייסט און בטחון גייען מזמרדיק אויף אין זײַנע ווערק. זײַן שירה וואָרצלט אין דעם פאַרעקשנטן דראַנג צו אַן אייביקן שבת.

## ביכער * ביכער * ביכער

משה שקליאר

# חנן קיעלס "אין ווינט פון זכרון"

דאָס נייע בוך פון דיכטער חנן קיעל וואָס איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אין ניו־יאָרק און טראָגט דעם נאָמען "אין ווינט פון זכרון", האָט אויך אַן אונטערטיטל: עסייען און לידער. ווייס איך נישט פאַרוואָס אַזוי, ווייל צוערשט קומען אין בוך די לידער, וואָס ווערן באַגלייט ביים סוף דורך אַ צאָל עסייען. וואָלט דאָך על פי שכל געדאַרפט זיין פאַרקערט: לידער און עסייען. און היות מיך אינטערעסירן דער עיקר די לידער, וועל איך טאַקע ביים באַהאַנדלען דאָס בוך גיין מיטן פאַרקערטן וועג.

פאַראַן אינעם בוך "אין ווינט פון זכרון" אַ ליד א.נ. "ווינטן שלאָפן נישט", וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שורה "שניי־בוראַנעס יאָגן נאָך מיינע יאָרן". האָב איך עס איבערגעלייענט און... ס'האָט מיר פאַרהאַקט דעם אָטעם, גלייך דער בוראַן וואָלט מיך אַ שליידער געטאָן אויף יאָרצענדליקער צוריק און כ'האָב פלוצעם דערזען אין מיין דמיון ווי מיר שפּאַנען צוזאַמען, איך און מיין גוטער חבר חנן קיעל, דורך ווינטן און שנייען אין דער ווייטער שטאָט אויף יענער זייט אוראַלער בערג. די פיס שלעפּן זיך קוים מידע נאָך אַ טאָג שווערער האָרעוואַניע, דער ווינט פייפט, דער שניי שמייסט אין פּנים און מיר... מיר רעדן וועגן אַ ליד וואָס איינער פון אונדז האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ טאָג אָדער אַ נאַכט פריער. און מיר פילן נישט די קעלט. קאָן זיין, אַז עס ציטערן די פלייצעס, אָבער הייס זענען די הערצער, דערוואַרעמטע פון ליד און בילד, פון דער אינערלעכער מעלאָדיק.

אָט יענע וואַרעמקייט האָט מיך איצט ווידער באַהערשט שוין בלויז נעמענדיק אין האַנט דאָס נייע לידער־בוך פון חנן קיעל. ביידע האָבן מיר כמעט אין דער זעלבער צייט

---

ער האָט דעם תהלימדיקן פּסוק "חסד ואמת נפגשו צדק ושלום נשקו" (פּ'ה — 11), ווי אַ סימבאָל פאַר זיין יצירה אַרויסגעהויבן, און פאַרן מדריך און אני מאמין פאַר זיין לעבן פאַרוואַנדלט. תמימותדיק פלעגט ער זאָגן: — "ווי דען אַנדערש קאָן די וועלט אַ קיום האָבן?!" דאָס קרוין — ווערק זיינס, צווייַ הונערט בילדער פון זיין תנ"כישן מעסאַזש וואָס הייליקט דעם זכר פון זיינע טאַטע — מאַמע, פאַרשניטענע קדושים בחרב הנצים, האָט אויסגעוואַנדערט אַ וועלט — אַ גאַנצע. און אומעטום, בפירוש אומעטום, האָט די איידעלע פּרומע סימפאָניע זיינע צעזייעט קערנער פון יידישער מענטשלעכקייט, דערהויבן אונזער נאָמען, און אַ התפעלותדיקן דרך — ארץ אַרויסגערופן צו אונזער קינסטלער. דאָס דאָזיקע גראַנדיעזע ווערק דאַרף איינגעזאמלט ווערן אומבאַדינג אין מדינת ישראל.

דער נאָמען בען וועט לייכטן אייביק, ווי אַ שטערן, אינעם געזאַמל פון דער יידישער קולטור.

דער פריינדן געראַ, דער לעבנס — באַגלייטערן און אינספּיראַטאָרן פון פאַרשטאָרבענעם קינסטלער בען דריקן מיר אויס די טיפסטע מיטגעפילן.

**ע. פישבין**

זיך אַוועקגעלאָזט אויף די פֿאַרפֿלאָנטערטע וועגן פֿונעם לידערלאַנד, און וואָס פֿאַראַ מהלך שוין אָפּגעגאַנגען! און כ'בין אים מקנא, מיין חבר - ער איז אין זיין וועג קיין מאָל נישט געשטרויכלט געוואָרן, האָט נישט געבלאָנדזשעט אויף זייטיקע סטעזשקעס, הגם ס'האָט זיך אים צומאָל אויסגעדאַכט, אַז ער ווערט "אַריינגעוועבט אין בלענדיקע ווירוואַרן".

חנן קיעלס ליד איז דורך דער צייט געוואָרן רייפער, יאָדערדיקער; פֿילפֿאַרביקער און פֿילדימענסיעדיקער זיין בילדלעכקייט. און הגם זיין ניי לידער־בוך טראָגט דעם פּאָעטיש־בילדערישן נאָמען "אין ווינט פֿון זכרון" איז עס נישט דער ווינט וואָס גיט אַ ווייע אויף אייך מיט פּאָעטישער קראַפֿט, נאָר גראָד דער פֿראַזאַישער זכרון. עס איז יענער זכרון וואָס רופֿט אַרויס דעם "טאַטנס תפילהדיקע אויגן - אויסגעלאָשענע אין יאָמער־טאָל"; די "קליינע מאַמע אין פֿאַרטשאַדעטן וואַגאָן - אַן אויסגעלאָשן ליכט./גאָטס טרערן — רעגן־שפּריי אויף איר געזיכט"; עס איז דער זכרון וואָס רופֿט אַרויס דעם "קאַשטאַן־בוים פֿון ווייטע יינגל־יאָרן" און "די ווערבעס פּוילישע (אויף וועלכע עס) וויינען פֿידלען פֿון נעכטיקע יאָרן".

נעכטיקע יאָרן... זיי זענען דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו אין חנן קיעלס ליריק, זיי זענען עס דער ווינט וואָס באַוועגט זיין זכרון, און ווי ס'איז די טבע פֿון ווינטן בלאָזן זיי נישט אין איין ריכטונג, נאָר אין פֿאַרשיידענע זייטן, אַ מאָל זענען זיי שטאַרקער, אַ מאָל מילדער, אַ מאָל צעטרייסלען זיי אונדזער געמיט, און אַן אַנדערש מאָל גלעטן זיי די אָפּגעזענגטע הויט. גלייך דער דיכטער וואָלט זוכן אַ טרייסט פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר זיין אָנגעווייטיקט האַרץ, פֿאַר "די יאָרן פֿון פֿאַרליר", פֿאַר אַלע "צעקרישלטע... נישט דערלעבטע רגעס", ווענדט ער זיך אָפּט צו דער נאַטור, און דעמאָלט קומט אויף אַזאַ פּערל ווי "גאָטס לידער":

"די כריזאַנטעמעס, האַבּרעס און רויזן
זענען גאָטס לידער אין בלומענפּאַרק,
דער ווינט - אַ האַרפֿע
וואָס קלימפּערט צום טאַנץ
פֿון בלעטערוואַרג.
אין לאַנד פֿון קאָלירן און צויבער
ווערן רייף די פּיאָלעטע טוליפּן,
ווי שיר השירים
אויפֿן פֿאַרליבטנס ליפּן".

נאָר אייגנטלעך איז עס מער ווי אַ נאַטור־ליד. לייענט מען זיך גוט אַריין אין דעם, דערפֿילט מען דעם צויבער פֿון אונדזערע אַלטע לעגענדעס, פֿון תנ"ך צו וועלכן חנן קיעל ווענדט זיך אַזוי אָפּט, באַזונדערס אינעם אָפּטייל "צויבערפֿלייט", אָבער נישט בלויז דאָרט. און הגם די כריזאַנטעמעס, האַבּרעס און רויזן פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער גן־עדן פּאַנאָראַמע (גאָטס ליד אין בלומענפּאַרק), איז עס דאָך אַ שיר השירימדיק ליד, אויסגעזונגען פֿון אַ היינטצייטיקן יידישן דיכטער. אגב, דעם שיר השירים מאָטיוו קאָן מען טרעפֿן נישט בלויז ביי יידישע דיכטער; ער האָט אינספּירירט אָנצאָליקע שעפֿער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, און דאָך בלייבט ער טיף יידיש ערשט אונטערן באַריר פֿון דער יידישעק "מוזע". פּונקט ווי עס איז טיף יידיש ביי חנן קיעלן אַזאַ אוניווערסאַלע טעמע ווי "דער חלום פֿון אַ בוים", וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט די שורות: "און איך אַליין/ מיד פֿון וואָגל־טעג וועל אויסטון/ מיינע שיך, וואָס האַלטן זיך קוים/ און מיט די היימלאָזע פֿייגל קדיש זאָגן/ נאָכן חלום פֿון אַ בוים". בלויז אַ יידישער דיכטער קאָן קדיש זאָגן נאָכן

חלום פון אַ בוים... און עס איז אוודאי אָט די שורה, וואָס מאַכט אונדז טיפער אָפּפילן דאָס גאַנצע ליד, הגם עס פעלן נישט אין דעם קיין אָריגינעלע בילדער און מעטאַפאָרן, אויף וועלכע חנן קיעל איז לחלוטין נישט קאַרג.

*

פאַראַן אינעם בוך „אין ווינט פון זכרון" אַ צאָל תפילות, וואָס ברענגען אַרויס די סענסיטיווקייט פונעם דיכטער, זיין גלויבן, האָפענונג און צווייפל; דאָס געפיל וואָס איז שוין פון לאַנג נישט פרעמד יעדן יידיש־שרייבער ־ דאָס געפיל פון אַליינקייט, פון לעצטקייט („לאָז מיך נישט דער לעצטער זיין/ אין זינגענדיקן צוג"); אָבער איינע פון חנן קיעלס תפילות קאָן, דאַכט זיך, דינען ווי אַ שליסל צו זיין גאַנצער שאַפונג. דער דיכטער בעט:

„אלוהי נצור, באַהיט מיין ליד
פון זיין מגזם;
ס'אויג איז אַ פאַרגרעסער־גלאָז,
וואָס ווערט פאַרבליפּט
פון אַ צעפּוישטן זייפן־בלאָז".

איז עס נישט קיין קליינער נסיון פאַר אַ דיכטער ־ דער כסדרדיקער באַוווסטזיניקער געראַנגל מיטן אינערלעכן „פאַרגרעסער־גלאָז"; דער געראַנגל נישט מגזם צו זיין, נישט פאַרבליפּט צו ווערן פון אַ „צעפּוישטן זייפן־בלאָז". אַזעלכע געפאַרן לויערן אויפן דיכטער, פונקט ווי אויפן פּראָזאַיקער, פון אַלע ווינקעלעך, און בלויז זיין קינסטלערישער חוש קאָן אים אונטערזאָגן דעם ריכטיקן אָפּקלייב פון אַדעקוואַטן וואָרט און בילד. און ווייל חנן קיעל געהערט צו יענע דיכטער, וואָס זייער קינסטלערישער חוש פאַרפירט זיי נישט, פאַרקערט, ער פירט זיי אויפן ברייטן שליאַך פון פּאָעטישן שאַפן וואָס גרייכט אין דער טיף פון זין אַליין ־ הייסט עס, אויך פון מענטש, פאָלק און וועלט, געפינען מיר ביי אים פאַרכאַפּנדיקע בילדער, אויסגעדריקט אין פשוטע ווערטער. בלויז אייניקע ביישפּילן:

„פון זיין פייקע קנוילט זיך אַ פאַרקאָפּטשעטע לעגענדע" (וועגן זיידן דעם פישער); „אָפּגעזומערטע ביימער פלאַקערן אויף אונדזערע קעפּ"; „זומער־לידער ווילדע גרינען אויף די פענצטער"; „איך בין דער נסימדיקער בוים פון אויסגעזעגטן וואַלד"; „נוחס בלודנע טויב נע־ונדעוועט אין בלויען ווינט מיט אונדזער פלאַטערדיק ליד אין מויל"; „דער מידער אויסגעגליטער טאָג מיט קראַנקע פיס"; כ'האָב אַלץ נאָך נישט דערזונגען מיין איינגעפּעדעמט ליד".

און אפשר איז טאַקע וועגן אָט דעם נישט דערזונגענעם ליד אַ צווייטע תפילה פונעם דיכטער, אין וועלכער ער בעט: „אָ, גרויסער פאַרגעביקער חבר/פון אַלע נישט דערהערטע ווינטיקע געוויינען/זע ס'זאָל נישט גיין לאיבוד דער מינדסטער אוי/ אין כאָר פון אונדזערע אויען".

וויל ער טאַקע פאַרהיטן, חנן קיעל, אָט די מינדסטע „אויען", וואָס בלויז דער דיכטער מיט אַזאַ טיף פילנדיק האַרץ און אויער וואָס איז אָנגעשפּיצט צום אַרום, קאָן דערהערן, אַרויסברענגען און פאַרוואַנדלען אין וואָרט. צייטנווייז איז ער אַזוי באַהערשט פון זיי ־ די „אויען", אַז ער זוכט, דאַכט זיך, אַנטרינונג אין אַ שטיפערישן שמייכל, אין אַ מאַנגעריש בילד, ווי אינעם ליד „אין צענטראַל־פּאַרק", וואָס פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער:
„דער מידער טרויער רוט זיך אָפּ/ און איך / דער פראַנט, שפּרייז געלאַסן/ מיט מיין

בלויען שירעם איבערן קאָפּ״; אָדער גאָר אינעם גראָטעסקן בילד פון מאַנהעטן: ״די לבנה אויפן הימל־דאַך/ באַוווּנדערט די קליינע טשאַרלי טשאַפּלינס/ קאָמישע אין געדראַנג, די יאָלדישע פּאָעטן,/ ס׳געיאָגעניש פון אויטאָס אין טראַפיק ווילדן/ פון מאַנהעטן״;

אָבער באַלד קערט ער זיך אום, דער דיכטער, פון מאַנהעטן צו די נעכט ווען עס ״צאַנקען אין מיר אַלע פאַרשווינדענע נישטאָען״ (זכרונות וועלקן נישט״), אָדער צו אַ וויזיע א.נ. ״לידערנאַכט״: ״אין חלום־ווינקל ס׳פּענצטערל איז אָפן,/ מאַמע, איך בין מיד, כ׳האָב מורא,/ ס׳וויג־ליד איז אין דער נאַכט אַנטלאָפן״. אַפילו ווען דער דיכטער איז אין מדינת ישראל און ס׳קומען אויף פּאַר אים די אַלט באַקאַנטע ערטער און געשטאַלטן פון תנ״ך, וועלכע ער באַזינגט אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אינעם אָפּטייל ״קלעזמער אין ירושלים״, דערזעט ער פּלוצעם דער ״מאַמעס צער (וואָס) קומט צו תשליך אין ירושלים״.

עס איז דער מאַמעס צער וואָס באַגלייט אים, דעם דיכטער, אויף אַלע זיינע וועגן, און אויך די שוין דערמאָנטע טאַטנס תפילהדיקע אויגן ־ אויסגעלאָשענע אין יאָמער־טאָל... און ווייל אָט דער צער איז אייגנטימלעך אַ גאַנצן דור וואָס איז אַרויס פון יאָמער־טאָל אַ באַשעדיקטער, אָבער מיט אַן אומדערשיטערלעכן ווילן צו לעבן, זענען חנן קיעלס לידער דער ווידערקול פון אונדזערע טראַכטונגען און שפּירונגען, פּונקט ווי עס זענען דאָס די לידער פון אונדזערע בעסטע דיכטער וועלכע ווענדן זיך אָן אופּהער צו דער חורבן־טעמע.

*

נישטאָ, דאַכט זיך, קיין יידישער דיכטער אין אונדזער היינטיקער צייט וואָס זאָל נישט אין זיין שאַפן מעדיטירן איבערן גורל פון יידיש־לשון, ווען עס איז שוין אַזוי פיל מאָל אָפּגעזאָגט געוואָרן דאָס לעבן, און דאָך לעבט עס ווייטער, אויך חנן קיעל ווידמעט אין זיין בוך אַ גאַנצן אָפּטייל אונדזער מאַמע־לשון. ווי יעדער יידיש־דיכטער איז אויך ער פאַרליבט אין יידישן אות, אין יידישן וואָרט, אין זיין קלאַנג, אין זיין טאָן און אונטערטאָן, וואָס ווערט מייסטערהאַפט אַרויסגעבראַכט אין ״נוסח יידיש״. אַ מאָל הערט זיך דאָ אין זיין ליד אַ טראַגיקייט, וואָס איז אַזוי נאַטירלעך ווען אַרום איז אַ כאַר פון אויפריכטיקע און אויך פאַלשע באַווײנערס. שרייבט חנן קיעל: ״און איך/ אַן ערב־חורבן עכאָ/ אַ ווינטיקער קול/ אין מיין אייניקלס שטראַליקן געוועב/ וועל זינגען אויף קראָכמאַלנער יידיש:/ יאָך לעב, יאָך לעב״.

אַן אַנדעש מאָל פילט זיך אַרויס ביי אים דער טיפער ווייטיק, ווי אינעם ליד ״אַ יידישע צייטונג״: ״אַ יידישע צייטונג אויף דער ערד/ צעקנוידערט/ שרייט פון ווייטיק/... מיין וועלט, מיין אָפּגעשפּאָרט פּיצל וועלט/ זיי טרעטן מיט די פיס״. נאָר דאָס איז בלויז אַ פּיצל פון דער אָפּגעשפּאָרטער וועלט. פאַראַן נאָך, חוץ דעם פּיצל, אַ גרויסע וועלט, וואָס גייט פאָרויס מיט אומבאַקאַנטע, נישט פאָרויסגעזעענע וועגן. און אין אָט דער וועלט זוכט דער דיכטער אַ טרייסט, אונדזער טרייסט, ווען ער שרייבט אין אַ ליד געווידמעט זיין זון:

״אויף שטראָזן טונקעלע כ׳וועל דיר מיטגעבן
מיינע צעוווּנדיקטע לאַגער־שיך,
די מגילה פון היימלאָזן פּיין און צערידער,
אַ טאָרבע גלויביקע לידער.

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

## "שלום עליכם זיין לעבן אין בילד" *)

דאָס איז אַ קינסטלערישער אַלבאָם פון אַ הויכער מדרגה און רייכן אינהאַלט, וואָס פאַרדינט אַ גרויסן שבח. אין זיין "וואָרט פריער" האָט דער רעדאַקטאָר פון אַלבאָם, אברהם ליס, זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַקטועלקייט און היינטצייטיקייט פון שלום עליכמס ווערק, וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט 80 — 90 יאָר צוריק. עס איז נישט קיין צופאַל וואָס זיינע שאַפונגען זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין מער ווי פערציק שפּראַכן, אין לשונות וואָס זענען אַזוי וויט פון יידישן לעבן און שאַפן. ער רעכנט אויס אַזעלכע לשונות ווי כינעזיש, יאַפּאַניש, טאַטיש, פּערסיש, אוזבעקיש, אַרמעניש, מאָלדאַוויש, קירגיזיש, און לעצטנס אַפילו אויך אין אַ שפּראַך, סוואַהיליש, וואָס ווערט גערעדט אין דער שוואַרצער אַפריקע פון אַ גאָר גרויסער באַפעלקערונג.

אברהם ליס שטעלט אַוועק די שאלה: "פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ פּאַראינטערעסירונג ? "עס מוז דאָך עפּעס זיין אין שלום עליכמס ווערק וואָס ציט צו דעם אויפמערק אין אַלע וועלט ווינקעלעך ? עס קומט אים נישט אָן שווער צו געפינען דעם ריכטיקן ענטפער, אַז די ווערק טראָגן אין זיך אַזאַ קינסטלערישן אמת און הומאַניטאַרן מאָטיוו, וואָס פאַרכאַפּט דעם לייענער אין די אויבנדערמאָנטע לשונות. אין חשבון גייען אויך אַריין די נייע איבערזעצונגען אין די אייראָפּעישע לשונות ווי ענגליש, רוסיש, דייטש. דאָס אוניווערסאַלע אין שלום עליכמס שאַפן שניידט זיך דורך אַ וועג דורך די באַריערעס פון די פרעמדע לשונות. דאָס אַלוועלטישע פון די ווערק רעדט צום האַרצן פון די לייענערס, פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון לייענער פון ווייטע פעלקער, וואָס באַקענען זיך מיטן יידישן מענטש און זיין שטייגערישן קלימאַט, וואָס דרינגט אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דער מחבר פון דעם אַלבאָם האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אויך צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע צוליב וואָס האָט בית שלום עליכם אַרויסגעגעבן דעם אַלבאָם ? אברהם ליס ענטפערט אויף דעם אַז עס פעלט עד היום אַן אַרומנעמענדיקע ביאָגראַפּיע פונעם גרויסן

*) שלום עליכם חייו בתמונות — זיין לעבן אין בילד,
*)דביר, בית שלום עליכם.

---

אין סידור פון מאַרגנטוי וועסטו דאַוונען
לאַנג־פאַרגעסענע ניגונים,
געטובלטע אין מיין טאַטנס ברונעם".

*

די לידער, איינגעטיילט אין אַכט אָפּטיילן, פאַרנעמען עפּעס מער ווי אַ העלפט פונעם בוך, וואָס האַלט 160 זייטן. דעם איבעריקן טייל פאַרנעמען אַכט עסייען און אַ פאָלקס־מעשה א.נ. "דער גאָלדענער כוס". עס ווילט זיך שיער נישט זאָגן, אַז דאָס גאַנצע בוך איז ווי אַ גאָלדענער כוס פון וועלכן עס ווילט זיך וואָס מער טרינקען און לאָזן זיך טראָגן צוזאַמען מיטן דיכטער דורכן ווינט פון זכרון...

קינסטלער. אוודאי קען אַן אַלבאָם נישט פאַרטרעטן אַזאַ ביאָגראַפיש ווערק, אָבער עס קען כאָטש עפּעס מתקן זיין דורך בילדער און דאָקומענטן צו ברענגען אויף אַ וויזועלן אופן שלום עליכמס לעבנסגאַנג וואָס האָט באַגלייט זיין שעפעריש לעבן.

מיר האָבן באַמערקט דעם מאַנגל אין אַ ברייט אַרומנעמענדיקע ביאָגראַפיע, מחמת עס פעלן נישט קיין פאָרש־ארבעטן און שטודיעס וועגן זיינע באַזונדערע שאַפונגען. מיר האָבן אַ גאַנץ היפשע צאָל קריטישע סאָלידע אַרבעטן וועגן זיינע ביכער. אָבער זיי זענען נאָר ווי ציגל פון אַ בנין. און דער בנין דאַרף זיין אַן אויסשעפּלעכע ביאָגראַפיע, וואָס איז דורכגעפלאָכטן מיט זיין שאַפן. אברהם ליס גיט זיין ענטפער פאַר וואָס אַזאַ ביאָגראַפיש ווערק איז נאָך ביז היינט נישט געשריבן געוואָרן. ער מיינט אַז סאָלידע פאָרשערס שפירן אַ געוויסע העמונג צו שרייבן אַזאַ פולע ביאָגראַפיע. זיי פילן זיך נישט בכוח צו פאַרמעסטן אַרויסצוברענגען אין דער פולער גרויס די גרויסע קינסטלער געשטאַלט. מיר ווייסן אַז שלום עליכם אַליין האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע ("פונעם יאַריד"). ער האָט אָבער נאָר באַוויזן אָנצושרייבן די ערשטע קאַפּיטלען פון זיין לעבן.

זיין כוונה איז געווען אַליין אָנצושרייבן די פולע ביאָגראַפיע פון זיין לעבן און שאַפן, ווי עס זאָגט אויף דעם עדות זיין יינגסטע טאָכטער, מאַרי וויַיף־גאָלדבערג אין איר בוך "מיין פאָטער שלום עליכם". אין די ערשטע קאַפּיטלען איז ער נאָר דערגאַנגען ביז צו זיין איין — און — צוואַנציקיאָריקן עלטער.

אברהם ליס גיט אויך אַן ענטפער אויף דער פראַגע פאַרוואָס האָט זיך שלום עליכם ערשט גענומען שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע אין יאָר 1915 און נישט אין די פריערדיקע יאָרן. ער גלויבט אַז שלום עליכם האָט עס יאָ פּראָיעקטירט צו טאָן, אָבער די אַרויסגעבערס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס. ער האָט נאָך אויך געהאַט אַנדערע פאַרפליכטונגען צוליב וועלכע ער האָט פאַרלוירן דעם חשק איינצושפּאַנען זיך אין אַ פאַרנעמיקן פּראָיעקט וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ סך יאָרן אַרבעט און אַרויסגעגעבענע בענד.

ווי עס דערציילט אברהם ליס, געפינט זיך איצט אין "בית שלום עליכם" אַ רייכער עפּיסטאָלאַרער מאַטעריאַל פון וועלכן עס קענטיקט זיך, אַז דעם גרויסן קינסטלער איז נאָענט געווען דער אינטערעס פאַר דאָקומענטאַציע. "ער האָט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט דעם ביאָגראַפישן באַטייט ווי אַ פּריזמע צו דער דערקענטעניש פון שרייבער־געשטאַלט און צו מאָל אויך צו זיין שאַפונג". אברהם ליס ציטירט פון דעם אַריינפיר צום בוך "פונעם יאַריד", ווו שלום עליכם מאָטיווירט פאַר וואָס ער וויל אַליין שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע: "קיינער ווייס נישט וועמענס מאָרגן עס איז. דו וועסט מאַכן אַ שטאַרב וועלן קומען מענטשן, וואָס מיינען אַז זיי קענען דיך, און ווייסן דיך, און וועלן אויסטראַכטן זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. צו וואָס טויג עס דיר? אַמער נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען, און דערצייל ווער דו ביסט...".

ווי עס שרייבט זיין יינגסטע טאָכטער האָבן זיך זיינע פאַרדאַכטן באַשטעטיקט: "מען דערציילט און מען שרייבט כל מיני נישט געשטויגענע מעשיות וואָס זענען אַפילו נישט קרוב צום אמת, און זאַכן וואָס זענען נישט ריכטיק און זיי ברענגען נישט אַרויס דאָס געשטאַלט פון מיין פאָטער, נישט זיין כאַראַקטער, נישט זיין וועלטבאַנעם און נישט זיין באַציונג צו מענטשן...". אַברהם ליס דערמאָנט אָבער יאָ צום גוטן אַ צאָל וויכטיקע אַרבעטן, תוכיקע, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם קינסטלערס לעבן און שאַפן. ער דערמאנט די קאַפּיטלעך זכרונות פון די וואָס זענען געווען גאָר נאָענט צו אים, ווי עס איז

פון זיין ברודער וואָלף ראַבינאָוויטש, פון אָשרביילין און איבער אַלע — דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון י.ד. בערקאָוויטש.

ער איז געווען מיט שלום עליכמען נישט נאָר משפּחהדיק נאָענט נאָר אויך שאַפעריש נאָענט. ער איז געווען מיטן גרויסן קינסטלער צוזאַמען דורך צוועלף יאָר אין איין סביבה. אין זיינע פינף בענד זכרונות־דערציילונגען איז פאַרשפּיגלט די שטורמישע צייט וואָס זיי האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט, געוואַנדערט דורך רוסלאַנד, שווייץ, איטאַליע, דייטשלאַנד, סקאַנדינאַוויע ביז דער לעצטער סטאַנציע פון ניו — יאָרק. באַגעגנט האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל אין ווילנע (1905). עס איז געווען אַ שטורמיש יאָר פון רעוואָלוציע און אויך אַן אויפלעב פון דער יידישער קולטור. אויפן פאָן פון דער תקופה שילדערט בערקאָוויטש די ליטעראַרש־געזעלשאַפטלעכע געשעענישן, ווי אַזוי זיי האָבן באַווירקט שלום עליכמען.

בערקאָוויטש, וואָס האָט איבערגעזעצט שלום עליכמען אין העברעיש, ברענגט אַרויס די אייגנאַרטיקע, וווּנדערלעכע געשטאַלט פון דעם גרויסן קינסטלער אין זיינע באַציונגען מיט פאָלקס — מענטשן, ווי אויך מיט שרייבערס, פאַרלעגערס, קינסטלער און טעאַטער־מענטשן. זיכער האָט ער געהאַט זיינע שוועריקייטן, פּיינען, אָבער אויך פרייד און דערגרייכונגען, וועלכע ער האָט פאַרוואַנדלט אין טעג פון דערהויבונג און דערמונטערונג פאַר זיין אייגן געמיט און פאַר זיין משפּחה, וועלכע ער האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט באַטיטלט „מיין רעפּובליק“.

אברהם ליס דערמאָנט די ווערטפולע קאַפּיטלעך וואָס עס האָבן געשריבן עטלעכע מיטגלידער פון אָט דער „רעפּובליק“. זיי האָבן אונדז באַקענט מיט זיין טאָגטעגלעכן לעבן און זיין אינטענסיווע שאַפערישקייט אַפילו אויף זיין קראַנקנבעט: „שלום עליכם האָט געשריבן ביי אַלע אומשטענדן, אונטער אַלע באַדינגונגען, אַפילו ווען ער איז געווען מסוכנדיק קראַנק. ער האָט געשריבן זיצנדיק, שטייענדיק, ליגנדיק, שפּאַצירנדיק, פאָרנדיק אין באַן. און ווען ער איז געשלאָפן האָט ער אויך געשאַפן, מחמת אָט פלעגט ער ראַפּטעם זיך געבן אַ כאַפּ אויף אין מיטן דער נאַכט און זיך אַוועקזעצן ביים טיש, אָדער זיך אַוועקשטעלן ביים שטענדער און שרייבן“.

בכלל איז „שלום עליכמס לעבן און שאַפן אין בילד“ מער ווי סתם אַן אַלבאָם. עס איז אַ מאָנומענט פון וועלכן עס גייט אויף פון די בלעטער די איינציקאַרטיקע געשטאַלט פון דעם גרויסן קינסטלער, וועלכער איז נישט געגאַנגען צו דער וועלט, נאָר די וועלט איז געקומען צו אים...

דער מחבר, אַברהם ליס האָט דעם אַלבאָם איינגעטיילט אין פאַרשידענע חלקים. אין אָנהייב זעען מיר זיינע ערשטע פאָרמירנדיקע יאָרן נאָכן פאַרענדיקן די רוסישע שול אין זיין געבוירנשטאָט פּערעיאַסלאַוו. די שולצייגעניש ווייזט אַז ער האָט פאַרענדיקט די שול אין יאָר 1876. מיר האָבן אַ בילד פונעם הויז וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, אויך דאָס הויז פון די שפּעטערדיקע יאָרן אין קיעוו וווּ ער מיט זיין פאַמיליע האָבן געוווינט (1897 — 1904). אויך אַ בילד פון אַ הויז אין ביעלאַיאַ צערקאָוו, וווּ ער האָט געוווינט מיט דער פאַמיליע (1882 — 1885) ס'איז דאָ אַ בילד, ווען ער איז געווען הויזלערער ביים רייכן גוטבאַזיצער לויעוו אין סאָפּיעווקע, קיעווער גובערניע. אָלגאַ, די טאָכטער פון דעם גוטבאַזיצער איז געוואָרן זיין צוקונפטיקע פרוי. מיר האָבן אַ בילד פון קינסטלער צוזאַמען מיט זיין פאָטער נחום ראַבינאָוויץ, אַ בילד זיינס פון קוראָרטשטאָט קאַרלסבאַד (זומער 1887). משפּחה־בילדער, די עלטערן מיט זייערע ערשטע קינדערלעך, בילדער ווי ס'וואַקסט אויס די פאַמיליע און פאַרגרעסערט זיך. משפּחה־בילדער פון רוסלאַנד און אויסלאַנד צוזאַמען מיט אייניקלעך. בעת שלום עליכם איז אין קרייז פון זיין משפּחה

(באַדענווײַלער, אַלבעק). אין יולי און בעתן אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג געפינט ער זיך מיט דער משפחה אין דײַטשלאַנד. צוליב זײַן רוסישער בירגערשאַפט האָט מען אים געוואָלט אַרעסטירן. נאָך א ריי באַמיונגען און אומוואַנדלונגען איז זיי געלונגען אָנצוקומען קיין קאָפּענהאַגען און פון דאָרטן איז די משפחה אַנגעקומען קיין אַמעריקע. דער צווייטער אָפּטייל נעמט אַרום זײַנע שאַפונגען: דערציילונגען, ראָמאַנען, סאַטירעס.

שלום עליכם האָט געמאַכט אַ רייזע־באַזוך אין די שטעט פון גאַליציע, בוקאָווינע און רומעניע; אויך אין ווין, פּאַריז, זשענעװו, לאָנדאָן און בעלגיע. דאָס איז געווען אין יאָר 1906. נאָך דעם באַזוך איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. אָנגעקומען קיין ניו — יאָרק (אָקטאָבער 1906), איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אַ פײַערלעכן קבלת — פּנים. אַפּנים ער האָט זיך נישט געקענט אַקלימאַטיזירן אין די נייע באַדינגונגען און מיט דער משפּחה זיך אומגעקערט קיין זשענעװו. אברהם ליס דערמאָנט זײַן ליד "שלאָף מײַן קינד" אַרויסגעגעבן באַזונדער אין אַ העפט. אָט דאָס ליד איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין העברעיש אין "קול המבשר" 1892, אין דער איבערזעצונג פון י.ד. בערקאָוויטש. דער מחבר דערמאָנט אויך אַז צווישן די פיל פאַרשידענע שפּראַכן אין וועלכע עס איז איבערגעזעצט געוואָרן שלום עליכמס ווערק, איז איין דערציילונג "דער זייגער" דערשינען אין אַראַביש אין 1970.

אין אַלבאָם זענען פאַראַן צייכענונגען פון מענדל גאָרשמאַן צו דער סעריע דערציילונגען "אָרעמע און פריילעכע". פאַראַן אין אַלבאָם רעפּראָדוקציעס פון קאַרטלעך צו ביאַליקן, מענדעלען און בן — עמי, בעת אַלע דריי האָבן געוויילט אין שווייץ (1907). אַ פאָטאָבילד באַקאַנט אונטערן נאָמען "פיר זענען מיר געזעסן". דער פערטער צו די דריי אויבנדערמאָנטע איז געווען שלום עליכם; אַ פאָטאָבילד פון שלום עליכם און זײַן פרוי אין דער געזעלשאַפט פון שרייבערס און זשורנאַליסטן אין לאָדזש, און אַן אינטערנסיווער בריוו־אויסטויש במשך פון יאָרן צווישן שלום עליכם און זײַן איידעם דעם שרײַבער און איבערזעצער פון זײַנע ווערק אין העברעיש. ווי שוין דערמאָנט האָבן זיי זיך באַקענט אין 1905, און פון זעלבן יאָר איז אַ בריוו צו בערקאָוויטשן מיט דער עפּיטאַפיע אויסצוקריצן אויף זײַן מצבה.

פאָטאָסטאַטן פון בריוו פון רוסישע באַרימטע שרייבערס צו שלום עליכמען נאָכן קישינעווער פּאָגראָם אין שייכות מיט אַרויסגעבן די צײַטשריפט "הילף" (1903). פאָטאָבילדער פון לעוו טאָלסטאָי, אַנטאָן טשעכאָוו, מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט אגב געבעטן אַז שלום עליכם זאָל אָנטייל נעמען אין אַן אויסגאַבע אין רוסיש וועגן שרייבער וואָס שאַפן אין יידיש. נישט שייך דאָ צו דערמאָנען אַלע פאָטאָבילדער פון די שרייבערס מיט וועלכע שלום עליכם איז געווען אין קאָנטאַקט. אָבער אַברהם ליס האָט געלייגט גרויס אַכט אויף אַלע פּרטים זיי זאָלן נישט פעלן אין אַלבאָם. אַ בריוו פון ישראל זאַנגוויל אַז ער האט געלייענט מיט גרויס אינטערעס דעם ראָמאַן "סטעמפּעניו" אין אַן ענגלישער איבערזעצונג. עס פעלט אפילו נישט אין אַלבאָם די ווערסיע אַז מאַרק טווען זאָל באַשר זיך האָבן געטראָפן מיט שלום עליכמען אין וואַלדאָרף אַסטאָריע, ניו — יאָרק (1906).

אַ באַזונדער אָפּטייל האָט דער מחבר פון אַלבאָם אויך אָפּגעגעבן די אויפפירונגען פון שלום עליכמס פּיעסעס און פאָרשטעלונגען. דער צעטל איז אַ גאַנץ גרויסער און נעמט אַרום אַ חוץ ישראל אויך אַלע תפוצות. דער מחבר גיט אָן אויך די לשונות אין וועלכע די פאָרשטעלונגען זענען פאָרגעקומען, מיט גענויע דאַטעס און ערטער. אַן אָפּטייל וועגן

שלום עליכמס חיבת פּאָלק און חיבת ציון, באַגלייט מיט פאָטאָבילדער. אויך פּאָרטרעטן פון זיינע מיטצייטלערס און באַזוכן פון פאַרשידענע ערטער, לענדער און שטעט. ״די לעצטע יאָרן״ איז דער אָפּטייל וואָס שליסט דעם עסטעטיש פרעכטיקן פאָטאָאַלבאָם.

## הערמאַן וואָוקס ״קריג און דערמאָנונג״

דאָס איז אַ גאָר גרויס ווערק פון דעם שרייבער הערמאַן וואָוק. ״קריג און דערמאָנונג״ הייבט זיך אָן מיט דעם וואָס דער מחבר באַצייכנט מיטן טערמין ״פּראָלאָג״ די ווינטן פון מלחמה. דאָס איז געווען אַ בוך וואָס איז דערשינען אין 1971 און די אַקציע איז אויסגעטראָגן געוואָרן אויף די פּלייצעס פון אַן אָפיציר אין פלאָט, וויקטאָר (״פּוג״) הענרי. זיינע דערפאַרונגען פאַר פערל האַרבאָר האָבן אים געפירט דורך היטלער־דייטשלאַנד, סטאַלינס רוסלאַנד און טשוירטשילס בריטאַניע, איידער אַמעריקע איז אַריין אין קריג.

פאַר אַ גלאָבאַלער מלחמה איז נויטיק אַ גלאָבאַלע פאַמיליע. פּוג הענריס קרייז פון משפחה, פריינד, געליבטע שפּרייט זיך אויס אין דעם ווערק צו דעקן די נויטן. פּוגס נאָענטסטע פאַמיליע איז דער פלאָט און דער שווער — געוויכט איז ביי די שלאַכטן פון מידוועי. ער פירט אָן מיט דער שיף ״נאַרטהאַמפּטאָן״. זיין זון איז אַ פליער וואָס העלפט אַ פאַרוואונדעטן יאַפּאַנעזער בעת דעם אַמעריקאַנער נצחון אויפן ים. דער זון, בייראָן, איז אין אונטערוואַסער שיפן, די טאָכטער, מעדעלין, אונטערהאַלט די זעלנער.

פּוגס ראָמאַן מיט פּאַמעלא טודסבורי, אַ טאָכטער פון אַ בריטישן ראַדיאָ־קאָרעספּאָנדענט, הייבט זיך אָן אין מאָסקווע. עס איז געשילדערט אין בוך ״ווינטן פון מלחמה״. די אַקציע טוט אַוואַנסירן אויף אַנדערע פראָנטן. די מפּלה אין סינגאַפּור און יאַפּאַנס נצחון; די דערפאָלגרייכע מיליטערישע קאַמפּאַניע פון די אַליאירטע אין אַפריקע און דער חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום. וואָוק פירט אַרויס די יידישע פּרוי פון פּוגס זון, וואָס געפינט זיך אין אַ פיינלעכן מצב מיט איר קינד און איר פעטער, אהרן, אַ באַרימטער אַמעריקאַנער יידישער שרייבער. נאַטאַליע יאַסטראָף איז געווען אין איטאַליע בעת אַמעריקע איז אַריין אין קריג. די נסיעה פון די דריי צו ראַטעווען זיך איז דראַמאַטיזירט צוגלייך מיט דער אַגאָניע פונעם פּוילישן ייד, דעם קוזין בערל, אין די קאָנצענטראַציע — לאַגערן. אָט די שילדערונגען זענען פאַרן מחבר, וואָוק, די מאָס פון די נאַצישע יידנפאַרפאָלגונגען. דורך די טאָגביכער פון אהרן יאַסטראָוו, פּרוווט דער מחבר אַרויסברענגען דעם אימאַזש פון ״אַנדערן דייטשלאַנד״, דאָס לאַנד פון די גרויסע פּאָעטן, מוזיקער און פילאָזאָפן, אָבער זיין האַרץ איז נישטא דערביי...

דער מחבר נעמט גאָר ערנסט די דערמאָנונג פון זיין בוך טיטל און זיין באַצייכענען עס ווי אַ ״היסטאָרישער ראָמאַן״. די אימאַזשן פון גרויזאַמקייט זענען שטאַרקע, אָבער זיין שייכות צו געשיכטע ענדיקט זיך נישט מיט דעם: ס׳איז גאַנץ בולט אַז דער מחבר וויל זיין ווערק זאָל זיין כמו דערציונג, ווי אויך אַ דראַמע. די היסטאָרישע פיגורן פון רוזוועלט ביז אַדמיראַל ״בול״ האַלסלעי, ביז גענעראַל אייזנהאַוערס גוטן פריינד, קעי סאַמערסבי, זענען געצייכנט מיט לעבעדיקער פּרעציזקייט. בכדי אַרויסצוברענגען די ברייטע סטראַטעגיעס פון קריג, באַנוצט דער מחבר אַ נישט געוויינטלעכן מיטל — אַ דערפינדערישע געשיכטע מיטן נאָמען ״וועלט האָלאָקאָסט״, געשריבן פון שונאס שטאַנדפּונקט, דורך אַ דייטשן גענעראַל און איבערגעזעצט נאָכן קריג דורך פּוג הענרי גופא.

וואס שייך די פּיקציאָנעלע כאַראַקטערן און זייערע פּריוואַטע אַוואַנטורעס, קומען זיי פּאָר אַנטקעגן אויסשליסלעכע היסטאָרישע פּאַסירונגען. דער מחבר האָט אויך אין בוך דעם קאָמפּליצירטן גערעאַנגל צו בויען די אַטאָמישע באָמבע. ער נעמט אַריין די קאָנווערסאַציע וועגן אַ פּיאָנער פון נוקלעאַרער פיזיק, וואָס דער מחבר ברענגט אַרויס מייסטערהאַפט קלאָר, געשריבן דורך אַ נישט־ספּעציאַליסט אין די ענינים.

אגב האָבן קריטיקערס באַמערקט אַז וואָוק האָט די שרעקלעכע מפּלה ביי דער שלאַכט אין טאַסאַפּאַראָנגאַ מער לעבעדיק באַשריבן ווי דער אָפּיציעלער היסטאָריקער פון פלאָט, סעמיועל עליאָט מאָריסאָן. דער שרייבער וואָוק געפינט זיך ווי א פיש אין וואַסער ביים שילדערן די ים — שלאַכטן דורך אונטערוואַסער שיפן אָדער דורך שיפן אויפן אויבערפלאַך. עס קענטיקט זיך אין די באַשרייבונגען די געניטקייט און שאַרפקייט פון דעם מחברס אָבסערוואַציע. ער קען גוט דעם פּרייז, וואָס מען באַצאָלט פאַר העלדישקייט.

ערטערווייז אין בוך קענטיקט זיך אויך דעם מחברס פּרעדיקונג, אויסווירקונג דורך זיין העלד פּוג. וואָוק שרייבט אַז דער גורל פון דער וועלט ליגט אויסשליסלעך אין דער זייער פּשוטער האָפענונג, אַז ס׳רוב מענטשן, אַפילו די סאַמע פאַנאַטישסטע האַרטנעקיקע מאַרקסיסטן און ווילדע נאַציאָנאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, האָבן ליב זייערע קינדער און ווילן זיי נישט זען פאַרברענט. די אַלע וואָס האָבן געלעבט בעת דער צווייטער וועלט מלחמה וועלן זיכער קענען אָפּשאַצן די נאָכקלאַנגען פון אָט דעם נישט געוויינטלעכן ווערק. אָבער נאָך וויכטיקער איז דאָס בוך פאַר די וועלכע דער מחבר האָט זיכער געמיינט — וואָס זענען נאָך בעת דעם צווייטן וועלט קריג נישט געווען געבוירן.

## „דער פאַל מיט אַלפרעד דרייפוס״ פון זשאַן דעניס ברעדין

דאָס איז אַ וויסנשאַפטלעך בוך וועגן דער דרייפוס־אַפערע. ביים לייענען ווערן מיר אַריינגעצויגן אין דער פאַרסאַמטער אַטמאָספער, וואָס מען האט געשאַפן קעגן דרייפוסן מיט 95 יאָר צוריק (1894). דרייפוס איז געווען אַן אָפיציר אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און פון יידישן אָפּשטאַם. דאָס לעצטע האָט אויפגעעפנט אַלע פאַרגיפטעטע שליוזן פון דעם אַנטיסעמיטיש פראַנצויזישן טייל פון פראַנקרייך.

דער מחבר ווערט נישט מיד צו דערמאָנען, אַז דאָס וואָס איז געשען אין פראַנקרייך אין 1894 איז געווען אַ המשך פון די אַלע גרויסע געשעענישן וועלכע האָבן גענערט און געפלאָסן אַרויס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789. אָט די לאָזונגען פון יענער צייט זענען נישט לחלוטין ווייט פון אונדז.

עס איז געווען עמיל זאָלאַ וואָס האָט געזאָגט: „מיר האָבן געזען די רינשטאָק־פּרעסע אין איר היץ, מאַכנדיק איר געלט פון דער פאַטאַלאָגישער קוריאָזיטעט, פאַרקריפּלענדיק די מאַסן בכדי צו פאַרקריפן אירע פאַרשוואַרצטע צייטונגען... מיר האָבן אויך געזען העכער די וואָג ווו די פּאָפּולערע צייטונגען ווערן פאַרקויפט פאַר אַ שיבוש, אַדרעסירט צו דער מערהייט, פעלשנדיק די מיינונגען פון המון; מיר האָבן געזען ווי זיי אינספּירירן די ווילדסטע ליידנשאַפטן ביים פירן אַ סעקטאַנטישע קאַמפּאַניע. לסוף האָבן מיר אויך געזען ווי די א״ג ערנסטע פּרעסע, די ערלעכע, זעט דאָס אַלץ צו מיט פלעגמאַטישקייט, רעקאָרדירנדיק אַלץ, צי ס׳איז וואָר אָדער פאַלש...״.

דאָס בוך באַשטעטיקט אַן אומעטיקן פאַקט פון דער מענטשלעכער נאַטור. דער גענעראַל־שטאַב, דער שפּיאָנאַזש, די צייטונגס־רעדאַקטאָרן, די קירכעפירער — אלע

צוזאמען האָבן קאָמבינירט צו שאַפן אַן אָנזאַמל פון קליינלעכקייט וואָס האָט פאַרפלייצט דאָס גאַנצע פאלק... וואָס איז דאָ ניי?... דרייפוס איז געווען אַ ייד. פאַר געוויסע איז דאָס געווען דער אָנהייב און סוף פון דער געשיכטע. עס האָט אַלץ געמאַכט פשוט. די לאָזונגען? "הרגע דעם פאַררעטער", "הענג אויף דעם ייד" זענען געווען אַ פשוטער דירעקטיוו, וואָס באַפרייט פון אַ קריטישן געדאַנק, און די איינציקע טרייסט איז געווען, אַז ס'איז נישט געווען קיין פראַנצויז, וואָס איז באַגאַנגען דעם פאַרברעך. אַזוי האָט געשריבן אַן ערנסטע צייטונג, וואָס האט דרייפוסן נישט אָפּגעלאָזן אויף קיין מינוט... אמת, אז דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג האָט נישט געקענט אַקצעפּטירן די דינאַמיקס פון דער נאָך — רעוואָלוציאנערער געזעלשאַפט. די פירנדיקע אַקטיאָרן פון דער דרייפוס־דראַמע זענען צופיל כדי זיי דאָ אויסצורעכנען. אָן דרייפוסן (דער קרבן — פאררעטער — ייד) וואָלט נישט געווען קיין געשעעניש. אַן אנדערער וואָלט געווען סתם אַ נאָמען אָן שום באַטייט. מאַיאָר עסטערהאַזי, דער הויפּט שולדיקער וואָס האָט באשווינדלט זיינע קרובים, און געטווישט זיין נאָמען ווי נאָזטיכעלעך... דער דרייפוס לאגער האָט זיך מיט דער צייט פארגרעסערט און בעיקר איז געווען דעצידירנדיק עמיל זאָלאַס "זשאַ'קיז", וואָס איז פארבליבן איינע פון די גרעסטע דערקלערונגען פון יעדוועדער ציוויליזאציע.

אַנאַטאָל פראַנס האָט אין זיין טרויער־אָראַטאָריע אויף זאָלאַס לוויה צווישן אַנדערן געזאָגט: לאָמיר אים מקנא זיין: ער האט באַערט זיין לאַנד און די וועלט מיט אַן אומגעהויערער קערפּערשאַפט פון אַרבעט און גרויסע מעשים. לאָמיר אים מקנא זיין: זיין גורלס. און זיין קוראַזש האָבן קאָמבינירט צו באַשענקען אים מיט דעם גרעסטן פון די גורל. ער איז געווען אַ מאָמענט פון געוויסן פאַר דער מענטשהייט".

איך וויל דאָ באַמערקן וועגן דעם מחבר פון דעם ריזיקן ווערק. ער איז אַן אַדוואָקאַט און אַ פילאָזאָף. צו די אַלע זיינע טאַלאַנטן האָט ער צוגעגעבן אַ דראַמאַטישן נאַראַטיוו און אַ באַצווינגענדיקע כאַראַקטעריזאַציע, אַ באַגאַבונג פאַר באַלאַנסירן און ערלעכקייט, פאר ספק און פאַר אַ פּאָליטישן אַריינבליק, וואָס פאַרבינדט די פאַרגאַנגענהייט מיט דער איצטיקייט, און עס איז דאָס לעצטע וואָס מאַכט זיין בוך אַזוי היינטצייטיק. עס האָט דאך גענומען 12 יאָר אַז דרייפוסעס אומשולד זאָל אַרויסקומען אויפן אויבערפלאך. איבער 4 יאָר איז ער דאָך געזעסן אויפן שוידערלעכן "טייוולס אינדזל", אָבער וועגן דעם דאַרף מען אויפוויקלען די גאַנצע מגילה דרייפוס מיט איר פאַרנעם און די צעטיילונג פון פראַנקרייך אויף צוויי חלקים: פּראָ און קאָנטראַ דרייפוס.

ווי באַוווסט איז דרייפוס באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאנאַזש לטובת דייטשלאַנד. דער פּראָצעס זיינער איז פאָרגעקומען סוף 1894 און די מיליטערישע ריכטער פון דעם שטאַנדגעריכט האָבן אים פאַרמשפּט צו ווערן עפנטלעך דעגראַדירט פון זיין הויכן מיליטערישן ראַנג, זיינע אַלע אויסצייכענונגען מיט די אַלע עמבלעמען זאָלן בפני כל עם ועדה ווערן אַראָפּגעריסן און נאך דעם זאָל ער אויף אַ גאַנץ לעבן ווערן פאַרשיקט אויף דעם שוידערלעכסטן קאַטאָרגע אינדזל, ווו ער האָט געדאַרפט בהדרגהדיק אומקומען. דער מאָראַלישער מאָרד איבער אים איז פאָרגעקומען מיט גרויס פּאַראַד אין פראנקרייך, און דער פיזישער — אויפן "טייוולס אינדזל". זיין היסטאָרישע דראַמע האָט אָבער אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג, וואָס איז נישט געוואָרן פאָרויסגעזען דורך די איניציאַלע רעזשיסאָרן פון דער גרויסער אַפערע. די באַשולדיקונג קעגן אים האָט זיך געשטיצט אויף די געפעלשטע דאָקומענטן, וועלכע אַן אַנאָנימער שרייבער איז גרייט געווען צו פארקויפן דייטשלאנד פאַר אַ באַדייטנדיקער סומע. די דאָקומענטן זענען געווען וועגן

פראַנצויזיש געווער און מאָביליזאַציע־פּלענער. צו אַזעלכע דאָקומענטן האָבן געקענט האָבן אַ צוטריט אָפיצירן פון אַ הויכן ראַנג. דער חשד איז געפאַלן אויף אַ פיר פינף נעמען און צווישן זיי — אַלפרעד דרייפוס. דער האַנטשריפט האָט אויסגעזען צו זיין אידענטיש צו זיינעם און צו דעם איז ער דאָך אַ ייד.

איז דאָ אויפן אָרט צו געבן אַ שטיקל דיגרעסיע וועגן ווּוקס פון אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך אין די 1880־ער יאָרן. די אַנטיסעמיטישע כוואַליע האַט זיך דאַן פאַרשפרייט איבער גאַנץ אייראָפּע. אין 1882 איז שוין געווען דער ערשטער אַנטיסעמיטישער צוזאַמענפאָר — א פרווו צו פאַראייניקן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען פון אַלע לענדער, און דאָס נאָך איידער עס איז אַריין אין קורס דער טערמין אַנטיסעמיטיזם. (אַ געוויסער מאַר האָט אין דייטשלאַנד אַרויסגעגעבן אַ גאַסנבלעטל אונטערן קעפל "אַנטיסעמיטישע העפטן"). ווידער אין פראַנקרייך איז געהאַט דערשינען אַ גאַסנבלעטל פון אַ געוויסן עדואַרד דרימאַן אונטערן קעפל "דאָס יידישע פראַנקרייך", וועגן דער "הערשאַפט" פון יידישן קאַפיטאַל אין פראַנקרייך, פול מיט פעלשונגען און ווילדע סענסאַציעס און אינסינואַציעס. אָט די אַנטיסעמיטישע בלעטלעך האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער היסטאָרישער גרויסער דרייפוס — אַפערע. אַפילו אין אונדזער צייט האָט די געבעלס נאַציסטישע פראָפּאַגאַנדע זיך באַנוצט מיט דעם מאַטעריאַל פון דרימאַנס "ליטעראַטור" וועגן "יידישן סינדיקאַט", וואָס "קאָנטראָלירט" סיי פראַנקרייך און סיי אייראָפּע. דאָס אַלץ האָט געהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער דרייפוס אַפערע. אַ קליייניקייט: אַ ייד פון אַ הויכן מיליטערישן ראַנג אַ דייטשער שפּיאָן.

אין 1895 איז מאַיאָר פּיקאַר צוגעטראָטן איבערצוקוקן דעם ענין דרייפוס. ער האָט פשוט געזוכט אַ געהעריקע מאָטיוואַציע פאַר אַזאַ פאַרברעכן. און דאָ איז געשען אַ פאַל ווען ער האָט באַקומען אַ מוסטערבריוו פון מאַיאָר עסטערהאַזי. ער איז געווען אַ פיעכאָטע־אָפיציר, תמיד פאָרבאָדן אין חובות. עס איז געווען אַ פאַטאַלער צופאַל וואָס זיין האַנטשריפט איז געווען ענלעך צו דרייפוסעס. די אָפיצירן וואָס זענען נישט געווען צופרידן פון פיקאַרס פאָרשונגען האָבן געפועלט מען זאָל אים איבערשיקן קיין טוניסיע. מאַטיע דרייפוס, א ברודער פון אַלפרעדן האָט נישט גערוט. ער האָט אָפגעדרוקט אין "פיגאַראָ" אַ פאַקסימיליע פון עסטערהאַזיס אַן אַלטן בריוו.

קלעמאַנסאָ האָט אין שייכות מיט דעם אָנגעהויבן דרוקן אַ סעריע אַרטיקלעך אין וועלכע ער האָט געפאָדערט אַ רעוויזיע פונעם דרייפוס־פראָצעס. מען האָט צוליב דעם אַרויסגערופן פיקאַרן פון טוניסיע, אָבער נאָר ווי אַ פאַרדעכטיקער צו זיין אין קאָנטאַקט מיט די א״ג דרייפוסאַרן (די וואָס האָבן געגלויבט אַז דרייפוס איז אומשולדיק). נאָך דער רעהאַביליטאַציע פון עסטערהאַזין איז מאַיאָר פיקאַר אַרעסטירט געוואָרן און איינגעזעצט אין אַ פעסטונג. דאָ איז געקומען עמיל זאָלאַ מיט זיין באַרימטן מאַניפעסט־אויסגעשריי: זשאַ׳קיז (איך באַשולדיק), און גלייך נאָך דעם, דער ערשטער טייל פון "אַ פעטיציע פון אינטעלעקטואַלן" וואָס האָבן געפאָדערט אַ רעוויזיע פון דרייפוס־פראָצעס.

מאַרסעל פרוסט איז נאָך דאַן געווען אַן אָנפאַנגער שרייבער. ער איז געגאַנגען צו אַנאַטאָל פראַנסן ער זאָל אויך אונטערשרייבן די פעטיציע. ער האָט פראַנסן געטראָפן אין סאַלאָן פון מאַדאַם אַרמאַן, ווו ער איז געווען אַ בן — בית. זי האָט אַ געשריי געטאָן צו פראַנסן ער זאָל זיין נאָמען נישט געבן. ער האָט יאָ אונטערגעשריבן און דערביי אַ פרעג געטאָן דעם יונגן פרוסט: ווילסטו, הייסט עס, אונדז אַלעמען אַריינפאַקן אין תפיסה? דער שוין פריער דערמאָנטער דרימאַן האָט געשטורעמט אין זיין גאַסן — בלעטל קעגן "יידישן סינדיקאַט", פאַרבונדן מיט אים דעם ייד יוסף רענאַש מיט זיינע איינפלוסן אין

די הויכע פענצטער, באַשולדיקט דאָס מיניסטעריום פאַר האָבן אַזאַ צוטרוי צו יידן און באַשטימען זיי אויף געהיימע און הויכע פּאָזיציעס. די לופט אין פראַנקרייך איז געווען פאַרפעסטעט פון די דרומאַנס אַנטיסעמיטישע באַצילן. די סאַלאָנען האָבן געזשומעט מיט אַנטיסעמיטיזם. געווען אויך אויסנאַמען, וואָס זענען געוואָרן די זאַמלפונקטן פון די דרייפוסאַרן. די גאנצע פראַנצויזישע געזעלשאַפט האָט זיך געטיילט אויף צוויי לאגערן. עס איז געוואָרן דער שלאַכטפעלד צווישן דער אַרמיי און ציווילע, סעמיטן און אנטיסעמיטן. די סאָציאַליסטן קעגן די קאָנסערוואַטיוון א.א.וו.

עמיל זאָלאַס מאַניפעסט־באַשולדיקונג האָט געצילט אַז די רעגירונג זאָל אים באַשולדיקן, פאַרפירן אַ פּראָצעס וואָס וועט דערמעגלעכן זאָלאַס אַדוואָקאַטן אַרויסצוברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט דעם גרויסן שווינדל וואָס ווערט דאָ באַגאַנגען מיט די אַלע פעלשונגען, וואָס די אַנטי דרייפוסאַרן האָבן צוגעגרייט פאַרן געריכט. אָבער בעת זאָלאַס פּראָצעס האָבן די ריכטערס (מסתמא לויט אָנמערקונגען פון די "הויכע פענצטער") זיך באַמיט מ׳זאָל נישט דערמאָנען די דרייפוס־אַפערע. דאָך האָבן געמוזט אַרויסשווימען אַ ריי פאַקטן בנוגע דעם צוגאַנג פון דער דרייפוס־פאָרשונג, און אַז זייער וויכטיקע פאַקטן לטובת אים זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן פון דער פאַרטיידיקונג. עס איז אויך אויפגעדעקט געוואָרן אַ נייער געפעלשטער בריוו פון דעם איטאַליענישן מיליטערישן אַטאַשע ווו ער שרייבט און באַטאָנט בפירוש אז "מיר האָבן גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט דעם ייד" (די פעלשונג איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם מאַיאָר אַנרי, באַוווסט ווי "פּוקסאַנרי").

פּרוסט וואָס איז בייגעווען אויף זאָלאַס פּראָצעס, האָט אים שטאַרק באַוווּנדערט. ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר דער געמיינער רכילות מצד אַרמיי־אָנפירעשאַפט און געזאָגט: "איך האָב געוווּנען מער נצחונות מיט מיין שרייבן ווי די גענעראַלן וואָס טוען מיך באַליידיקן". אינעם צענטער פון פּראָצעס איז געווען פּיקאַר, וואָס האָט פאַרן געריכט דערציילט קליפּ און קלאָר וואָס ער האָט אַנטדעקט בעת זיין אויספאָרשן דעם ענין.פּרוסט שילדערט פּיקאַרן, אָט דעם העראָישן אָפיציר וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַזאַ העלדישן מוט ארויסצוטרעטן אין פאַרטיידיקונג פון דרייפוסן, איינגעשטעלט זיין קאַריערע און לסוף נאָך באַצאָלט מיט טורמע.

דער אויסגאַנג פון זאָלאַס פּראָצעס איז דעצידירט געוואָרן דורך מלכות. דער פראַנצויזישער פעלדמאַרשאַל האָט געדראָאָט צו דעמיסיאָנירן אויב מען וועט אָנהייבן קוועסטיאָנירן די אויטענטישקייט פון (געפעלשטן) דאָקומענט. עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן אמת מיט דער "ערע" פון דער אַרמיי, און די לעצטע האָט דאָך געזיגט... דער פּראָקוראָר האָט אַרויסגעלייענט פון עמיל זאָלאַס "זשאַ׳קיוז" די שורות, ווו ער רעדט וועגן די אָפיצירן וואס האָבן ריינגעוואַשן עסטערהאַזין. פאַר די ווערטער איז זאָלאַ דאָך פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ יאָר טורמע און אַ גרויסער געלט־שטראָף דערצו. ער האָט אויך פאַרשפּילט די אַפּעלאַציע. זיינע פריינד האָבן געמאַכט אויף אים אַ דרוק ער זאָל אַנטלויפן קיין ענגלאַנד, ווו ער איז פאַרבליבן 18 חדשים, ביז אַן אַלגעמיינער אַמנעסטיע אין לאַנד.

וועגן דער צעשפּאָלטנקייט אין לאַנד אַרום דרייפוסן באַווייזט פאָלגנדיקער פאַקט: "פּראָפעסאָר אַדריאַן פּרוסט, דער פאָטער פון מאַרסעל פּרוסט, האָט אויפגעהערט צו רעדן מיט זיינע ביידע זין מחמת זייער איינשטעלן זיך פאַר דרייפוסעס אומשולד. די יידישע מאַמע האָט געמוזט דאַן לאַווירן צווישן דעם מאַן, דעם פאַרביסענעם אַנטי, און

**שיע טענענבוים**

# דאָס שטילע ליד וועגן אונדזער טראַגישער היסטאָריע

פאַריקן יאָר איז אין ניו־יאָרק געשטאָרבן דער באַוווסטער שרייבער שיע טענענבוים, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון אונדזער זשורנאַל. אין אונדזער אַרכיוו איז געבליבן זיין לעצטער בריוו ווי אויך אַ קורצער עסיי וועגן לידער־בוך פון משה שקליאַר "ליד און לעבן". ברענגען מיר ווייטער סיי דעם בריוו און סיי דעם עסיי, דערמאָנענדיק מיט כבוד ש. טענענבוימס ליכטיקן אָנדענק.

*

חשובער און האַרציקער פּאָעט און פריינד משה שקליאַר,

עס איז שוין אַ לענגערע צייט זינט איך האָב דערהאַלטן אייער פּראַכטיקן בוך "ליד און לעבן", אָבער גלייכצייטיק איז מיך באַפאַלן אַ געמיינע און נידערטרעכטיקע קראַנקהייט וואָס שלאָגט דעם מין מענטש מיט אַ מוראדיקער קראַפט; מיט אַ געמיינער רציחה פון אַ שיכורן כוליגאַן אין מיטן נאַכט, און עס צעטומלט אין גאַנצן דעם אָרעמען מענטש וואָס פאַרלירט זיין מוט און גלויבן, זיין קוראַזש און זיין מענטשלעכן פּרצוף. פריינד משה שקליאַר, דאָס זיינען נישט קיין מליצהדיקע איבערטרייבונגען. אפשר זיינען פאַראַן לייכטע פאַלן ווען אַ געטראָפענער פון אַרטרייטיס קומט אָפּ מיט שהי פּהי. מיין גאַנצער גוף איז כמעט ווי פאַראַליזירט... עס איז גאָר נישט מיין גוף און נישט מיינע אברים. ווען איך זעץ זיך אַוועק אויף אַ בענקל, רייסט עס שטיקער פלייש פון מיין אונטערשטן טייל גוף. ווען איך לייג זיך אויפן בעט באַפאַלט מיך אַ משוגענער פּחד אַז איך וועל זיך שוין קיין מאָל מער נישט באַפרייען פון מיין "פאַראַליזש" - פאַרגליווערטקייט און פאַרשטייפטקייט. טייערער קאָלעגע, עס איז מיר ביטער דאָס לעבן. איך האָב רק איין ווונטש: איבערצולעבן די צרות און ווידער קענען שרייבן צו אייך.

האַרציקער קאָלעגע, דורך דער גאַנצער צייט האָב איך באַוווּנדערט אייערע הויך־טאַלאַנטפולע לידער אין "ליד און לעבן", אָבער יעדעס מאָל ווען איך האָב זיך ענדלעך גענומען שרייבן וועגן אייער געבענטשטער שאַפונג, בין איך אַוועקגעפאַלן פון שוואַכקייט. ענדלעך האָב איך מיט אַ סך אָנשטרענגונג עפּעס אָנגעשריבן וועגן אייך. עס איז נישט דאָס וואָס איך האָב בדעה געהאַט שרייבן... אייערע לידער זיינען ערלעכע, באַשיידענע און צאַרטע געזאַנגען ווי גרויסע זיידענע בלומען. איר זענט בפירוש אַ ווונדערלעכער פּאָעט, און איך האָב וועגן אַזאַ עכט און ערלעך בוך פּאָעזיע, ווי אייערס, געדאַרפט אָנשרייבן אַ בעסערע אַרבעט... טייערער, אויב איר באַטראַכט מיין מאמר פאַר

---

די קינדער — די פּראָדרייפוס. עס איז דאָך געווען אַ גאָר גרויסע מחנה פון פּראָגרעסיוון וועלכע האָבן געשטעלט אין קאָן זייערע הויכע פּאָזיציעס, צעריסן זיך מיט פריינד פון דעם קעגנערישן לאַגער ביים איינשטעלן זיך פאַר דרייפוסעס אומשולד, ביז ער איז געוואָרן רעהאַביליטירט און די גערעכטיקייט האָט געזיגט.

רייף און פּאַסיק, מעגט איר עס פֿאַרעפֿנטלעכן.
טייערער קאָלעגע משה שקליאַר, איך גריס אייך און אייער ליבע פֿאַמיליע וואַרעם, האַרציק און ברידערלעך. פֿון אייער –

שיע טענענבוים.

*

אַזאַ שטילער, באַשיידענער און אומעטיקער איז משה שקליאַר געזעסן (מיט צוואַנציק יאָר צוריק) ביי אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון פּענקלוב. עס האָט געהויערט פֿון אים מיט אַזוי פֿיל איינזאַמקייט און טרויער. מיך האָט שטאַרק געצויגן אויסצורעדן מיט אים אייניקע ווערטער. אָבער ער, נישט געקוקט דערויף וואָס נעבן אים איז געזעסן זיין סימפּאַטישע און יונגע פֿרוי, האָט עקשנותדיק געשוויגן. עס איז געווען דאָס שווייגן פֿון איינעם אַ ייד פֿון וואַרשע, אַ דיכטער וואָס איז ערשט געקומען פֿון דעם פּוילישן לאַנד, ווו מאַסן יידן האָבן געלעבט, שווער געהאָרעוועט אויף חיונה; פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן דורך אַנטיסעמיטן; פּאָגראָמירט געוואָרן דורך פּויערים פֿון די דערפֿער וואָס זיינען אויפֿגעהעצט געוואָרן דורך די פֿעטע גלחים, שיקאַנירט געוואָרן דורכן גראָבן און ברוטאַלן המון, און דאָך טויזנט יאָר צוזאַמען געלעבט אויף איין אָרעמער טעריטאָריע, געבויט פּוילישע אינדוסטריע, געמייסטערט דאָס ווערק פֿון אַרבעט פֿאַרן פֿאָלק און ווי ווייט מעגלעך געשאַפֿן גרויסע קולטור־אוצרות פֿאַר די מאַסן און פֿאַר דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע. נישט געקוקט אויף אַלע ביטערע פֿאַרפֿאָלגונגען איז דאָס לעבן פֿון די יידן אין פּוילן אָנגעגאַנגען מיט גרויס שוואונג און געבראַכט נוצן און שטאָלץ צו אַלע קלאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג.

...ערשט ביים סאַמע סוף פֿון דער פֿאַרזאַמלונג האָבן מיר זיך דערנענטערט. מיר האָבן זיך באַגעגנט ביים אַראָפּגיין צו דער סאָבוויי. אָבער אַלץ איז שוין איצט ווי אַ חלום. עס האָט מיך געצויגן, ווי געזאָגט, צו זיין אין זיין געזעלשאַפֿט. מיך האָט שטאַרק געצויגן צו ווערן נאָענטער מיטן דיכטער, אָנצורירן דורך אים און אַ דאַנק אים אַ בלעטל פֿון אַ בוים ערגעץ ווו אין פּוילן. פּשוט צו הערן פֿון זיינע ליפּן אַ יידיש וואָרט פֿון אַ נאָך איבערגעבליבענעם וואַרשעווער ייד. מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער איז נאָך דורכגענעצט מיט די קילע און טונקל נאַכטיקע שפּריצן פֿון אַ ברויזנדיק טייכל, וואָס האָט חשק אַרויסצוטאַנצן פֿון זיינע ענגע גרענעצן און באַרירן "פֿערזענלעך" דאָס פּנים פֿון אַ פּאָעט וואָס וועט שרייבן אין דעם זעלביקן אָוונט אַ ליד וועגן אַ וואַסערמיל אין אַ פּוילישן דאָרף; וועגן בלאָנדזשעניש אין אַ פּוילישן וואַלד ווען די גילדענע רחבות פֿון די אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער ווייִנט אַ צוגעדריקטע צו דער פֿייכטער ערד. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַ בוקעט מיט פּאָעטישע איבערלעבענישן ביים אָנפֿאַנג פֿון אונדזער אַ ביסל פֿרעמדלעכן צוזאַמענקום מיט אַ יידישן פּאָעט פֿון פּוילנלאַנד, ווו צוזאַמען מיט דער שנאה צו יידן מצד דער פּוילישער באַפֿעלקערונג האָבן מיר, די סענסיטיווע יידישע יוגנט, דאָך געשמאַכט נאָך דעם אומעט פֿון דער פּוילישער לאַנדשאַפֿט, און וואָס מער מיר האָבן זיך דערווייטערט פֿון איר אייגנטלעכער נאַטור און פֿייזאַזש, אַלץ פֿיינפּולער איז געוואָרן אונדזער בענקשאַפֿט און נאָסטאַלגיע צום פֿילפֿאַרביקן פּוילישן פֿרילינג, וואָס מיר האָבן דערנאָך, מיט ווינציקע יאָרן שפּעטער געפּרוווט שטילן מיט סלאָוואַצקיס פּאָעזיע, מיט מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַס און עליזאַ אָזשעשקאָוואַס ערלעכער באַציונג צו יידן; מיט די פּראַכטיקע קאַפּיטלעך פּראָזע פֿון באָלעסלאַוו פּרוס' גרויסן ראָמאַן "פּרעה"...

איז האָבן מיר געבענקט ווידער צו באַגעגענען דעם יידישן פּאָעט פון וואַרשע, משה שקליאַר, וועמענס שווייגן האָט אונדז עפּעס ווי געגומען און דערוועקט אין אונדז אַ בענקשאַפט טיפער אָנצורירן זיין געהיימניש, אָדער זיין צויבער וואָס האָט באַשטימט אַרויסגעלויכטן פון זיין באַשיידנקייט און אָנווינק אויף זיינע איבערלעבענישן אין פּוילן.

משה שקליאַר האָט זיך נישט געאיילט צו עפענען דאָ הי זיינע באַשיידענע אוצרות אין דעם גאָרטן וואָס מען רופט פּאָעזיע. זיינע לידער האָבן געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. אַפילו אין זיינע שפּעטער־צו געעפנטע בלעטלעך פון זיין זשורנאַל איז ער געוועזן קאַרגלעך צו עפענען זיין באַשיידענעם אַלבאָם. אָבער דער פּאָעט אין אים איז צושטאַנד געקומען שוין אין די ערשטע פּרוּוון פון זיין ערשטן לידער־בוך, אַרויסגעגעבן אויף דער היגער טעריטאָריע. פון דעמאָלט אָן לייענען מיר מיט אַ שטילן ציטער זיינע לירישע לידער. און אַנדערש קאָנען זיי טאַקע נישט אָנגערופן ווערן ווי ״לירישע לידער״. דאָס איז אפשר דאָס לירישע ליד ממעמקים וואָס איז געקומען שטאַרק און עמאָציאָנעל זיך באַווייזן אין זיין ״ליד און לעבן״, באַזונדערס די לידער וועגן שפּאַניע. דאָס זענען לידער פון אַ פּוילישן ייד וואָס האָט אַזוי ווי פאַרבלאָנדזשעט אין שפּאַניע־לאַנד, ווו יידן האָבן, דאַכט זיך, געלעבט אַ קנאַפּן האַלבן יאָרטויזנט און געשאַפן דאָרט מאַכטיקע קולטור־אוצרות. גאונישע יידישע לומדים האָבן זיך געשלאָגן אַלס גענעראַלן פאַר שפּאַניעס מלחמה־נצחונות און געשטעלט פילאָסאָפישע לייטערס צו די שטערן; יידישע אַסטראָנאָמען האָבן אַריינגעקוקט אין די קאָסמישע ווינטן און וואָלקנס ״ווו עס נעכטיקן די שטערן״־ באָרגנדיק אַ פּראַכטיקע פראַזע פון דעם גרויסן פּאָעט אברהם סוצקעווער, לויט דעם טיטל פון זיינס אַ נישט לאַנג צוריק דערשינען בוך אין דעם פראַנצויזישן לשון.

״ליד און לעבן״ איז פאַרהעלטנישמעסיק אַ קליין בוך, און דאָך שמעקט עס מיט אוניווערטאַלע פּראַכטן. ווייל יעדעס באַדייטנדיק יידיש ווערק מוז סוף כל סוף אָנרירן די שפּיצן פון דער וועלט־קולטור. קומט מען צו גאַסט׳קיין שפּאַניע אַפילו אין דער היינטיקער צייט, ווערט מען איבערראַשט וויפל דענקמעלער און שטיינערנע מאָנומענטן זיינען געבליבן שטיין איבערן שפּאַנישן לאנד, וואָס דערמאָנען יידישע פאַרגאַנגענהייט.

איך פּערזענלעך בין געפאַלן מיט גרויס ענטוזיאַזם פאַר די לידער פון שקליאַרס ראָמאַנטיש געשיכטלעכער אימפּראָוויזאַציע. אָבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט זיין סעריע לידער וועגן אונדזער אַמאָליקן שפּאַניע. די דאָזיקע שטיקלעך גאָלדענע דיכטונג שיינען אַרויס פונעם גאַנצן בוך מיט זייער ראָמאַנטישן גלאַנץ און מאַגיק... אַ יידיש האַרץ ציטערט אויף און לייענט זיי ווידער און ווידער, ווערנדיק פאַרשיכורט פון זייער פּאָעטישער עכטקייט.

נאַטירלעך איז אויך נישט צו פאַרמינערן דעם טייל וועגן אונדזער מוראדיקן חורבן; די לידער וועגן אונדזער ״ירושלים ד׳פּוילן; דער אַ מאָל מעכטיקער יידישער וואַרשע וועמענס אומפאַרגלייכלעך לעבן פון אַ גאַנץ גרויס פאָלק איז געשלאָגן געוואָרן פון אַ מוראדיקער אַרמיי פון הונישע פאַרברעכער. משה שקליאַרס לידער לאָזן אונדז אויך דאָס נישט פאַרגעסן.

ניו־יאָרק, פעברואר 1989

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור=קלוב

דער היגער יידישער קולטור=קלוב, וועלכער איז שוין אַריין אין 64סטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ און איז ברייט באַקאַנט מיט זיינע ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע פּראָגראַמען, האָט, ווי אַלע יאָר, יאָנגעפאַנגען זיין טעטיקייט פאַרן יאָר 90־1989 גלייך נאָך סוכות.

מוצאי־שבת, אָקטאָבער 28, 1989. צו דער דערעפענונג פון סעזאָן, אַ גאַסט פון ישראל, דב נוי, פּראָפעסאָר פון פאָלקלאָר ביים העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, האָט רעפערירט אויף דער טעמע: ווען ווערט אַ וועלט=ווערטל אַ יידיש שפּריכוואָרט?

מוצאי שבת, נאָוועמבער 4 איז אויפגעטראָטן באַשע וואַנאַמייקער אין אַ פּראָגראַם פון איציק מאַנגערס דערציילונגען. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: ריסאַ איגעלפעלד מיט איר אַקאָרדיאָן.

מוצאי שבת, נאָוועמבער 11, מנחם קאַרסאָן האָט גערעדט אויף דער טעמא: דער באַנקראָט פון קאָמוניזם. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: איזאַבעל קעץ, זינגערין, רעגינאַ ראָטמאַן, פּיאַנאָ.

מוצאי שבת נאָוועמבר 18, לילקע מייזנער האָט רעפערירט וועגן דער אַמעריקאַנער־יידישער שרייבערין סינטיאַ אָזיק. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

מוצאי שבת, נאָוועמבער 25, דער שרייבער שמואל ראָזשאַנסקי פון אַרגענטינע — וועגן מאַרק ווארשאַווסקי, מחבר פון "אויפן פריפּעטשיק" און אַנדערע פאָלקסטימלעכע לידער.

מוצאי שבת, דעצעמבער 2, דער דיכטער חיים שוואַרץ האָט רעפערירט וועגן דער פּאָעזיע פון משה לייב האַלפּערן. משה כהן האָט פאָרגעלייענט פון מ.ל. האַלפּערנס לידער.

מוצאי שבת, דעצעמבער 9, יעקב לעווין האָט רעציטירט פון די ווערק פון שלום עליכם און יעקב פרידמאַן. מוזיקאַלישער פּראָגראַם: פּסח מאַלעוויטש, פּיאַנאָ.

מוצאי שבת, דעצעמבער 16, שרה ליינער האָט רעפערירט וועגן שבת — די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ראָלע פון דעם זיבעטן טאָג. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: ריסא איגעלפעלד.

מוצאי שבת, דעצעמבער 23: מאָטל האָרוויץ האָט פאָרגעלייענט פון שלום עליכמס חנוכה=מעשיות. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: דער כאר פון איי.פּ.איי. דיריגירט פון ניצאַ נימאַן.

מוצאי שבת, דעצעמבער 30, "ווי האַלט עס מיט יידיש? וואָס זיינען די דערגרייכונגען אין די אמעריקאַנער אוניווערסיטעטן? אין מדינת ישראל? און איצט אין רוסלאַנד?" אויף דער טעמע האט רעפערירט פּראָפ. מאַרווין צוקערמאַן. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: ראָמאַן צינמאַן, פידל; מאַיאַ; פּיאַנאָ.

## 1990

מוצאי שבת, יאַנואַר 6, 1990, בערנאַרד מ. ווייסבערג האָט רעפערירט אויף דער טעמע: מדינת ישראל אויפן שוועל פון 1990.

מוצאי שבת, יאַנואַר 13, איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון דער זינגערין, חזנטע פון טעמפּל איזראעל, אביבה ראָזענבלום, אין א פּראָגראַם פון יידישע פאָלקס=לידער און אַריעס פון קלאַסישע אָפּערעס.

מוצאי שבת, יאנואר 20, איז אויפגעטראָטן דער פּאָעט און רעדאַקטאר פון "חשבון" משה שקליאר, ער האָט גערעדט וועגן דוד האָפּשטיין, צו זיין 100=סטן געבוירן=יאָר. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

מוצאי שבת, יאַנואַר 27, לילקע מייזנער האָט רעפרירט וועגן דעם לעבן און שאַפן פון שרייבער ב.י. ביאַלאָסטאָצקי. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: איזאַבעל קעץ, געזאַנג.

מוצאי שבת, פעברואַר 3, ווידער אַ גאַסט ביי אונדז. חיה׳לע אש, די גוט באַקאַנטע אַקטריסע האָט דאָס מאָל גערעדט אויף דער טעמע ״דאָס קינד אין דער יידישער ליטעראַטור״.

מוצאי שבת, פעברואַר 10, שרה ליינער, האָט רעפערירט וועגן ״חמישה עשר בשבט״ דער ניי־יאָר פון דיביימער״. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: דער איי־פּי־איי כאָר, דיריגענט — ניצאַ נימאַן.

מוצאי שבת, פעברואַר 24, האָט יעקב לעווין רעציטירט פון די ווערק פון י.ל. פּרץ. אין דער מוזיקלישער פּראָגראַם: פּסח מאַלעוויץ, פּיאַנאָ.

מוצאי שבת, מערץ 3, חיים שוואַרץ האָט גערעדט וועגן לעבן און שאַפן פון דעם פּאָעט מאַני לייב. פון מאַני לייבס ווערק האָט רעציטירט משה כהן.

מערץ 10 און מערץ 24 איז אויפגעטראָטן אונדער גאַסט פון ישראל, די באַקאַנטע אַקטריסע און רעציטאַטאָרין פון יידישער פּאָעזיע און פּראָזע, הדסה קעסטין.

מערץ 17 פּראָפ. מאַרווין צוקערמאַן האָט אַנאַליזירט דאָס זאַמלבוך ״ווידערוווקס״ וואָס שטעלט פאָר אַ ריי יונגע יידישע שרייבערס און פּאָעטן.

## נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* העשיל קלעפּפיש: ״אָפּגעשלאָסן אַ תקופה״ — דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום, וואָרצלען און אייגנאַרט. עסייען, 592 זז׳. דאָס בוך איז ארויסגעגעבן דורכן וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור, ירושלים 1989.

* חנן קיעל: ״אין ווינט פון זכרון״, עסייען און לידער, 158 זז׳, אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער שול־פּאַרוואַלטונג ביים אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק 1990.

* פּסח וואָלקאָוויטש: ״די טראַגעדיעס פון לעבן״, ראָמאַן, 230 זז׳, תל־אביב — לאָס־אַנדזשעלעס, 1989.

* גרוניאַ סלוצקי — קאַהאַן: ״לידער און פּראָזע״, 242 זז׳, מאָנטרעאַל, 1987. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פאָרוואָרט פון באַוווסטן דיכטער שלום שטערן.

* איציק פריימאַן: ״ליבע־בריוו און לידער״, 86 זז׳, פאַרלאַג, ״נס״, ירושלים, 1989. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ הקדמה פון באַוווסטן שרייבער יאָסל בירשטיין.

* א. אָפּאַטאָווסקי: ״לאָמיר לאַכן״ זאַמלונג פון מעשהלעך, וויצן און פאַלקס=ווערטלעך, 400 זז׳. צווייטע אויסגעברייטערטע אויפלאַגע. פאַרלאַג ישראל=בוך תל־אביב, 1989.

## א שפּראַכליניע

פון זיך אַליין האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטענדיקער טעלעפאָנישער קאָנטאַקט צווישן דעם ברייטן עולם און דער יידיש־ליגע. מענטשן וואָס האָבן קשיות וועגן יידישן שפּראַכבאַניץ — גראַמאַטישע, לעקסישע, סטיליסטישע, אָרטאָגראַפישע — קלינגען אָן און בעטן אַ תירוץ. די יידיש־ליגע איז זייער גערן צו דינען דעם יידיש־ציבור אויף אַזאַן אופן און מיר ענטפערן בכבוד־גדול, אדרבא, מיר מוטיקן מע זאָל אונדז פרעגן. אין משך פון די אַרבעט־שעהען זאָל מען זיך ווענדן אויף 6675־787 (212), אויף דער נאַכט (צווישן אַכט ביז צען) און זונטיק אויף 7905־231 (212)